STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11731

GRENETSN

Jonah Rosenfeld

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג ע ק ל י ב   נ ע   ו ו ע ר ק

פון

יונה ראָזענפעלד

I

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

יונה ראָזענפעלד

גרענעצן

ווילנע — 1929
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

חיהלען

א געשאַנק

PRINTED IN POLAND

J. Rozenfełd — „G r e n e c n“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

זייט

צווישן טאָג און נאַכט	7
טשאַרטאָריסק	17
אין יענע טעג I	32
אין יענע טעג II	46
אַ נאַכט	55
גרענעצן	63
„באַזאַר“	119
„די כאָליערע“	205

צווישן טאָג און נאַכט

אַזוי גלייך ווי די שטאָט ק. איז פאַרנומען געוואָרן פון די באָלשעוויקעס, האָט מען זיך אין שטעטל וו. געריכט, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָלן זיי אויך אָט דאָס שטעטל פאַרנעמען, און דערפאַר האָט זיך קיינער נישט געוואונדערט, ווען מען האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איינעם אַ פרימאָרגן און מ'האָט שוין די נייע מושלים געטראָפן.

צוגעגאַנגען איז דאָס שטיל, ווייל ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך זיי אַנטקעגנשטעלן. סטראַטעגיש האָט דאָס שטעטל קיין ראָלע נישט געשפּילט. עס איז שוין געווען זייערס, נאָך איידער זיי האָבן עס פאַרנומען. אַזוי גלייך ווי זיי האָבן איינגענומען די שטאָט ק., איז שוין דאָס שטעטל וו. במילא אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער הערשאַפט.

דאָס איז געווען אין שפּעטן האַרבסט. דער הימל איז פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט געווען „פאַרשמירט" מיט האַרבסטיקער שטימונג... די „שטימונג" איז געווען אי אַ רעגנדיקע, אי אַ שנייענדיקע. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ וואַסערדיקע פייכטקייט און עס איז שווער געווען זיך צו אָריענטירן, צי דאָס קומט פונם „פאַרשמירטן" הימל, צי פון דער ערד, וואָס איז געווען פאַרכליאַסקעט מיט אַ נאַסן שניי, וואָס איז אויסגעפאַלן מיט אַ מעת־לעת פריער.

נישט קוקנדיק אויף דעם וועטער, האָט דאָס אַריינקומען פון די באָלשעוויקעס אַרויסגעשלעפּט דאָס גאַנצע שטעטל פון די הייזער אַרויס...

און זעענדיק אזוי פיל מענטשן זיך ארומדרייען אין די גאסן מיט די הענט אין די קעשענעס, האט עס געמאכט אן איינדרוק ווי גבולן וואלטן זיך צעפאלן, ארויס פון פריוואטער פארצוימטקייט און זיך צעגאסן אין דרויסנדיקער צעכליאפעטער הימלעכקייט.. . עפעס אזוי ווי אייגענע וואלטן געקומען, אייגענע, וואס מ׳האט נאך קיינמאל נישט געזען און מען איז בייגיריק זיי אנצוקוקן ווי אזוי זיי זען אויס, צי זענען זיי טאקע אזעלכע ווי מ׳האט זיך פארגעשטעלט, צי אנדערש.

יא, מ׳האט געהערט וועגן זיי א סך גוטס און א סך שלעכטס.. . מ׳ווייסט אפילו, צו וועמען זיי פארהאלטן זיך גוט און צו וועמען שלעכט, און דאס האט דאס רוב יידן נישט געשמעקט.. . ווייל דאס רוב יידן זעבען באשטאנען פון דעם עלעמענט, וואס זיי, די „גרויסע״, האבן פיינט... איינצייטיק אבער זענען דיזעלבע געווען פארכאפט פון נאציאנאלן סענטימענט, וואס קיין יידן אלס יידן טוען זיי קיין שלעכטס נישט, און אויך פון דעם איז מען פארכאפט געווארן, וואס צווישן „זיי״ געפינען זיך א גרויסע צאל „מאחינו בני ישראל״, וואס פארנעמען פאראנטווארטלעכע שטעלעס אין „זייער״ ארמיי.. . יא, וואס איז דער וואונדער, אז דער קאפ פונם גאנצן באלשעוויסטישן חיל איז דאך א ייד.. .

אמת, מ׳האט געוווסט, אז די יידעלעך זענען נישט ווינציקער אכזריותדיק צום בורזשואזן קלאס, ווי די חברים, זייערע די קריסטן, און ווער שטעלט מיט זיך פאר די מערהייט אין די שטעט ? פארשטייט זיך, דער בורזשואזער קלאס, אדער, ווי „זיי״ רופן דאס, „קליינבירגער״, און ווער ציילט דעם גרעסטן פראצענט קליינבירגערטום, אויב נישט די יידישע באפעלקערונג ? . . .

מ׳האט זיך, פארשטייט זיך, נישט געריכט צו לעקן האניק פון זיי... סיי־ווי, וואס זיי זאלן דארטן נישט זיין, יידן, צי קריסטן, האט מען פון זיי קיין גוטס נישט דערווארט. אבער זיכערער איז מען דאך אלץ מיט זיי געווען ווי מיט אלע אנדערע מושלים, און טאקע מיט דעם אליין שוין, וואס צווישן זיי זענען א סך יידן פארטראטן און דווקא דערמיט, וואס די „אייגענע״ זענען אזוי שלעכט, ווי די „פרעמדע״, אין דעם אליין האט מען געזען א גאראנטיע, אז צו גאר שלעכטס, איז ווי שלעכט די אייגענע זאלן נישט זיין, וועלן זיי די פרעמדע נישט דערלאזן. די „פרעמדע״ אליין

וועלן עס נישט טון, אָט טאַקע דערפאַר, וואָס די אייגענע ווייזן שוין גע־בוג שלעכטסקייט אַרויס צו די אייגענע. . .

זיי זענען אַריין נישט אין קיין גרויסער צאָל, דערפאַר אָבער האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל מיטן נאָמען „סטראַשני". און דער נאָמען האָט זיך זייער גוט צוגעפּאַסט צו אים. ווייל וואָס קאָן נאָך זיין שרעקלעכער ווי אַזאַ „באַשעפעניש", וואָס קאָן טון אַ סך שלעכטס און אים אַליין קאָן מען גאָרנישט טון ? גיי טו אים עפּעס, אַז ער איז פאַרשטעלט, פאַרדעקט מיט שטאָלענע פאַרטוכער און פון אַלע זייטן שטעקן אַרויס לאַנגע שוואַרצע נעזער, וואָס זענען גרייט צו יעדער מינוט אַ ביס צו טון און באַשיטן שטאָט און מענטשן מיט אַ בלייענעם האָגל. . .

און אַרום דעם אויטאָמאָביל האָבן געשמייעט סאָלדאַטן, נישטיקע, אַזעלכע הושכדיקע, איינגעדאַרטע און אַזוי אָרים אָנגעטון, ווי זיי וואָלטן יאָרן און יאָרן לאַנג שוין באַלאַנגט צו דער הערשאַפט פון אָרימקייט און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע נישט באַזיגבאַרע קראַפט זייערע, האָבן זיי איבערגעגעבן אין דעם געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל אַריין און אַז דאָרטן איז די קראַפט זייערע מער געזיכערט, ווי יעדער איינער וואָלט „זי" מיט זיך אַרומגעטראָגן. . .

יאָ, זיי אַליין האָבן שוין נישט געדאַרפט געזונטער און שטאַרקער אויסזען, האָבנדיק מיט זיך אַזאַ „יאַט". מ'וועט שוין במילא האָבן פאַר זיי דאָס קדחת. . .

און אַזוי שטילינקערהייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער, וואָס זענען נישט ווייט פון שטאָט געלעגן. און פון איין זייט און פון אַ צווייטער, האָט זיך איין פורל און אַ צווייטס מיט ביקסן באַוויזן, וואָס זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זייערע באַ־העלטעכישן, וואָס עס האָבן דאָ געלאָזט באַהאַלטן די מושלים, וואָס זענען געווען פאַר זיי. . . און אין דעם אַלץ מער און מער צוגעבראַכטן געווער, האָט זיך אַלץ מער און מער געפילט די מאַכט פון דער נייער מאַכט, און ווייל זיי טוען די אַרבעט זייערע אַזוי שטיל, אָן טומל, האָט דאָס באַזונדערס געגעבן צו פילן די זיכערקייט זייערע אין זיך, און דער־פאַר איז געווען פאַר אַלעמען אַ גרויסע איבעררעשונג, ווען עס איז באַ־

ווּסט געוואָרן, אַז זיי האָבן „פאַרנומען“ און פאַרזעצט פיר פּראָמינענטע מענטשן פון שטאָט, צוויי יידן און צוויי קריסטן, וואָס קעגן זיי פּערזענלעך האָט מען גאָרנישט געהאַט, נאָר זיי זענען גענומען געוואָרן אַלס ערבות-לייט.

נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס דאָס האָט געגעבן אַ גרונט צו גלייבן, אַז זיי אַליין זענען נאָך נישט אינגאַנצן זיכער, אַז זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן, איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אַ חוץ איינצלנע אויסנאַמען, אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַן אומרויקייט פאַרן גורל פון די צוויי אַרעסטירטע יידן... איז דאָך באַוווּסט, אַז דאָס לעבן פון אַזעלכע ערבות-לייט איז אַלע מאָל געשטאַנען אין קאָן... עס האָט נאָר באַדאַרפט עפּעס אויסברעכן אין שטאָט, זענען זיי געפאַלן די ערשטע קרבנות... און ווער האָט עס געקאָנט פאַרזיכערן, אַז אַזעלכעס וועט נישט פּאַסירן? צי ווער האָט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז זיי וועלן שוין בײַ דער מאַכט פאַרבלייבן? און טאָמער קומט זיי אויס צו פאַרלאָזן די שטאָט, האָט דאָך דאָס לעבן פון אַזעלכע ערבות-לייט קיין שאָס פּולווער די ווערט נישט געהאַט.

דערפאַר איז מען אַזוי אומרויק געווען פאַר די צוויי אַרעסטירטע יידן. אמת טאַקע, אַז צוזאַמען מיט די אומרויקייטן האָבן זיך יידן „געשמידט די הערצער מיט פּוטער“ פאַר איינעם פון די צוויי אַרעסטירטע קריסטן, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט. מ'האָט אין דעם אַליין, אין דעם אַרעסט פון די צוויי קריסטן (און באַזונדערס אינעם אַנטיסעמיטס אַרעסט), געזען, אַז די מאַכט אַליין איז נישט קיין אַנטיסעמיטישע. דאָס איז געווען אַ שטיקל נחמה. האָט עס אָבער פון אַ צווייטער זייט נישט געטרייסט: אויב די קריסטן, וואָס זענען אין מאַכט, זענען אויף אַזוי פיל קיין קריסטן נישט, אַז אין קאַמף פאַרן אידעאַל, וואָס זיי קעמפן, נעמען זיי זיך נישט פונאַנדער צווישן ייד און קריסט, שטייען זיכער די יידן, וואָס פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס אין דער רעגירונג, אויך אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרמע און דאַן קאָן מען דאָך נישט דערוואַרטן קיין ישועה פאַר די צוויי יידישע ערבות-לייט, ווען אפילו אין דער שפּיץ פון אָט דעם אַטריאַד וואָלט אַ ייד געשטאַנען... מ'האָט דאָך נישט געקאָנט פון אַזעלכן אַזעלכעס פאָדערן. אָט סימפּאַטיזירן דאָך זיי אַליין, די

ייִדן, מיטן ערגסטן פֿון די קריסטן און זיי וואָלטן נאָך מער סימפּאַטיזירט, ווען מ'לאָזט אַריין דעם אַנטיסעמיטל אַ שטיקל בליי אין דער ברוסט אַריין. מוז מען דאָך זיין לאָיאַל ווען עס האַנדלט זיך וועגן אייגענע. . .

סײַ ווי האָט מען אויף דער הייסער מינוט גאָרנישט געקאָנט אונטערנעמען עפּעס צו טון. מ'האָט געמוזט געדולדיק זיין און וואַרטן ביז ס'וועט זיך אַלץ איינשטאַלעווען. און ביז דער צייט וועט מען זיך שוין מסתּמא דערוויסן ווער ס'שטייט אין דער שפּיץ פֿון דעם אַטריאַד. אַ ייִד צי אַ קריסט. . . אמת טאַקע, מ'האָט מיטן טרוקענעם שכל פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַלץ איינס, נאָר טיף אין די ייִדישע הערצער האָט זיך דאָך פֿאָרט געלאָזט גלייבן, אַז בײַ אַ ייִד וואָלט מען גיכער געקאָנט פּועלן, אַז אין פֿאַל כ'וויס דאַרטן וואָס, זאָל ער שאַנעווען די צוויי ייִדן. הגם דער קלאָרער שכל איז נישט געווען מיט דעם איינפֿאַרשטאַנען. דער קלאָרער שכל האָט די ייִדן געזאָגט, אַז ווען אפֿילו זיי וואָלטן פּאָזיטיוו געוווּסט, אַז דער „עלטסטער” איז אַ ייִד, וואָלטן זיי זיך נישט אונטערנעמען צו קומען בעטן פֿאַר די צוויי ייִדישע ערבֿות-לייט אַלס ייִדן פֿאַר ייִדן. דאָס וואָלט, ערשטנס, זייער נישט טאַקטיש געווען און צווייטנס, וואָלט עס באַוויזן, אַז זיי זענען נאַציאָנאַליסטן, און חיבֿאַלד נאַציאָנאַליסטן, שטייען זיי דאָך אויף איין פּלאַטפֿאָרמע מיט אַלע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן און אַז אַלע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן זענען נאַציאָנאַליסטן, דאָס האָבן שוין ייִדן גאָר גוט געוווּסט. איז אפֿשר טאַקע אַ פּלאַן מ'זאָל זיך משתּדל זיין פֿאַר די צוויי קריסטן אויך. . . אַ וואָס איינער פֿון זיי איז אַ הונט מיט אויערן, איז דאָך ממה נפֿשך: וועלן די באָלשעוויקעס פֿאַרבלייבן בײַ דער מאַכט, האָט מען פֿאַר אים מורא ווי פֿאַר אַ הונט אָן ציין און טאָמער נישט, איז אויך גוט, קאָן אַמאָל אַזאַ אַנטיסעמיטל בײַשטיין אין אַ נויט. . .

און בכדי ס'זאָל גאָר אַרויס אגיל ואשמח, איז באַשלאָסן געוואָרן צוציען אַ פּאָר קריסטן אין דער מצווה פֿון פּדיון שבֿויים. אַז ס'וועלן זיין קריסטן מיט ייִדן און די קריסטן מיט די ייִדן וועלן זיך משתּדל זיין פֿאַר אַלע פֿיר אַרעסטירטע ערבֿית-לייט, וועט זיי שוין דאַרטן, „זיי” צי „אים”, — ווער און וויפֿיל ס'זאָל דאַרטן נישט שטיין איז דער שפּיץ פֿון

אַט דעם אַטריאַד סאָלדאַטן, וואָס האָבן די שטאָט פאַרנומען, מעגן זיי (אָדער ער) זיין יידן צי קריסטן, — קיינמאָל נישט איינפאַלן, אַז דאָס זענען געקומען יידן בעטן פאַר יידן און די קריסטן פאַר קריסטן, נאָר אַלע צוזאַמען, וויפיל ס׳וועט זיך איינגעבן אַריינצושלעפּן מענטשן (פון וועלכער אומה ס׳זאָל נישט זיין), וועלן אַלע בעטן פאַר אַלע פיר.

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, ס׳הייסט אַלע די יעניקע, וואָס האָבן „באַשפּראָכן״ דעם ענין און זענען בלויז געווען פּאַראינטע־רעסירט אין דער באַפרייונג פון די צוויי יידן, און טאַקע גלייך אויפן שטעל האָט יעדער איינער פון זיי אָנגערופן אַ נאָמען פון דעם און פון דעם קריסט, וואָס זאָל גיין מיט זיי, מיט די יידן, בעטן פאַר די אַרעס־טירטע מ׳זאָל זיי באַפרייען, און תוך כדי דבור, אַזוי ווי מ׳איז געשטאַ־נען אין רעדל און גערעדט וועגן דעם, האָט זיך באַוויזן איינער פון די קריסטן, וועמענס נאָמען ס׳איז אָקאָרשט אָנגעגעבן געוואָרן פון איינעם פון די יידן, מ׳זאָל אים משתּתּף זיין אין דער גרויסער מצווה פון „אויסלייזן געפאַנגענע״, האָט מען דעם קריסט אָפּגעשטעלט און מ׳האָט דערציילט אים וואָס עס האַנדלט זיך.

— אַזוי און אַזוי, בירגער!

האָט זיי דער בירגער־קריסט אָנגעקוקט מיט זיינע טאַמעוואַטע בלוי־וואַסערדיקע טעמפּע אייגעלעך און אַ זאָג געטון:

— אבאַ מיני שטשאָ? (וואָס גייט עס מיך אָן?)

שוין אינם לשון קאָ מען זיך אָנשטויסן, אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטער אוקראַינער גוי, נאָר באַ די יידן איז ער פאַרעכנט געוואָרן פאַר אַ קריסט (רוס) דערפאַר, וואָס ער האָט אַ שטאָטישע פּרנסה (אַ באַקאַליי־געשעפט), וווינט אין שטאָט און לעבט אַ שטאָטיש לעבן. די יידן האָבן אפילו נישט באַמערקט אין וועלכער שפּראַך ער ענטפערט זיי. זיי האָט עפּעס אַנדערש פּאַראינטערעסירט. ווי אַזוי אַרט עס נישט אַט דעם ערל פאַר זייניקע, פאַר די צוויי קריסטן, און הגם זיי האָבן נישט געוואָלט און ס׳האָט זיך פּראַקטיש נישט געלוינט אין דעם מאָמענט אונטערצושטרייכן די גרענעצן צווישן ייד און קריסט, האָבן זיי דאָך נישט ווילנדיק דאָס געמוזט טון:

— וואָס הייסט? וואָס רעדסטו? דאַרטן זיצן דאָך צוויי פון דיי־ניקע!

האָט דער גוייִשער קריסט אָדער דער קריסטלעכער גוי קיין סעקונדע נישט געטראַכט און זיך אַזוי אָפּגעזאָגט:

— אַ טשאָרט איס נימי (כאַפּט זיי דער טייוול) ניכאַי (וועמען גייט עס אָן?)

דאָ האָבן זיך די יידן ערשט געכאַפּט, ווי ווייט זיי קאָנען נישט די שכנים זייערע, מיט וועלכע מ׳וווינט פון דורות און דורות לאַנג זייט בײַ זייט. זיי האָבן זיך ערשט געכאַפּט, אַז דער נאַציאָנאַליזם זייערער, דער גוייִשער, גייט אַזוי ווייט אַוועק, בלויז וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן יידן. אָבער איינער צום צווייטן, האָבן זיי קיין באַציונג נישט...

* *

*

נישט באַמערקט איז דער טאָג אַוועק, אָדער האָט געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, הגם ס׳האָט זיך אײַנגעבלצן געדאַכט, אַז ס׳איז בין השמשות. פון אָנ־פאַנג אָן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט בײַם סוף, ווייל דער הימל איז די גאַנצע צייט געווען „פאַרשמירט״.

ס׳האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַמליך צו ווערן פון אַרומדרייען זיך שלינג און שלאַנג. די נייע געסט האָבן אויפגעהערט צו אינטערעסירן, זיך צוגע־וווינט צום געדאַנק, אַז קיין איבעריק שלעכטס טוען זיי נישט און די־טרייסט, אַז קיין פּאָגראָמען מאַכן זיי נישט, האָט אויפגעהערט אַ יום־טוב צו זיין און מ׳האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פּרנסה און געוווּסט האָט מען, אַז אונטער זייער ממשלה איז דאָס פּונקט אַזוי מעגלעך, ווי פאַרן פעלד־אַרבעטער צו באַאַרבעטן זיין פעלד אונטערן היישעריק, וואָס קוקט נאָר אויס, אַז ס׳זאָל זיין עפּעס אויפן פעלד, וועט „ער״ פאַר־דאַרבן.

אינם בין־השמשות האָט זיך נישט נאָר דער צווישן טאָג און נאַכט

געפֿילט, עס האָט זיך אויך געפֿילט עפּעס אַ מין „צווישן" פֿון דעם לעבן, וואָס מ'האָט אָפּגעלעבט ביז אַהער, און דעם נייעם לעבן, וואָס עס שטייט פֿאָרויס. ס'האָט זיך געשפּירט עפּעס אַן אומבאַשטימטקייט פֿון עפּעס אַ פֿרעמד און ניי לעבן, וואָס פֿרעמדע און אומבאַקאַנטע האָבן מיט זיך אַריינ־געפֿירט, און ס'איז געווען אומבאַשטימט, צי ס'וועט גוט זיין אָט דאָס, וואָס זיי ווילן דאָ איינפֿירן, צי ס'וועט נאָך זיין ערגער ווי ס'איז ביז אַהער געווען... מאָמענטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ חול המועד האָט זיך אין דער וועלט אַראָפּגעלאָזט: אַ חול המועד, וואָס קיין וואָך איז דאָס נישט און נישט קיין יום־טוב... ס'איז געווען אי ערגער, אי בע־סער פֿון אַלע וואָכעדיקע און פֿון אַלע יום־טובדיקע טעג און ס'איז אוממעגלעך געווען זיך צו אָריענטירן, צי די הויפּט לאַנגווייליקייט זיך אומעט געפֿינט זיך אין דעם טייל פֿון יום־טוב, צי אין דעם טייל פֿון וואָך.

נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, נישט קיין יום־טוב און נישט קיין וואָך, נאָר אַ צווישן פֿון עפּעס צו עפּעס האָט זיך געשפּירט. די לופֿט איז גרוי געווען און פֿייכט, דער הימל איז געווען פֿאַרשמירט פֿון איין האָריזאָנט ביזן צווייטן, די ערד פֿאַרכליאַסקעט מיט אַ שנייענדיקער בלאָ־טע און מיט אַ בלאָטיקן שניי און דער מרחק צווישן ערד און הימל איז געווען אָנגעפֿילט מיט אומעט... און געדאַכט האָט זיך, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך „אָנגעבלאָזן", איז גרויס און ברייטוועלטיק ברוגז אויף זיך אַליין, הלמאי זי, די וועלט, איז אַ וועלט... אַז ס'האָט איר שוין אַזוי דערעסן אַ וועלט צו זיין...

און אונטער אָט דעם גרויסן וועלט־רוגז איז עפּעס אויף אַלעמען אַ רחמנות געווען, אפֿילו אויף זיי איז געווען אַ רחמנות, אויף די נייע מושלים, וואָס האָבן באַזיגט דעם שונא און אים פֿון שטאָט, שטעטל און דאָרף פֿאַרטריבן... און אַפֿילו אויפֿן „סטראַשני" איז אויך אַ רחמנות געווען... עפּעס איז ער געשטאַנען ווי אַ גרויסער גולם מיט די גרויסע קיילעכדיקע פֿיר פֿיס אונטער זיך, אונטער זיין שווערקייט און אָנגעלאָדנ־קייט; די רויטע פֿאָן, וואָס האָט אינדערפֿרי אַזוי האָפֿערדיק געפֿלאַטערט, האָט איצט אָ פֿון פֿייכטקייט שמאָטעדיק געהאַלטן זיך אָנגעהאָנגען אין שטעקן...

און הגם מ'האָט שוין דעם אינטערעס צו קוקן אויף דעם געפאַנצערטן איטאָמאָביל אויך פאַרלוירן, האָט מען זיך דאָך פאָרט אַרום אים אַרומגעדרייט, ווייל ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער פונקט ווו און אַרום וואָס מ'זאָל זיך געווען אַרומדרייען, און אַרומדרייען האָט מען זיך געמוזט דערפאַר, וואָס מ'האָט אין די הייזער נישט געקאָנט איינזיצן. די גאַס האָט אַזוי ווי אויסגעפּאָמפּעט די היימישקייט און די געמיטלעכקייט פון די הייזער. די גאַס אָבער איז דערמיט נישט היימלעכער געוואָרן... ס'האָט זיך יעדער איינער געפילט פרעמד אין זיין אייגענער שטאָט, ווי עס פילט זיך איינער אין אַ פרעמדער שטאָט, נאָר ער האָט אייגענע און די אייגענע ווילן אים אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן, און דערפאַר וואָס דאָס איז אַ שטאָט, וואָס איז אים היימלעכער פון אַנדערע פרעמדע שטעט דערמיט, וואָס ער האָט דאָרטן אייגענע, פילט ער טויזנט מאָל מער די אכזריותדיקע פרעמדקייט, ווי ער וואָלט עס געפילט אין אַ צווייטער שטאָט, ווו ער האָט קיינעם נישט... ענלעכס אויף דעם האָבן די שטעטלדיקע געפילט באַ זיך אין דער אייגענער שטאָט, ווו מ'איז געבוירן געוואָרן און מ'לעבט שוין צענדליקער יאָרן...

ס'איז געווען גרוי, פייכט און קאַלט, און דער אומעט, וואָס האָט זיך געשפּירט, איז, דאַכט זיך, געווען צוזאַמענגעשטעלט פון די אַלע דריי יסודות... עס האָבן „געבראָכן" די ביינער און שווער איז געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן פון וואָס, צי פון די אַלע דריי זאַכן, צי פון גרויסן אומעט, און מ'האָט שוין גאַנץ גלייכגילטיק געקוקט אויף די פורלעך מיט ביקסן, וואָס מ'האָט נאָך געהאַלטן אין איין אַריינפירן פון די אַרומיקע דערפער, און דער איינדרוק, וואָס מ'פלעגט האָבן, אַז מ'האָט אַ ביקס געזען, איז עפּעס פאַרטעמפּט געוואָרן... זעענדיק זיי אין אַזאַ גרויסער צאָל ליגן אָנגעוואָרפן אויף די פורלעך און דערצו נאָך אַזעלכע ברודיקע, שמוציקע און פאַרבלאָטיקטע, האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק ווי נישטיקע העלצלעך און שפּיזלעך, וואָס מען האָט ערגעץ ווייט און נאָענט צווישן גויים און צווישן גויישער פרעמדקייט צונויפגעקליבן... און יעדער שפּיז, האָט זיך געדאַכט, איז אַ פאַרגלי-

ווערטער, פֿאַרהאַרטעוועטער אויסרוף־צייכן, פֿאַרגליווערטע פֿאַרהאַרטעווע־טע אויסגעשרייען פֿון אַ פֿאַרפֿייניקטער וועלט, וואָס פֿייניקט זיך און פּיי־ניקט אַלץ וואָס אין איר און איז נישט בכּוח נישט זיך, נישט אַנדערע צו העלפֿן... — — —

טשאַרטאָריסק

דער וואָקזאַל אָן אַ דאַך, אַ סקעלעט מיט פענצטער, לעכער אַרום אים — הורבעס עטיי ער. לעבן דעם וואָקזאַל=סקעלעט אַ הילצערן שאַלאַשל, אַ נייעס, אַ פרעמדס. . . אַ פּאָר באַן=באַאַמטע, אַ סך זעלנער; גרופּעסווייז שטייען זיי פרייע, צעשפּיליעטע, צעלאָזטע; דאָ און דאָרט ראַזירט איין זעלנער דעם צווייטן, עס בלאַנקען קליינע שפּיגעלעך, ראַזיר=מעסערס און שערעלעך. גרעסערע און קלענערע גרופּעס זיצן אויף דער ראַמפּע, די פיס אונטער זיך און שפּילן אין קאָרטן, אַנדערע עסן און טרינקען טיי פון פאַרשידענע כלים, נאָך אויף אַן אַרט גייט אָן אַ האַנדל מיט קייטעלעך געפלאָכטענע פון פערדישע ווידל=האָר און מיט פינגערלעך אויסגעאַרבעט פון קריגס=מעטאַלן „צום אָנדענק פון דער מלחמה”. און נאָך אויף אַן אָרט צווישן דעם גאַנצן תהו ובהו האָבן עטלעכע זעלנער אַרומגערינגלט צוויי געפאַנגענע מאַדיאַרן. די לעצטע רעדן עפּעס אויף אַ מאָדנער שפּראַך, וואָס קיינער פון די רוסישע פאַרשטייט נישט, און טאַקע דאָס אַליין, וואָס זיי פאַרשטייען נישט, האַלט זיי צוגעבונדן צו די פרעמד=ערדיקע. ס'אַמוזירט זיי, די רוסישע זעלנער, וואָס זיי פאַרשטייען נישט וואָס די פרעמדע רעדן.

אַ סאָלדאַטסקע אַטמאָספערע. די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט זעלנערישן ברוד און שווייס. . . ווי אַ גרויסע קאַזאַרמע זעט אויס דער פּלאַץ, אַ קאַזאַרמע אָן אַ דאַך, אָן ווענט, נאָר אַ פּאָדלאָגע אַ צעמענטענע. . . מיט שטום=שווייגן קוקט אויף מיר די באַקאַנטע געגנט. . . ווי פאַרגלי-

יונה ראָזענפעלד (2)

חערט, פאַרטייעט אין זיך, קוקן אויף מיר פון נאָענט און ווייט באַקאַנטע ערטער און באַגריסן מיך מיט אומבאַוועגלעכקייט און שווייגן...

איך פיל מיך עלנט און אומרויק, קוק מיט שטומער שווייגעניש אויף באַקאַנטער געגנט ווי שטום די געגנט קוקט אויף מיר. איך וואָלט געוואָלט ווערן אַ רואה ואינו נראה... איך האָב עס געוואָלט ווערן אין דער צייט, וואָס איך האָב באַמערקט, אַז עס קוקט אויף מיר אַ ריזיקער זשאַנדאַר מיט לאַנגע וואָנסעס און באַטראַכט מיך מיט אַזאַ שוידערלעך קאַלטן בליק און איך זע ווי ער מאַכט שוין אַ שפּאַן צו מיר, האָב איך מיך גלייך געלאָזט אים אַנטקעגן און אַ זאָג געטון:

— גאָספּאָדין זשאַנדאַר!...

און אין אַ ווײַלע אַרום שטאַמלענדיק צוגעגעבן:

— איך בין אַליין אַ טשאַרטאָריסקער און פאָר איצט קיין טשאַרטאָריסק, ספּעציעל צו אָפּגעפאָרן מיין רויִנירט שטעטעלע צו באַטראַכטן.

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן גלעזערנעם קוק, מיט טשיקאַוע פאַרדעכטיקייט און טיראַנישער קאַלטבלוטיקייט...

— האָסט אַ פּראָפּוסק?

כ'באַווייז אים דאָס פּאַפּירל, אָבער זיין פּנים ענדערט זיך נישט... גרימט מיר שוין אינעווייניק: עפּעס קוקט ער צו לאַנג אין דעם פּאַפּירל.

— געהערט, אַז מיין שטעטעלע איז אינגאַנצן רויִנירט...

— דיין פּראָפּוסק איז נאָר ביז ראַפּאַלאָווקע...

— נו איז וואָס?

ער לייגט אַריין דאָס שטיקל פּאַפּיר צו זיך אין דער גרויסער זשאַנדאַרמסקער קעשענע און לאָזט זיך אַוועקגיין מיט שווייגעניש... גיי איך אים נאָך און רעד אים אין פּלייצע אַריין, אין דער פרעמדער ברייטער פּלייצע... דערקלער אָט דער פּלייצע, אַז באַקומען האָב איך דעם פּראָפּוסק נאָר ביז ראַפּאַלאָווקע דערפאַר, וואָס אויפן פּאַס בין איך אַ ראַפּאַלאָווקער נכתב. אָבער אין אמתן בין איך גאָר אַ טשאַרטאָריסקער. איך בין געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין טשאַרטאָריסק.

שווייגט די פּליצע און ס׳קלאַפּן די שפּאָרן... פּאַרלויף איך אים זייטיק, פּאַרקוק אים אין אויער אַריין:

— ...גאָספּאָדין זשאַנדאַרם!

ער איז גלייכגילטיק און שטיינערדיק. די אויגן זענען טעמפּ ווי בײַ פיש... עס שוידערט מיך...

— הייסט עס, גאָספּאָדין זשאַנדאַרם, אַז איך האָב נישט געטאָרט פאָרן קיין טשאַרטאָריסק... נו, גוט, זאָל מיר דער גאָספּאָדין זשאַנדאַרם אָפּגעבן מיין פּראָפּוסק, וועל איך מיר צוריקפאָרן.

ער ענטפערט נישט און ענדערט זיך נישט. ער איז גלייכגילטיק צו מיר און צו מיינע רייד...

— גאָספּאָדין זשאַנדאַרם!

ער קלינגט מיט די שפּאָרן פעסט און אַנטשלאָסן... דער גאַנג איז זוענן מיר און וועגן מיין פּאַפּירל...

— יאָ, דער גאָספּאָרין זשאַנדאַרם איז גערעכט. טאַקע אַ נאַרישקייט פון מיר... נעמען און פאָרן קיין טשאַרטאָריסק מיט אַ פּראָפּוסק קיין ראַפּאַלאָווקע... איך האָב דווקא געבעטן מען זאָל מיר געבן קיין טשאַרטאָריסק...

גערעדט צו אים ווי צו אַן אייגענעם מענטש. און די ציין האָבן שוין געקלאַפּט בײַ מיר אין מויל... איך האָב בכיוון אַזוי גערעדט... כדי אים זאָל שוין גאָרנישט איינפאַלן, אַז איך ווייס, אַז מיך דערוואַרט עפּעס גרויזאַמס...

אַ סאָלדאַט האָט מיך באַמערקט נאָכגיין דעם זשאַנדאַרם און האָט מיט גרויס רחמנות געקוקט אויף מיר...

— דאָס שוואַרצע־יאָר האָט מיך אָנגעטראָגן אַהערצו, — האָב איך געזאָגט דעם סאָלדאַט — פאַרשטייסט, זעמליאַק, איך בין אַליין, אויפן פּאַס הייסט עס, אַ — אַ ראַפּאַלאָווקער, און האָב אַ פּראָפּוסק קיין ראַפּאַלאָווקע, און בין, ווי דו הערסט, פאַרקראָכן אין טשאַרטאָריסק...

דער גוטמוטיקער זעלנער האָט מיך באַטראַכט און באַדויערט, ווי אים וואָלט שוין אַלץ קלאָר געווען וואָס מיך דערוואַרט...

דער גרויסער זשאַנדאַר איז אַרייַנגעגאַנגען אין דעם קליינעם שאַלאַשל, און געמאַכט האָט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז דאָס קליינע

ביידל-וואָקזאַלעכל האָט אין זיך עפּעס איינגעשלונגען גרעסערס פון זיך... איך בין געבליבן שטיין הינטער דער טיר. איך בין געשטאַנען אין גרויזאַמער איינזאַמקייט, באַקאַנט מיט דער סביבה און געגנט, וואָס האָט מיט ער ישער פאַרלאָזטקייט און חיסטן אומעט געקוקט אויף מיר... איך האָב געשפּירט יענע איינזאַמקייט, וואָס עס פילט אַ פאַראורטיילטער צום טויט, געפינענדיק זיך צווישן טויזנטער מענטשן... און מערקווירדיק, איך האָב געשמייכלט... איך האָב געפילט, אַז איך שמייכל... געמיינט, אַז ס'נוצט מיר צו עפּעס און נישט געוווּסט צו וואָס, און ווייטער געשמייכלט.

זיי האָבן זיך באַוויזן אין דרייען, אַלע דריי גרויסע און געזונטע, מיט וואָנסעס און מיט שפּאָרן... דער ערשטער (דער שוין באַקאַנטער) איז מיך פאַרבייגעגאַנגען ווי ער וואָלט מיך שוין נישט געזען... נו, ווי איך וואָלט שוין נישט עקזיסטירט פאַר אים... קענטיק, אַז ער האָט שוין דאָרטן אינעווייניק, אין וואָקזאַל, זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיר און מיט מיין עקזיסטענץ און ס'לוינט זיך שוין נישט מיר צו שענקען אויפמערקזאַמקייט... דערפאַר האָבן מיר די צוויי זשאַנדאַרן, די נישט באַקאַנטע, שוין געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און האָבן זיך געלאָזט צוגיין צו מיר מיט אַזאַ רויקן און געמאָסטענעם שפּאַן און דערביי האָבן אַזוי קלינג קלינגעדיק געמאָסטן דעם ריטם פון זייערע טריט די שפּאָרן זייערע... יעדער טריט אַ קלינג, יעדער קלינג אַ טריט, ביז מ'איז צוגעקומען צו מיר און זיך פאַרנומען צווישן זיך דינגען ווער פון זיי עס זאָל מיך אָוועקפירן (וויהין האָב איך נישט געוווּסט) און דער, בא וועמען איך בין געבליבן, האָט מיט גרויס תרעומות געזאָגט:

— צום טייוול געהער ער מיר... נאָך זיך פירן מיט אים... ווינציק ערד איז דאָ פאַראַן?

— אידיאָם! (לאָמיר גיין).

פון דעם מאָמענט האָב איך אויפגעהערט צו עקזיסטירן... איך האָב געפילט, ווי איך בין געוואָרן אַ זאַכל מיט אויגן און פיס, און דערשפּירט ווי עס צאַפּט זיך פון מיר... ווי די פיס ווערן באַגאָסן מיט אַ ווארעמער פליסיקייט...

אָפּגעפירט מיך אַ שטיק וועג, האָב איך פלוצלינג זייטיק באַמערקט

אַ באַקאַנטע פיגור. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך אַן אַקסל און אַן פּראָפיל דערקענט דעם טשאַרטאָריסקער סטראַזשניק.

— גאָספּאָדין צוועטאַיעווסקי!!!...

ער האָט מיך נישט דערקענט.

— גאָספּאָדין צוועטאַיעווסקי!...

ער האָט מיך צום סוף דערקענט און דאָס האָט מיך געראַטעוועט. איך האָב, זעט אויס, שוין פון גרויס גליק פיל נאַרישקייטן גערעדט און ער האָט געלאַכט.

— וואָס האָט מען דאָ געוואָלט טון מיט מיר? — האָב איך בײַ אים געפרעגט, ווען איך בין פון יענעם פריי געבליבן.

— דאָס, וואָס מ'טוט, אין אַזאַ פאַל, מיט יעדן איינציקן...

מ'וואָלט מיך אַוועקגעפירט אין שטאַב אַרײַן, און מער וואָלט איך שוין די ליכטיקע שײַן נישט געזען.

איך האָב אים געפרעגט, צי בין איך שוין איצט זיכער מיט מײַן לעבן, און באַקומענדיק אַ באַפּרידיקטן ענטפער, האָב איך אַרויסגעזאָגט מײַן הייסן פאַרלאַנג דאָס שטעטל צו באַזוכן, ווײַל וואָס איך בין ספּעציעל פון קיעוו אַראָפּגעפאָרן.

באַקומען דערויף די דערלויבניש, האָב איך אים הערצלעך באַדאַנקט, געזעגנט זיך מיט אים און פונוויטן שוין באַגריסט מיט אַראָפּנעמען דאָס היטל...

* *

*

דאָס פעלד געדיכט באַוואַקסן, באַוואַקסן מיט ווילדקייט, באַוואַקסן מיט פוסטקייט. אַ כאַאָס פון שטעכעדיקע, פאַרטריקנטע געוויקסן, וואָס האָט געגלאַנצט און געבלאַנקט אַנטקעגן דער סוף זומערדיקער זון, וואָס האָט באַלויכטן געגנט און פוסטקייט, באַשיינט און באַגילדט דעם תוהו ובוהו, אַ פעלד פון ששת ימי בראשית, וואָס האָט נאָך קיינמאָל פון קיין אַקעראײַזן נישט געוווּסט... דאַכט זיך, אַ שטיק פּלאַנעט איז פון ערגעץ

אראפגעפאלן, אפגעריסן פון ערד און הימל, נישט באַקאַנט מיט מענטש און בהמה...

האריזאנטאל קיילעכיק, צווישן האריזאנטאלער לעערקייט בלאנדזשעט מיין בליק... כ'טראג זיך אלץ ווייטער און ווייטער, מיט וועג און אן וועג.., דורכויס סטעפּישע פארלאזטקייט, ערדישער אומעט... ווו נישט ווו הייבן זיך אן צו ווייזן גריבער אין אייזן, שטיקער גלאז צווישן ווילד גראז, געמישט מיט זאמד און קווייטן, דראט געפלאכטן ווי קייטן און ביימער געל טענע,ביימער פארשניטענע און ביימער פארברענטע אויף די ווארצלען, מיט צווייגן שווארצע, צעקעמטע, וואס טייטלען מיט שווארצקייט און שטילקייט אויף ערדישער פארלאזטקייט, אויף סטעפּישער וויסטעניש.

זייטיק, לעבן א שמאל פארוואקסן סטעזשקעלע, וואס פירט פון איין חרוב ארט צום צווייטן, האב איך דערזען א לענגעכיק בערגעלע מיט א צלם.., ערדיק און זאמדיק אין געצלמטער איינזאמקייט, א סימן פון עמעצנס פריינטשאפט, ליגט זיך א קבר... מיט ערדיש שווייגן, מיט שטילקייט און שווערקייט און קבר־ערד, ליגט זיך דאס בערגעלע ווייט פון טויטע, ווייט פון לעבעדיקע... אויף דער ערד און אין דער ערד, און דאך פאר זיך מיט קברדיקער איינזאמקייט, אויטגעטיילט זיך פון ערד, אפגעגרענעצט זיך פון פעלד מיט מאס און לענג פון מענטש...

— קריסט! איז דיר היימלעכער מיטן צלם? אך! דאס איז דאך נישט מער ווי א שטומער עדות פון דיין קריסטלעכן גלויבן... ווער האט דיך אהערגעבראכט און ווער האט דיך דא באגראבן?... קריסט! לעבן דיר שטייט א ייד און באדווערט דיך... מיר גלוסט זיך וויינען אויף דיין קבר, אבער דער צלם האלט מיך אפ דערפון... ווען נישט דער צלם, וואלט איך מיך מיט דיר פיל היימלעכער געפילט. אבער מיטן גאנצן הארץ און מיט ווייטיק זאג איך דיר:

— קריסט! מ'האט פארגעסן אן דיר!...

וואס ווייטער אלץ אפטער ווייזן זיך גריבער, לאנגע ווי שלשלתן געדרייטע, דא און דארטן זענען ווי עריבן געשטאנען דרעגלעך, געצויגן מיט דראט, אנגעוויקלט אויף גרין גלעזערנע „לושקעלעך" און פלעקער אן א צאל, דורכגעפלאכטן מיט שטעכעדיקן דראט, וואס זעען אויס פונוויטן ווי לאנגע, גרויסע פאנטאסטישע פיש. אויף יעדן

שריט אין טריט שטיקלעך טשוגון פון צעריסענע סנאָריאַדן, גרעסערע און קלענערע שטיקלעך, גרויסע שטיקער, און גאַנצע בישט צעריסענע בעכער... ווי שאָלעכץ פון ניס, האַלבע שטיקער און שטיקלעך פון אויפגעריסענע באַמבעס און האַנט־גראַנאַטן און גאַנצע קנוילן שטעכעדיק דראָט, וואָס ליגן ווי גרויסע יאָזשען, באַהאַלטן קאָפּ און פיס אונטער דער האַרטער שטעכעדיקער פעל... דאָס גאַנצע פעלד מאַכט אַן איינדרוק ווי דער שר הברזל וואָלט עס מיט אייזן באַשפּיגן, באַבראַקעט מיט גאַנצע דראָט־קנוילן... ווי אויף אַ מיסט־פּלאַץ ליגן דאָ און דאָרטן בלעכענע פּושקעלעך פון קאָנסערוון, עס בלאַנקט גרין גלאָז פון פלעשער, גאַנצע און צעבראָכענע, אין שכבות מיט שטיקער וואַטע, איבלדיק קויטיקע מיט באַרדאָ פלעקן. דערביי אַ צעטרעטן היטל אָן אַ דאַשעק און אַ דאַשעק אָן אַ היטל, און אָפּגעריסענע אברים פון זעלנערישן אָנטון, אַ קאָלנער פון אַ מאַרינאַרקע, אַן אַרבל פון אַ העמד, אַ פּאָדעשווע מיט טשוועקעס פון אַ שטיוול, און נאָך און נאָך זאַכן, ווי נאָך אַ שטורעם־ווינט, ווי צענדליקער שיפן וואָלטן אַהער פאַרטראָגן געוואָרן און צעשמעטערט געוואָרן, אָדער ווי טויזנטער שדים וואָלטן זיך דאָ געהאַט צעהוליעט און צעבושעוועט... מיט שדים־טאַנץ און טאַנץ־שטורעם, מיטגלאַנץ און קברים, און איך... איך צווישן אַלץ, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער גייסט, ווי אַ נשמה פון גאַנצן כאַאָס... אויף מיין קערפּער גיסט זיך אַ שוידער פון פעלדפּוסטקייט און פעלד־אומעט... טויזנטער שרייענדיקע טענער צאַפּלען זיך אין מיר און רייסן זיך פון האַרץ און נשמה: מיין ליב האַרציק פעלד! מוטער פון אייביקייט, האַרץ פון נאַטור, פון אַ ווייטער פרעמדער געגנט איז צו דיר דיינס אַ געטריי קינד געקומען, דיינס אַ קינד וואָס איז דאָ, אויף דיין שויס, אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און דיך געצייכנט מיט פּיאַטע און פינגערלעך פון מיינע קליינע קינדערישע פיסלעך... איך בין דאָ אַהערגעקומען זיך אָנזאַפּן מיט דיין טרויער און מיט דיין שטומען ערדישן וויי... פאַרלאָזט ביסטו, פאַרהאַסט און באַשפּיגן, ווי אַן אַלטע זונה ליגסטו, מאַמע מיינע, צעגראָבן, צעלעכערט, צעשטאָכן און אין שמאַטעס געהילט...

שטיל, פּאַמעלעך באַוועגן זיך די געוויקסן, געוויקסן פון ווילדקייט און פּוסטקייט, פון זיך און פאַר זיך אויסגעוואַקסן. זיי שאָקלען זיך, ווי די האָר בײַ אַ טויטן אויפן קאָפּ אין דער פרייער לופט. עס דאַכט

זיך, זיי דערציילן פון ברייט־ששחדיקער פאַרוויסטעגיש. דערציילן פון אַ תהו־ובהודיקן אומעט.

צווישן כאַאָס דערזען אויף אַ היפשן שטח תבואה אויפן וואַרצל, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועטער פאַס ערד. צוגעגאַנגען, אַ ריר געטון אַ זאַנגען־קעפּל און ס'האָט זיך אַ שאָט געטון ברוינע איבערגעטריקנטע קערנדלעך. פאַמעלעך האָבן זיך געשאָקלט די זאַנגען: געשורשקעט מיט פאַרטריקנטער שטרויענער האַרטקייט, די קעפּלעך האָבן זיך געבויגן און געבראָכן, געהאָנגען ווי געקוילעטע אין די שטרויענע קערפּערס און אַלע צוזאַמען האָבן מיט באַוועגן זיך און שורשקען ווי געקלאָגט זיך אויף טיפער עלטער, געקלאָגט מיט טרוקנקייט, שטרוי אויף שטרויענער האַרטקייט: מיר שיטן, שיטן זיך. .

וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שנייד זיך אַלץ טיפער און טיפער אין אַ תהו ובהו, אַז איך דערווייטער זיך פון עפּעס און דערנענטער זיך צו גאָרנישט. איך בין געגאַנגען געקאָרטשעט אין גרויסן ברייט־שטחדיקן אומעט, געהילט אין פוסטקייט און אין שווערן אומעט פון אַ גרויס שטיק ערד... און אָט בין איך צוגעקומען און זיך געשטעלט לעבן אַ גרויסן לעבעדיקן בוים מיט קליינע בלעטעלעך און קליינע באַרעלעך, גרינע און קליינע ווי בלעטער, בלעטער ווי באַרעלעך, שווער אונטערצושיידן... אַ ווילדער בוים, אַן אַלטער בוים, תמיד ווילד, תמיד יונג באַשיט מיט קינדער־בלעטצלעך און באַרעלעך, שטענדיק האַרטע, שטענדיק גרינע, וואָס ווערן קיינמאָל נישט צייטיק... פעלדיש ווילד, פעלדיש געזונט, געדיכט באַשאָטן בוים און צווייג. לאַנג געשטאַנען אונטער בוים און שאָטן. און באַרעלעך געריסן מיט בלעטעלעך און שטעקעלעך צוזאַמען... גלאַטינקע, פרישינקע, קודלינקע. באַטראַכט און געגלעט מיט בלעטל און באַרל, אויגן און ליפּן, געקושט און געניצט מיט הייסע טרערן קילקייט און גרינקייט און אָנגעלייגט פולע קעשענעס מיט בלעטעלעך און באַרעלעך מיט שטעקעלעך, אַ טריט געמאַכט, שטיין געבליבן, פאַרכלונעט אין ווייטיקדיקער בענקשאַפט:

— בוים! — — — — — — — — — — —

פון פוסטער געדיכטקייט האָט פּלוצלינג שטילקייט אויפגעלעבט מיט פליגל און קראַ... שטיל סווישטשען די שוואַרצע פליגל, ווי אַ נשמה פון סטעפּישער פּוסטקייט... מיט שוואַרצקייט און אומעט פון אַ גרויס פאַרוויסטער געגנט... זי פליט גאַנץ נידעריק און טראָגט מיט זיך פגרים־סודות... מיט פליגל און פליען דערציילט זי פון אַ סך פגרים, וואָס ליגן ערגעץ צווישן הימל און ערד צעוואָרפן, איבער סטעפּישער ברייטקייט, איבער סטעפּישער פאַרלאָזטקייט... די קראָ האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ פערדישן סקעלעט מיט סימנים פון פלייש, ביינער און קראַקווען... זיך אַוועקגעשטעלט און גלייך עקשנותדיק, געדולדיק גענומען ציען און רייסן אַ ברעקל פלייש פון אַ ביין... אָפּגעריסן — פליט זי ווייטער מיט פליגל און פליען, מיט רויבערישע שטילקייט און קראַישע איינזאַמקייט... מיט גוטן זכרון, מיט וועג און ריכטונג, מיט שוואַרצן גלאַנץ, מיט שוואַרצער שטילקייט טראָגט זי זיך נידעריק איבער ווילדע געוויקסן און שטרויענדיקע גראָזן, וואָס באַהאַלטן צווישן זיך קברים און פגרים. לאָזט זיך אַראָפּ אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן מיט רויקייט און שטילקייט און גיט איבער גרוסן פון איין פגר צום צווייטן.

אויפן געלבלעכן זאַמד, וואָס זעט אויס ווי קוקורוזאַ־מעל, האָב איך מיך צוגעזעצט אָפּרוען. דאָס זאַמד איז אַמאָל געווען דער סימן פון אַ העלפט וועג פון דאָרף אין שטעטל אַריין. איצט אַ העלפט וועג פון איין וויסט אָרט אין צווייטן. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט: דאָס זעלבע זאַמד מיטן בריקעלע און דאָס שמאָלע ריטשקעלע אונטן, וואָס לויפט פון וועלדער און פעלדער מיטן זעלבן אימפּעט, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק. מיט שנעלקייט לויפט דאָס וואַסער, ווי אין שטענדיקע שליחות, פון וואַלד אין פעלד, פון פעלד אין וואַלד איבערצוגעבן גרוסן איינס ס'אַנדערע, פון וואַלד־טיפקייט, פון פעלד־ברייטקייט, מיט סודות פון לאַנגן קיום און אייביקייט... אויפן זאַמד צעוואָרפן ליגן די זעלבע האָרבאַטע סאַסנאָווע קאַרליקעס, וואָס שטייען אין איין מאָס זינט איך געדענק זיי... זייט־זשע מיר באַגריסט, מיינע ליבע קאַרליקעס! אייביק זאָלט איר מיר לעבן און אייביק זאָל לעבן אייער מוטער־זאַמד...

ענדלעך דערזען אַ באַקאַנטע גרופּע ביימער... אָן אַ פּאַרקן, אָן מצבות... אַן אָנגעשוואָלן שטיק ערד... אַרויף אַהינצו, אַריינגעקראָכן

צווישן צווייגן און ביימער, צווישן געדיכט-צונויפגעפלאָכטענע פאַרפּלאָנ־טערטע קוסטעס, געזוכט און געגישטערט אַ בערגל, אַ צאַם, אַ מצבה, קיין סימן, אַ גלאַט צעאַקערט שטיק ערד, ווי נאָך דער „בראַניע". ווו ניט ווו האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך שטיין מיט איינצלנע אותיות, שוואַרצע און באַגילדטע מצבה-אותיות, וואָס האָבן דערציילט פון אַ צווייטן אונטערגאַנג, פון נעמען אויף אייביק פאַרגעסענע, נעמען צעריסענע, אויף עולם ועד באַגראָבענע... אותיות גרויסע, ווי אויגן פון אַ וועלט מיט מענטשן, וואָס זענען צוויי מאָל באַגראָבן געוואָרן און ווילן דאָך נישט פאַרגעסן ווערן... אויס קברים, אויס בית-הקברות. אויף אייביק זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די ערטער ווו מיין טאַטנס און מאַמעס ביינער האָבן גערוט, אַ דאָפּלטער יתום געוואָרן... בלויז די ביימער זענען פאַרבליבן און צווישן די ביימער טראַנשייען, וואָס לעבעדיקע האָבן פאַר זיך אויס־געגראָבן און האָבן זיך צווישן מתים און ביינער באַהאַלטן... לעבן די גריבער וואַלגערן זיך ביינער ווייסע, וואָס בלייכן זיך אויף ערד... אַ שאַרבן מיט יונגע ווייסע ציין און גרויסע אויגן-לע־כער...

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן איין בערגעלע שטיינער נאָכן צווייטן. בערגעלעך מיט בוריאַן באַוואַקסענע און מיט אַנדערע ווילדע גע־וויקסן כמעט איין וווּקס מיט מיר, און ביימער אַ סך, וואָס האָבן אַמאָל צווישן הייזער אַזוי פיל זיך נישט אָנגעזען... פיל פון זיי מיט פאַרסמאַ־ליעטע שטאַמען און צווייגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט זייער שוואַרצ־קייט אַנטקעגן דער זון, אויסגעזען ווי אין שוואַרצן אַטלעס גע־הילט...

שטיל, אַ חורבדיקע שטילקייט... אַ שטילקייט פון אַ ברייט חורוב־געוואָרענעם שטח... די ערד, ווי מיט צרעת באַדעקט. די בערגלעך, ווי מכּות אָפּגעריסענע, אַרומגעוואַקסענע מיט ווילדע האָר.

ווי אַ געליבטער דערקענט נישט זיין געליבטע נאָכן טויט, אַזוי־

האָב איך מיין ליב שטעטל נישט דערקענט... געשוואָלן און באַוואַקסן...
אַ גרויסער דיקער בר־מנן...

פאַרוואָס נישט אַלע ביימער אין טרויער געהילט? אָך, וואָס פאַר אַ גיגאַנטישע יתומים!... אין האַרטער, אין שוואַרצער פאַרגליווערונג מיט שטילן דרך־ארץ, מיט גרויס יראת־הכבוד, שטייען ביימער פאַר מוי־טער־ערד, וואָס איז —

געשטאָרבן...
שוואַרצע צווייגן טייטלען:
טויט!!!
עס שרייט מיט שטילקייט די שטילקייט:
וויסט!!!

מיט צענדליקער טויטן איז געשטאָרבן אַ ישוב. אין הינ־דערטער שטילקייטן ליגט דער ישוב געהילט, פאַרטראַכט און פאַר־זונקען אין אייגענעם חורבן, און פאַרגליווערט שווייגן די ביימער פון אַ גרויס שטיק ערד, וואָס האָט זיך פון ערד אַראָפּגעריסן און חרוב געוואָרן.

ביימער לעבעדיקע! באַגראָבט די מאַמע אייערע!

מיט גלאַנציקער זון־שוואַרצקייט שלאָגט עס אָפּ פון די פאַר־ברענטע ביימער און צעגיסט שוואַרצן אומעט און שוואַרצן טרויער... זונען־גלאַנץ און טרויער־גלאַנץ אין איינעם און באַזונדער... עס שיינט און בלאַנקט זון מיט שוואַרצקייט, עס גליט און שימערירט מיט שוואַרצקייט און העלקייט, ווי דאָס אייביקע לעבן און דער אייביקער טויט וואָלטן בשותפות עפּעס אַ מין אבל געווען, אָדער ווי טויזנטער נשמות אומגעקומענע, פאַריאָגטע, פאַרטריבענע פון הייזער און ערד בלאָנדזשען דאָ אַרום און זוכן אַ תיקון.

איך קוק אויף דעם חורבן מיט אומעט און שטילשווייגן, ווי אַלץ אַרום מיר קוקט אויף מיר... מיר דאַכט, אַז איך האָב אַ בערגעלעבט אַן אייביקייט, אַ טויזנט־יעריקן פּראָצעס פון אונטערגאַנג, אַז איך בין דער לעבעדיקער גייסט פון דעם גרויסן חרוב־געוואָרענעם אָרט, מיר דאַכט, אַז איך בין די נשמה פון דעם חרוב־געוואָרענעם ישוב און בלאָנ־

דזשע אַרום דאָ אַרום, ווי אַ נ״מה אויפן קבר פון איר אָפּגעריסענעם גוף... אין זכרון שווימט אַרויס איין שטוב נאָך דער אַנדערער, אָבער ווּ, אויף וועלכע ערטער ?...

איך קאָן מיך נישט אָריענטירן: פאַרוואַקסן אַלע וועגעלעך, אַלע סטעזשקעלעך, געבליבן איז נאָך דער שליאַך, אָבער אויך אים איז שווער צו דערקענען: ער איז פיל ברייטער געוואָרן, זאַמדיקער, ווי אַ צעאַקערטער פאַס ערד, אָנגעפּויזשט, אָנגעשוואָלן, שוואַרץ-זאַמדיק, ווייס-ערדיק, ווי איינגעשניטן פון רעדער און מיט לעכער פאַרבליבענע פון פערדישע פיס...

זאַמד און שליאַך, אָן שטאָט און אָן מענטש, אָן וואָגן און פערד... צעאַקערט מיטן קומען און אַוועקגיין פון פרעמדע, וואָס האָבן נישט בעקאָנט די שטיבער אין שטאָט, שטח און געגנט און איבע־געלאָזט פאַר אייגענע נישט צו דערקענען... מיט פייער און שווערד הייזער פאַר-ניכטעט און די ערד צעגראָבן, באַשפּיגן מיט אייזן און מעש און גע-לאָזט — געלאָזט אַ צעאַקערטן שליאַך אוןביימער פאַרשניטע-ע, און ביימער אויף די וואָרצלען פאַרברענטע.

טשאַרטאָריסק! איך דערקען דיך נישט!...

געבליבן איז נאָר דער הויכער גיגאַנטישער קלויסטער, אָן צלמים, מיט לעכער, וואָס זען פון ווייטן אויס ווי שוואַרצע פאַרטרוקנטע וווּנדן. אַרום אים זענען אויך געבליבן די הונדערט-יעריקע גיגאַנטישע ביימער מיט די גרויסע דיקע צווייגן, וואָס יעדע צווייג פאַר זיך זעט אויס ווי אַ בוים... אייניקע פון זיי געלעכערט און צוגעסמאַליעט, און אָפּגעבראָכענע צווייגן, וואָס זענען אויפן בראָך געבליבן הענ-גען... גרויסע ווּנדן, אַ סך האָלץ... ווּ נישט ווו איז דער שטיי-נערנער פאַרקן אַרום דעם קלויסטער צעשאָסן, צעשמעטערט, און דער גאַנצער קלויסטער-פלאַץ באַשפּריצט מיט גרויסע שטיקער און קליינע שטיקלעך ציגל, מיט דריי הונדערט-יעריקע פאַרשטיינערטע וואַפּנע מיט קאַלך... אינעווייניק אין קלויסטער — חורבן... ווענט הויכע, ווענט הוילע, מיט לעכער, און פענצטער ווי לעכער... אָפענע טירן, אָפענע פענצטער, אָפענע לעכער, פיל מיט גאַז, פול מיט זון, פול מיט לופט, הויל און ליכטיק, חורבן-פוסט, חורבן-לעער, אָן קדושה, אָן טומאה... און דאָרטן אויבן אַ הויכע, קיילעכדיקע קופאָל-טיפקייט,

גרויסע טיפע שפּאַלטן און גרויסע ריזיקע וואונדן, גיגאַנטישע, קלויס-טערדיקע. . .

— קלויסטער, ווייסטו נישט ווו זענען די פּלעצער, ווו מיינע צוויי בתי-מדרשים זענען געשטאַנען?

מיט דרך-ארץ געקוקט אויף קלויסטער-חורבן, אויף קלויסטער גאַנצ-קייט, אויף קלויסטער גבורה. פיל איז דאָרטן חרוב געוואָרן און גאָר-נישט חרוב געוואָרן. אינעווייניק איז גאָרנישט געבליבן און אַלץ געבליבן. עס זענען געבליבן ווענט און קלויסטער. . . אייביקע גבורה, אייביקע גאַנצקייט. . .

פּאַרלאָזט ווענט מיט לעכער, קלויסטערדיקן דרויסן און ווייטער געגאַנגען. געקראָכן צווישן בוריאַן און אַנדערע ווילדע געוויקסן, איך בין פון קאָפּ ביז די פיס באַזעצט געוואָרן מיט „בערעלעך" און דריי-פּיסיקע שטעכעלקעס ווי קיילעכדיקע און דריי-פּיסיקע אינזעקטן. געבלאָנ-דזשעט אויף אָנגעשוואָלענע ערטער פון הייזער פאַרשווונדענע, פון היי-זער פאַרברענטע און סמנים פון פייער און שרפה, אָפּגעקילט און אָפּ-געוואַשן פון צייט און רעגן. . . געבויגן שטוביקע בלעך און אייזן, דורכ-געוואַקסן מיט גראָז און דערנער. . . עדות פאַרבליבענע פון חורבן, פון הייזער און שטאָט.

אַ קאַלטע שרפה!

מיט שניי-ווייסקייט און אויר-לייכטקייט האָט זיך איבער מיין קאָפּ אַדורכגעטראָגן אַ לאַנגע שפּינוועבס מיט זיידענע קלאָרקייט און זיידן-גלאַנץ זיך געשיפּט אין ליכטיקן לופט-רוים. . . ווי אַן אויסגעלאָשע-נער זונען-שטראַל, וואָס קאָן זיך צום הימל נישט דערהויבן און וואָס קאָן אויף דער ערד נישט פאַלן. צווישן ערד-חורבן און לויטערן הימל און ריינער דורכזיכטיקער לופט האָט דאָס שפּינוועבס געשוועבט, ווי אַ שלענגעלע קעפּלדיק און ווידלדיק זיך באַוועגט. . . קעפּל אַהער, ווידל אַהין, געטאַפּט לופט און ליכטיקייט, ווי פאַרבלאָנדזשעט, ווי עפּעס געזוכט, קאָקעטיש אַהין-אַהער; און גאָר פּלוצלינג זיך אַ וואָרף געטון צווישן אַ גרופּע ביימער און זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ צווייגל.

צוגעגאַנגען און דערזען ביימער פיל באַשאָטן מיט עפּל און

בּאַרן, צעלעכערטע פון פויגל־שנאָבלען... אַ פּאַרצייטיק לעבן, אַ לעבן פון ביימער פון זיך און פאַר זיך מיט פרוכטן, וואָס הענגען און פוילן אויף בוים און צווייג, וואָס פאַלן מיט קלאַפּ און שטילקייט און מיט פויגל־געזאַנג, מיט פויגל, וואָס שטייען און הענגען ווי שוועסטער און ברידער פון באַר און עפּל קעפּל צו קעפּל, צוזאַמען פון בוים און צווייג אויס־געוואַקסן.

צווישן די ביימער אַ שפּינוועבס דערזען, די גרויס ווי אַ קיילע־ביק אויסגעפלאָכטן טישטוכל. סאַמע אין דער מיט איז זיך מאַיעסטע־טיש געשטאַנען אַ שפּין ווי אַ זשאַבע די גרייס, מיט לאַנגע, לאַנגע לאַפּעס. דערזען מיך, האָט ער זיך אַ יאָג געטון און דאָס גאַנצע שפּינ־וועבס האָט אַ ציטער געטון, אָבער איז גלייך שטיין געבליבן מיט אַ ישוב, יאָ אנטלויפן, נישט אַנטלויפן... די לאַפּעס האָבן געקוקט, די לאַפּעס האָבן געטראַכט, יעדע לאַפּקע שפּיציק, בויגיק און רירעוודיק, יעדער ריר האָט בעזאָגט:

— שטיל!!!

יעדע באַוועגונג:

— טויט!!!

— וויסט!

סימבאָל פון חורבן, שוואַרץ־לאַפּיקע נשמה פון וויסטעניש...

טשאַרטאָריסק!!!

געלאָזט זיך לויפן מיט וועג און אָן וועג. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז נאָך מיר יאָגט זיך נאָך ערדישער אומעט און בראשיתדיקער תוהו־ובוהו. צוריק געלאָפן, געלאָזט הינטער זיך אַ פאַרנאַכטיקן מזרח און אַנטקעגן אַ פרימאָרגנדיקן מערב, וואָס האָט געשטאָכן די אויגן מיט זון און ליכטיקייט... פון ווייטע און הויכע מרחקים האָבן שטראַלן געטאַפּט בוים און צווייג אין שטילן קלאַנג פון אונטערגאַנג, זיך געטובלט אין ביימער פאַרברענטע אָן קאָרע, אָן הויט, שוואַרץ ווי טויט.

איך בין געלאָפן, געלאָפן אויף פעלד־ברייטקייט און פעלד־פּוסטקייט, אין אַ ים פון ווילדע געוויקסן, צווישן גריבער און קברים. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מתים אין קברים זענען זיך פון

בית־עולם צעלאָפּן... און זיך צעלייגט איבער שטאָט און פעלד מיט קבר־שווערקייט און קבר־שטילקייט... אויף אייביק פאַרטריבן לעבן און לעבעדיקע, אויס שטאָט, אויס פעלד, אַ גרויס, אומענדלעך גרויס בית־הקברות...

1916

„אין יענע טעג“

1.

נאָך איידער דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען פונוויטנס עטלעכע ביקסן־שאָסן. ווען דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף, ליגן אַן אומבאַגרענעצטע צאָל מענטשן אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און ס'הערשט אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט. איינע, אַ בלינדע, לעבן איר אָרט ווו זי איז געזעסן, טאַפּט מיט די הענט אינדערלופטן, זוכט די מענטשן. וואָס זי ווייסט נישט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. דאָס פּנים פון דער בלינדער דריקט אויס אויסערגעוויינלעכע שרעק. זי מאַכט איין טריט און אַ צווייטן, שלאָגט זיך אָן אין מענטשן, בייגט זיך פאַמעלעכקע אָן, טאַפּט ווידער אָן און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, אין דער צייט, ווען איינער און אַ צווייטער הייבט זיך שוין אָן אויפצוהייבן.

מענטשן זענען דאָרטן פאַראַן פאַרשידענע. עלטערע און יינגערע און קינדער. צווישן די פרעמדע מענטשן דערקענט מען נישט ווער עס זענען די באַלעבאַטים פון שטוב. אַלע פילן זיך היימלעך און אומהיימלעך.

איינער הייבט אויף אַ שטיקל פאַרהאַנג, קוקט אַרויס אינדרויסן.

אַ ש ט י ם

וואָס זעט מען?

ד ע ר ו ו אָ ס ק ו ק ט א י ן פ ע נ צ ט ע ר

אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס... ער זעט אויס ווי אַ ייד.

אַ צ ו ו י י ט ע ש ט י ם

באַ זיי איז דען דאָ יידן אין דער אַרמיי ?

א י י נ ע ר

אויפהייבנדיק זיך

גייט בעסער אַוועק פון פענצטער !

הייבט אויף אַ שטיקל פאָרהאַנג און קוקט אליין אַרויס. איינער נאָכן אנדערן הייבן זיך אָן אויפצוהייבן. איינער גייט אָפּ פ ו ן פ ע נ צ ט ע ר. אַ צווייטער ש ע ט זיך און קוקט פאָרזיכ-טיק אַרויס

אַן אַ נ ד ע ר ע ר ו ו אָ ס ק ו ק ט אַ ר ו י ס

די קריסטן גייען אַרום פראַנק און פריי.

צ ו ו י י ט ע, אַ ז י י ט י ק ע ש ט י ם

געהערט אַ חידוש !

נ אָ ך אַ ש ט י ם

אַ ביסל וואַסער, ווו נעמט מען אַ ביסל וואַסער ?

אַ ש ט י ם

פון איינעם, וואָס פארקוקט אין פענצטער

אַ קריסט איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ הונט פון אַנטקעגנדיקער מויער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעדן מיטן סאָלדאַט.

אַ צ ו ו י י ט ע ר

וואָס פארקוקט אין צווייטן פענצטער

ביידע קוקן זיי אַהערצו !

ש ט י מ ע ן

אַהערצו? אַהערצו קוקן זיי?

ברעכן די הענט, דריקן אויס שוידערלעכן צער און פאַרצווייפלונג

אַ ש ט י ם

ווי אַזוי זאָלן זיי נישט קוקן אַהערצו, אַז מען האַלט אין איין אַרויס-קוקן.

צ ו ו י י ט ע ש ט י ם

האָט רחמנות, גייט אַוועק פון די פענצטער!

אַפּ פון די פענצטער

א י י נ ע ר א ו ן אַ צ ו ו י י ט ע ר

וואָס וועט עס זיין? וואָס וועט עס זיין?

פון דרויסן דערטראָגט זיך אַ געלעכטער

אַ ש ט י ם

איר הערט אַ לאַכן? איר הערט ווי מ׳לאַכט?

אַ צ ו ו י י ט ע ש ט י ם

נו, וואָס ווילט איר, זיי זאָלן וויינען?

איינער הייבט אויף די בלינדע און באַזעצט זי

ד י ב ל י נ ד ע

אַ? שוין?

ד ע ר ו ו אָ ס ה אָ ט ז י א ו י פ ג ע ה ו י ב ן

מ׳וועט אייך שוין צו וויסן געבן.

ב ל י נ ד ע

מ׳האָט דאָרטן עפּעס עמעצן געשאָסן?

דער וואָס האָט זי אויפגעהויבן

פארדריסיק

ביים גיט אַ קוק, וועט איר זען.

אָפּ פון איר

אַן עלטערע יידענע, וואָס זעט שלעכט

ווו איז מיין זון? וואָלט מיין זון דאָ געווען, איז ווי אַזוי ס׳וואָלט שוין באַשערט געווען, אויב חלילה געהרגעט צו ווערן, איז כאָטש אינאיינעם, וויי צו מיר! וויי צו מיר! ווער ווייס...

ביים צו, פארהויבט אַ שטיקל פּאַרהאַנג, וויל אַרויסקוקן. אין דער צייט שלעפּט זי אַן עלטערער מענטש אָפּ פון פענצטער

דער עלטערער מענטש

זעסטו אויך באַגלייך מיט אַלעמען? נאַטע, אייער פּנים דאַרף מען נאָך פון פענצטער דערזען!

אַ צווייטער

כאַפּט אַ קוק אין פענצטער

אָט גייען דריי סאָלדאַטן.

צווייטע שטים

זעען אויס ווי יידן?

ערשטע שטים

וואָסערע יידן? ווער יידן?

אַ צווייטער

קוקט אין פענצטער

און דער קריסט, דער אייגענער, וואָס האָט פריער גערעדט מיט יענעם סאָלדאַט, רעדט איצט מיט די דריי.

אײנער

קענטיק פון שטוב, כאַפּט אַ קוק אין פענצטער

איך קען אים, דעם קריסט, ער האָט דאָרטן די קאַלבאַסנע, נישט ה...
פונדאַנען.

אַ שטים פון אַ זײַט

און ער האָט זי פאַרמאַכט הײַנט, די קאַלבאַסנע?

דער מענטש פון שטוב

גײט אַוועק פון די פענצטער. איבער אײַך װעלן מיר דאָ אומקומען.

אײנער

װאָס איז דאָ פאַר אַ באַװאָרעניש, האַ? איר רעכנט, אַז אויב זײ װעלן
װעלן, װעלן זײ נישט קאָנען אויפברעכן די אײַזערנע טיר?

אַ װײַטע שטים

דעמאָלט זענען מיר אַלע פאַרלוירענע.

די ײדענע

װוּ איז מײַן זון? מײַן זון װוּ איז? װי אַזױ עס װאָלט באַשערט געװען...
איז כאָטש אינאײנעם.

אײנער

צו דער ײדענע

אויב איר װעט מאַכן אַ ליאַרם, װעט מען אײַך אַרויספירן פונ-
דאַנען.

אַ חתן

צו אַ כלה, װאָס האַלטן זיך די גאַנצע צײַט אינאײנעם און פון אַלעמען
אָפּגעזונדערט

אַ? נו, װאָס?... װאָס ביסטו נאָך אַזױ אויסגעפּוצט?... האָסט נישט גע-
קאָנט עפּעס אַנדערש אָנטון?

כ ל ה

וואָס האָב איך געקאָנט עפּעס אַנדערש אָנטון? קיין ערגערע שמאַטע האָב איך שוין נישט.

חתן

און וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקעמט?

כ ל ה

איך האָב זיך דאָך געמוזט צוקעמען. מ'קאָן דאָך נישט, איך האָב דאָך נישט דיינע האָר.

אַ שטים

שאַט נאַר! שטילער! איר הערט? איר הערט געשרייען? איר הערט געוואַלטן? דאָס מוז זיין אין אַ דריטן אָדער אין אַ פערטן הויף פונדאַנען.

אַלע הערן זיך איין. אַ טויטע שטילקייט. פאַר דער צייט דערהערט זיך ווי מ'ברעכט זיך ערגעץ אין אַ טויער

אַ שטים

איר הערט?

צווייטע שטים

דאָס מוז אויך זיין נישט ווייט פונדאַנען.

דריטע שטים

דאָס איז טאַקע דאָרטן. דאָרטן שרייט מען טאַקע, ווו מ'ברעכט זיך אין טויער אַריין.

פערטע שטים

מ'קלאַפּט אין טאַצן. איר הערט ווי מ'קלאַפּט אין טאַצן?

פינפטע שטים

אָ, דאָס מוז זיין ווייט פונדאַנען!

איינער

פארקוקט פאַרזיכטיק אין פענצטער

אַ קריסט גייט און לייענט אַ בלאַט.

צווייטע שטים

ווייטער אַ חידוש דערזען, נו?

נאָך אַ שטים

ווו זענען די דריי סאָלדאַטן?

צווייטע שטים

די דריי סאָלדאַטן שטייען נאָך דאָ. דער קריסט האָט זיי געגעבן פּאַפּיראָסן און זיי שטייען און רייכערן. לעבן זיי שטייען עטלעכע קליינע שקצימלעך מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס.

איינער

וואָס פארקוקט אין פענצטער

אַט פאָרט רייטנדיק אַ קאָזאַק אין טלית!

אַ שטים

ווו נעמט מען אַ ביסל וואַסער?

די יידענע

מיין זיין, ווו איז ערגעץ מיין זון? וואָלט ער דאָ מיט מיר געווען...

איינער

צו איר

הערט, איר קאָנט זיין שטיל, צי ניין?

א י י נ ע ר

וואָס פּאַרקוקט אין פענצטער

דער קאָזאַק האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ קירעווע אויף צוריק. נאָך אים זענען אַוועק די דריי סאָלדאַטן מיט שקצימלעך. דער קריסט קוקט זיי נאָך און לאַכט.

א לענגערע צייט הערשט א טויטע שטיליקייט. פּלוצלינג דערהערן זיך פון גאָר נאָענט געשרייען, א ליאַרם פון צעבראָכענע שויבן, און איינער נאָך דעם אַנדערן עטלעכע רעוואָלווער-שאָסן. אלע גיבן זיך א וואָרף אויף דער ערד, ליגן אומבאַוועגלעך. די בלינדע הייבט זיך ווידער אויף, טאַפּט ווידער מיט די הענט, טאַפּט קיינעם נישט אָן און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע.

א י י נ ע ר

הייבט זיך אויף, פאַרבייגט א שטיק״ פאַרהאַנג

יאָ!

אַ צ ו ו י י ט ע ר

וואָסי?

ע ר ש ט ע ר

ס'ליגט שוין דאָ ווער!

ד ר י ט ע ש ט י ם

געשאָסן?

א צווייטער, א דריטער און א פערטער רייסן זיך א קוק צו טון. איינער שלעפּ! דעם צווייטן אָפּ פון פענצטער, און דער, וואָס שלעפּט אָפּ, כאַפּט אליין א קוק

אַ ש ט י ם

ער ליגט מיטן פּנים אַהערצו.

צווייטע שטים

ער האַלט נאָך, דאַכט זיך, אָפן די אויגן.

דריטע שטים

זעט אויס, ער איז אַרויסגעלאָפן, האָט מען אים אין פלייצע גע־ שאָסן.

פערטע שטים

איך זע דאָס ריטשקעלע בלוט?

ערשטע שטים

דעם קריסטס הונט איז צוגעלאָפן און לעקט דאָס בלוט.

דריטע שטים

און דער קריסט שטייט פונווייטן און קוקט.

אַ נייער

וואָס האָט איינעם אָפגעשלעפט פון פענצטער און קוקט אַליין

צוויי סאָלדאַטן זענען צוגעגאַנגען און טאַפן אים די קעשענעס. זיי שלעפ עפעס פון דאָרטן און לייגן זיך אין די קעשענעס אַריין.

אַ צווייטער

זיי טוען אים אויס. אַ גרויסער שגץ איז צוגעלאָפן און שלעפט באַ אים די שיך פון די פיס.

נאָך איינער

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער לעבט נאָך.

איינער און אַ צווייטער

זיי האָבן אים אויסגעטון אינגאַנצן נאַקעט.

אַן אַנדערע שטים

דער הונט טאַנצט אַרום, באַשמעקט אים פון אַלע זייטן.

י י ד ע נ ע

וי אַזוי זעט ער אויס ?

רייסט זיך צום פענצטער. מ׳לאָזט זי נישט צו

אַ י י ד

קענטיק דער באַלעבאָס פון שטוב

נו, וואָס האָט איר צו אונז ? וואָס ווילט איר פון אונזער לעבן? גייט אַוועק פון די פענצטער !

גייען אוועק, נאָר אין דעם מאָמענט, ווען דער ייד דרייט זיך אָפּ, שטייען שוין אנדערע עטלעכע מענטשן און איינער, א צווייטער און א דריטער קוקן ארויס

א י י נ ע ר

גיט אַ קוק, זעט אויס, אַז ער האָט אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל, ווייל אייבער רייסט אים דעם צאָן פון מויל !

י י ד ע נ ע

אַ בראָך אין דער מאַמען !

רייסט זיך צום פענצטער. מ׳לאָזט זי נישט צו

י י ד ע נ ע

ער האָט אים אַרויסגעריסן אַ גאָלדענעם צאָן, האַ ? איר האָט געזען אַ גאָלדענעם צאָן, האַ ?

א י י נ ע ר

באַרישע יידענע ; איינער האָט אַ גאָלדענעם צאָן ?

י י ד ע נ ע

לאָזט מיך צו ! לאָזט מיך צו !

א י י נ ע ר

אָבער איר זאָלט קיין געוואַלטן נישט מאַכן. איר הערט, וואָס מ׳זאָגט אייך?

ד י י י ד ע נ ע

ניין! ניין!

קוקט. לאַנגע פויזע

ד י י י ד ע נ ע

איך זע נישט! איך זע נישט פון אַזוי ווייט! וואָס פאַר אַ באָרד איז באַ אים, אַ שוואַרצע, צי אַ בלאָנדע?

ד ע ר י י ד

קענטיק פון שטוב, שלעפט זי אַפּ

הערט נאָר, נאַרישע יידענע, וואָס איר זענט. נו, אַ שוואַרצע. האָט אײַן ייד אַ שוואַרצע באָרד? נו, אַ בלאָנדע, נו?... איך בעט אייך, גייט אַוועק פון די פענצטער.

א י י נ ע ר

פון די, וואָס קוקן ארויס

מ׳האָט באַ אים אַרויסגעריסן אַ גאָלדענעם צאָן פון מויל.

י י ד פ ו ן ש ט ו ב

קוקט אַ ווײַלע אַליין אַרויס, זיפצט שווער און ביטער אָפּ

אָבער גייט אַוועק פון די פענצטער!

י י ד ע נ ע

וויינט שטיל און ביטער און ברעכט די הענט

מיין זון! מיין זון!

א י י נ ע ר

ס׳שטייט שוין אַ צווייטער הונט. ביידע דרייען זיך ארום אים און באַשמעקן

אים... איינער לעקט פון יענער זייט פּלייצע צום צווייטן, וואָס קוקט איר זעט? זעט אויס, מ'האָט אים אין רוקן אַריין געשאָסן. און דאָ שטייט דעם קריסטס הונט און באַשמעקט דאָס פּנים זיינס.

אַ דריטער

זיי וועלן זיך מסתמא באַלד נעמען צו אים.

אַ פערטער

אָט לויפט דאָרטן אַ דריטער הונט וואַרפט זיך אָפּ פון פענצטער איך קאָן נישט קוקן, איך קאָן נישט קוקן.

ערשטער

אים איז שוין אַלציינס.

דריטער

און דער קריסט שטייט דאָרטן פונווייטן און קוקט. וואַרפט זיך אויך אָפּ-ביין, איך קאָן נישט! איך קאָן נישט צוקוקן!

אַ נייער

באַם פענצטער, גיט אַ קוק, און וואַרפט זיך אויך אָפּ

גאָט!

אַ לענגערע צייט קוקט קיינער נישט אַרויס

ערשטער

וואָס קוקט אַרויס

עפּעס אַן אַלטער קריסט איז דורכגעגאַנגען, האָט ער אָפּגעטריבן די הינט און איבערגעדעקט דעם געהרגעטן מיט אַ רעדנע.

אַ צווייטער

קוקט אַרויס

אפשר איז ער אַליין הונגעריק, פאַרגינט ער נישט די הינט.

אַ דריטער

אָט פאָרט שוין צוריק דער קאָזאַק אינם צילינדער, און נאָך אים לויפן נאָך די דריי סאָלדאַטן און קריסטן מיט שקצים. איין שגץ דעקט אָפּ דעם געהרגעטן. אַלע לאַכן.

ערשטע שטים

יענער קריסט איז צוגעגאַנגען צום קאָזאַק.

עמעצער פון שטוב

וואָס ווילט איר! האָט רחמנות, הערט אויף צו קוקן אין די פענצטער!

עס דערהערט זיך אַ שאָס איינצייטיק ווי עס פּלאַצט אַ שויב. אַלע פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ ווײַלע ליגן אַלע פּאַרגליווערט. נאָכהער הייבט איינער, און אַ צווייטער, און אַ דריטער אויף דעם קאָפּ און באַטראַכטן אַלעמען, קוקן זיך אום צי ס'איז נישט ווער געהרגעט. די בלינדע טאַפּט ווידער מיט די הענט אינדערלופטן, טאַפּט קיינעם נישט אָן, און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. דעם מאָמענט, וואָס אַלע ליגן, נוצט די יידענע אויס, די יידענע, וואָס וויינט די גאַנצע צייט אויף איר זון, און גייט צו צום פענצטער און קוקט לאַנג אַרויס.

איין שטים

גייט אַוועק פון דאָרטן!

אַ צווייטע שטים

אַוועק פון דאָרטן!

דריטע שטים

גייט אַוועק פון פענצטער!

יידענע

מיין זון! מיין זון!

א י י נ ע ר

גיט זי א שלאפ

וואָס ליאַרעמט איר?

י י ד ע נ ע

היסטעריש

הינט רייסן אים! הינט! הינט! הינט!

פאָרהאנג פאלט לאנגזאם

אין יענע טעג

2.

די אַרומשטאָטישע האָריזאָנטן מיט די פּילפאַרביקע זון־אונטערגאַנגען פון די אוקראַינישע הימלען, וואָס האָבן אַלע מאָל געמאַניעט צו זיך דעם אין שטאָט־פאַרזעסענעם מענטש, זענען פאַר דער צייט פון בירגער־קריג געוואָרן פרעמד. די פּילפאַרביקע זונען־אונטערגאַנגען האָבן נישט געצויגן ווי אַמאָל אין די גוטע רויקע צייטן, נאָר פאַרקערט, האָבן אָפּגעשראָקן, און די זון אַליין, האָט זיך געדאַכט, איז אַזאַ פרעמדע, אַז זי קוקט אַזוי בייז איף דער שטאָט, אַז אַ רויטער פייערדיקער רוגז ברענט אין איר מאַיעסטעטישער ליכטיקייט און ווי זי וואָלט בדעה געהאַט מוסר צו זאָגן דער שטאָט:

„שטאָט, דו האָסט פיל געזינדיקט, און דערפאַר קריגסטו דיין שטראָף“...

און ס'האָט זיך דורכויס געדאַכט, אַז פיינטלעכע פרעמדקייטן לאָקערן דאָרטן אַרום שטאָט און צו שטאָטישער מענטשהייט. און... און דערפאַר האַלט עס אין איין רוגזאדיקן ברומען דאָרטן, אַמאָל נענטער, אַמאָל ווייטער... אַזוי ווי נישט גוטע וואָלטן זיך דאָרטן באַזעצט און איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעמאַכט באַ זיך נישט לאָזן די שטאָטישע מענטשן צורו, נישט לאָזן פריי אָטעמען די יעניקע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די הויכע טורעמס, די יעניקע, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ גרויסער צאָל און טוען אומנוצלעכע זאַכן און האָבן גרויסע נוצן פון די אומנוצלעכקייטן, וואָס זיי טוען...

פאַרלויפיק איז נאָך אין שטאָט גאַנץ רויק. די באָלשעוויסטישע מאַכט, וואָס האָט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן פאַרנומען די שטאָט, לאָזט יעדן טאָג אַרויס פרישע פּאַפּירלעך, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, אַז ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן, אַז די האַרמאַטן־שאָסן, וואָס לאָזן זיך הערן פון צייט צו צייט, קומען דערפון, וואָס „זי", די ראַטן־מאַכט, וויל אײנגאַנצן פאַרטיליקן די רעשטלעך פון שונא, און אַזוי אַרום מאַכן אוממעגלעך פון שונאס זייט אַ וועלכן עס איז אָנגריף אין דער נאָענטער צוקונפט.

דער עולם איז אפילו גערן צו גלייבן, נאָר ס'גלייבט זיך נישט, ווייל באַם ערשטן און באַם צווייטן מאָל, וואָס זיי זענען דאָ געווען, האָבן זיי אויך אַזעלכע דבורים גערעדט און אַזוי ווי זיי האָבן דאָס ערשטע און דאָס צווייטע מאָל נאָך אַלע באַרויקונגען געמאַכט פּיס, גלייבט מען, אַז ס'וועט איצט אויך אַזוי זיין... אַלע זענען כמעט זיכער, אַז די טעג זייערע זענען געציילטע...

די יידישע באַפעלקערונג איז נישט גערן געווען זייער אַוועקגיין, הגם מ'האָט שוין געזען, אַז מיט זיי איז מען פאַראורטיילט אויף אַן עקאָנאָמישן חורבן. דערפאַר איז מען אָבער מיט „זיי" זיכער געווען, אַז זיי וועלן קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן.

„איך בין כאָטש זיכער מיטן לעבן".

וואָס הייסט, ס'איז דאָך „אונזער מלוכה" — ענטפערט אַ צווייטער ייד מיט סאַרקאַזם — נאָך פּאָגראָמען זאָלן זיי אונז מאַכן?

בכלל די מאַכט־בייטעניש, דאָס איז געווען דאָס שווידערלעכסטע, ווייל יעדע מאַכט, אַ רעכטע, צי אַ לינקע, איז אַריין ווי אַ שונא און איז אַרויס ווי אַ שונא. יעדע מאַכט, אַ בעסערע, צי אַן ערגערע, אַז זי איז איינגעזעסן, האָט מען געכאַפּט אַלע אירע חסרונות און מעלות און מ'האָט זיך צוגעפּאַסט...

— זאָלן זיי שוין זיצן, אַז זיי זיצן! — זאָגט אַ ייד, וואָס אָנגעווערן האָט ער שוין נישט וואָס. — זיי האָבן באַ מיר צוגענומען אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט, און יענע וועלן קומען, וועלן זיי צונעמען די נשמות.

— בעסער, גלייכער! — זאָגט אַ ייד אַ געוועזענער תקיף, — איר מיינט, אַז איר וועט זיך באַ דער חברה אַמאָל עפּעס דערלעבן?

קיינמאָל נישט... מיט יענע קאָנסטו האָבן האָפנונגען, אויב זיי לאָזן דיך לעבן, און אויב נישט, איז אַראָפּ פון מארק. ווערט מען איינמאָל פּטור... אָט דאָס איז אַ לעבן, אָט דאָס?!

— מ'שמועסט, אַז ס'האַלט מיט אונז זייער שמאָל, — זאָגט זיך אָפּ אַ ייד פאַר אַ צווייטן רעדל, וואָס שטייט פאַר אַ טויער. — ער, דער ייד, פילט אויך צו „זיי" אַ שטאַרקע „ליבע" און דערפאַר רעדט ער עס מיט אַ לשון פון „אונז", און אַ צווייטער, וואָס פאַר אים איז אַלץ איינס די און יענע און וועלכער איז אַלע יאָרן געלעגן אין דער אדמה, זאָגט זיך מיט ישוב הדעת און מיט זיכערקייט, אַז ס'איז נאָך נישט אַזוי „שמאָל" מיט „זיי", ווי מ'מיינט... אַוועקגיין וועלן זיי טאַקע, נאָר נישט אַזוי גיך, ער גיט אָן אַ גאַנץ איינפאַכע אורזאַך:

— זיי האָבן זיך נאָך נישט אויסגעוואַרעמט דאָ!

אַ דריטער וויל זיך באַווייזן פאַר אַ סטראַטעגיקער און זאָגט מיט גרויס בקיאות:

— דערווייל שטייען זיי דאָ נאָך גאַנץ שטאַרק... נאָר דאָרטן דאָרטן האַלטן זיי שוואַך...

ווו דער דאָרטן איז, ווייסט ער אַליין נישט.

— זיצט שוין, אַז איר זיצט! — גיט נאָך איינער אַ יידא אַ בור־טשע אַרויס מיט אַ דירעקטער ווענדונג צו די אַרומיקע יידן, ווי זיי וואָלטן עס געוועזן די יעניקע, וואָס האַלטן באַם אַוועקגיין... ער איז שטאַרק ברוגז, דער ייד, און ס'איז שווער צו כאַפּן, צי איז ער ברוגז אויף „זיי" פאַר דעם, וואָס זיי גייען אַוועק, צי פאַר דעם, וואָס זיי זענען געקומען, אָדער פאַר ביידע זאַכן מיט אַמאָל.

— און איך זאָג אייך, אַז זיי וועלן נאָך צוואָנציק מאָל אַוועקגיין און וועלן נאָך צוואָנציק מאָל קומען און ס'וועט אַלץ גאָרנישט ווערן...

— ווייל איר ווילט זיי נישט? — פּאַרט אים איינער אַריין.

— ניין, נישט דערפאַר, וואָס מיר ווילן זיי נישט. פון אונז לאַכן זיי זיך אויס. נאָר די גויים ווילן זיי נישט האָבן. די גויים האַלטן אין איין שרייען: „מי ניע כאָטשים קאָמונאַ" און זיי, אַז זיי ווילן נישט, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט געוואָלט... באַלשעוויזם, זאָגן זיי, מהיכא

תיתא, נאָ קאָמונאַ ? ... אַ גוי האָט פֿײנט זיך צו טיילן, ער זאָגט ווי אין רפּק שטייט : שלי שלי, ושלך שלך.

— דאָס וואָלט נאָך גוט געווען, — רופֿט זיך אָפּ אַ צווייטער למדן. — אַמאָל זאָגן זיי : שלי שלי, ושלך שלי.

— דאָס איז שוין צום ייד אַזוי ! ...

— מ׳וועט נאָך זיי אויך איינבייסן, די דברים אחרים, — זאָגט נאָך איינער פֿון רעדל, ווען די באָלשעוויקעס זענען שוין דערמיט אַליין ס י מ פּ אַ ט י ש, ווייל די „דברים אחרים" זענען קעגן זיי.

איין ייד און אַ צווייטער גיבן איינצייטיק אַ מאַך מיט די הענט און איינער פֿון זיי פֿאַרנעמט זיך אינטים־יידישלעך צו דערציילן די ברי־דער־יידן, אַז אויסערן שטאָט האָבן זיי קיין מאַכט נישט און אַז טאַקע דערפֿאַר אַליין קאָנען זיי זיך אין שטאָט לאַנג נישט אָנוואַרעמען. ער האָט דערציילט ווי אין די דערפֿער גייען פֿראַנק און פֿריי אַרום אַגיטאַטאָרן און העצן אַנטקעגן דער ראַטן־מאַכט און ווי אין די דערבייאיקע שטעט־לעך האָלט מען אין איין קוילענען יידן...

— וואָס איר וועט נישט זאָגן זענען זיי, אָבער פּאָגראָמען ווילן זיי נישט. מאהבת מרדכי, מיינט איר ? ניין, נאָר זיי ווייסן, אַז ס׳איז איין באַנדע, אָט די, וואָס מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, און די, וואָס קערן איבער די באַנען... אָט דאָ ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט אַ באַנדע פֿון דאָרף אָפּגעשטעלט אַ „פּאַיעזד" און האָט אַרויסגעשלעפּט אַלע סאָוויעטישע באַאַמטע און מ׳האָט זיי צעטערכעט אין שטיקלעך.

פֿון צייט צו צייט, ווען יידן זענען אַזוי געשטאַנען און גערעדט, איז זיך פֿאַרבייגעגאַנגען אַ שטאָטישער שייגעץ און האָט זיך געזונגען אַ לידל :

„יאַבלאָקאָ, יאַבלאַטשקאָ, קודאַ טי קאַטישסיאַ, פּאַפּאַדיאָש וו׳ טשערעזוויטשאַיקו, אָבראַטנאָ ניע וואָראָטישסיאַ". (עפּעלע, עפּעלע, וווהין קייקלסטו זיך, וועסט אַריינפֿאַלן אין דער טשעקאַ, וועסטו צוריק נישט אַרויסקומען).

און זינגענדיק אָט דאָס לידל, אַריינגעקוקט מיט היזק די יידן אין די אויגן אַריין.

— דאָס איז שוין באַ „אונזער מלוכה" אַזוי, — ווייזט אָן אַ ייד

אויף דעם שייגעץ. — איר זעט, ווי ער איז נעבעך אין גלות בא אונז, אַ ?

דאָס האָט מען געמיינט אָנצוּדייטן די יידן אויף „זייער טשערעזי־חיטשייקע", וואָס אַז מ׳פאַלט אַריין אַהינצו, קאָן מען שוין צוריק נישט אַרויס. און נישט קיין מורא האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַרויסגע־וויזן צו די יידן פאַר „זייער" טשערעזוויטשייקע, נאָר אַ שפּאַס־געזאַנג זיך געמאַכט דערפון, וואָס קינד און קייט האָבן געזונגען, אַריינקוקנדיק די יידן אין די פּנימער אַריין מיט אַזוי פיל שפּאָט. און ווי געמיינט צו זאָגן: זשיד, איך האָב נאָך אַלץ פאַר דיר קיין מורא נישט, כאָטש דו האָסט אַ טשערעזוויטשייקע. איך, קריסט, קאָן נאָך אַלץ פון דיר חוזק מאַכן מיט דער מאַכט דיינער... יאָ, ס׳איז דיין מאַכט, אָבער די ערד און די גאַנצע וועלט איז מיינע...

„יאַבלאָקאָ, יאַבלאָטשקאָ!..."

אין דעם לידל סיי אין די ווערטער און סיי אין מאָטיוו, האָט זיך געפילט אַזוי פיל שוידער, ווי איינער וואָלט צוגעקוקט ווי מ׳שלעפּט בא אים דעם מאַרך פון די ביינער און מ׳באַצוקערט עס און מ׳פּרעגלט דער־פון איינגעמאַכטס. אין דעם לידל און אין דעם געזאַנג האָט זיך געשפּירט אַזאַ שוידער, פּונקט ווי עס פילט זיך איינער, וואָס מ׳מאַטערט פון אים די קישקעס און ער לאַכט דערביי און ער קאָן זיך דערביי אַליין קיין רעכנונג נישט אָפּגעבן, וואָס פאַר אים איז שוידערלעכער און וואָס ס׳וועט אים ברענגען דעם סוף, צי אָט די קישקע־מאָטעניש, צי דאָס געלעכטער זיינס... יאָ, אָט דער באַלשעוויזם איז צו יענער צייט געווען אַ קישקע־מאָטעניש מיט אַ געלעכטער פאַרן יידישן פאָלק... אַ זיכערער אונטער־גאַנג מיט אַ געלעכטער, וואָס... זיי האָבן נישט די קעפּ, נאָר מאָטען די קישקעס... און אַ געלעכטער דערפון, וואָס זיי קריסטלעכע וועלט האָט זי אָנגענומען פאַר אַ יידישער...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מאַכט האָט געטון אַלץ, וואָס זי איז ביכולת געווען צו טון צו באַרויקן די באַפעלקערונג, און נישט קוקנ־דיק אויף דעם, וואָס זי האָט יעדן טאָג אויפגעפּאָדערט דעם עולם, אַז יעדער זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיין אַרבעט, איז דאָך פון טאָג צו טאָג געוואַקסן די צאָל ליידיקגייער אין גאַס און פּונקט ווי אַ פערד, וואָס גייט שוין לאַנג אין שפּאַן, ווייסט נישט ווי צו שטיין און ווי אַ פוס צו שטעלן

ווען עס איז אויסגעשפּאַנט, אַזוי האָט זיך דאָס באַ די מענטשן געמערקט אין זייער שטיין און זייער אַרומדרייען זיך ליידיק און לויז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האָט זיי אויסגעשפּאַנט, אָט די מענטשן, פון טאָג־טעגלעכער זאָרג און אַריינגעוואָרפן זיי נאָך אין גרעסערע דאגות, וואָס איז נאָך פיל ערגער פון דאגות פרנסה...

און נאָך האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע מענטשן זענען פרעמדע באַ זיך אין שטאָט, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס דאָ אַהער אַראָפּגעפאַלן און קיי־נער פון זיי ווייסט נישט, צוואָס זיך צו נעמען און וואָס אים שטייט פאָר אין דער צוקונפט, אין דער פרעמד...

און מער פון אַלעם האָבן די מענטשן, מיט זייער אַרומדרייען זיך און מיט זייער יאוש אויף די פּנימער, אויסגעזען ווי מענטשן, וואָס געפי־נען זיך אויף אַן אינזל און גאָר פּלוצלינג האָט זיך אַרום דעם אינזל דאָס וואַסער צעשפּילט און אָט־אָ, נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי, וועט דאָס אינזל אינגאַנצן פאַרשוואונקט ווערן... ס'האָט אויסגעזען ווי... אַ יום־טוב פאַרן אונ־טערגאַנג, אַ גרויסער שוידערלעכער יום־טוב, ווי שוידערלעך און יום־טובֿ־דיק עס קאָן אויסזען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג אין דער נאַ־טור, וואָס דראָט אַלעמענס אונטערגאַנג...

וואָס אַ טאָג הערן זיך אַלץ דייטלעכער און נעענטער די שיסערייען. עס הערט זיך ווי ערגעץ אין אַ הויז גייט אַ דרימזשע אַ שויב, וואָס איז נישט שטאַרק פאַרקיטעוועט... ס'ווערט אַלץ טומלדיקער און קיין ברויט איז שוין אין ערגעץ נישט צו זען. נישט קוקנדיק אויף אַלע התראות, אַז די בעקערייען זאָלן באַקן ברויט, ווערן דאָך די פּאָליצעס אין די בעקערייען פון שעה צו שעה אַלץ ליידיקער. די מאַכט ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שטרענגער און די קאָמענדאַטור פון שטאָט בייט זיך כמעט אַלע טאָג. אויף יעדן ביי׳עם באַפעל זעט מען אונטערגעשריבן אַ נייעם נאָמען און יעדער נייער נאָמען מיינט מער שטרענגקייט... ס'טראָגן זיך אַרום קלאַנגען וועגן צענדליקער מענטשן, וואָס זענען דורך דער פאַרגאַנגענער נאַכט פאַרנו־מען געוואָרן אין טשערעזוויטשייקע אַריין, און דאָס מיינט איינציטיק, אַז

זיי זענען צעשאָסן געוואָרן. און צווישן אָט דעם גאַנצן גרויסן טומל פאַלט אַריין פון צייט צו צייט אַ קליין נישט וויכטיק טומעלע, אַ רויט־אַרמייער פירט און שלעפּט אונטער דער האַנט אַ גויע מיט אַ קאַשיק גרינגע נישט־צייטיקע באַרן. ער שלעפּט זי אין „אוטשאַסטאָק״ אַריין דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט נעמען באַם סאָלדאַט דאָס „סאָוועטסקע״ געלט, ווען ער האָט געוואָלט קויפן באַ איר אַ פונט באַרן.

די עוואַקואַציע איז אין פולן גאַנג.

דאָ און דאָרטן לויפט דורך אַן אויטאָמאָביל פול אָנגעוואָרפן מיט ביקסן, פּאַמעלעך האַרט און שווער שפּאַנען די פערד, וואָס פירן די שווערע „אָרודיעס״, זעקס פערד אין יעדן וואָגן „נאַשפּ ־ץ״ גאַשפּאַנט, און אויפן בליק דאַכט זיך, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי שווער אָט די שווערקייט, וואָס זיי שלעפּן, אַז ס׳איז בלויז עפּעס אַ מין טראַדיציע פון לאַנגע יאָרן, אַז זעקס פערד מוזן שלעפּן אָט די משא, וואָס ס׳וואָלט, דאַכט זיך, איין פערד געקאָנט שלעפּן. די רעדער זענען אַזעלכע גרויסע, מאַסיווע, קייקלען זיך אַזוי שווער און לאַנגזאַם און זען אויס ווי זיי וואָלטן אין זיבעטן געהאַט, אַז זיי, הגם זיי זענען רעדער, וואָס אַלס אַזעלכע דאַרפן זיי זיך גיך קייקלען, איז מיט זיי נאָך עפּעס אַנדערש. זיי, אָט די רעדער, האָבן צייט, תמיד האָבן זיי צייט... זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט...

חוץ תכסיסי מלחמה שלעפּן זיך גאַנצע אָבאָזן מיט שטאָטישס גוטס... עס וואַרפן זיך אין די אויגן פּלושענע דעקעס, פאַרשידנפאַרביקע וואַטענע קאָלדרעס, ווייסע וועש, אויף וועלכע עס מערקט זיך אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, רויט אויסגענייטע בוכשטאַבן... עס וואַרפט זיך אפילו אָפּט דורך אַ טכוירען פוטערל...

קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָטישע היימישקייט פאַרלאָזט די שטאָט און גייט אָפּריכטן גלות... און זי קוקט אויף דיר מיט אַזוי פיל שטומער בענקשאַפט. דאַכט זיך, אַז דאָ און דאָרטן, דערקענסטו דיינע זאַכן, וואָס מ׳האָט באַ דיר „געזעצלעך״ און נישט געזעצלעך צוגענומען פון הויז... עס דאַכט זיך, אַז די גאַסן זענען פאַרהיימישט און פאַרשטוביקט געוואָרן פון די היימישע שטוביקע זאַכן, וואָס מ׳פירט — שטוביקייט און היימישקייט האָט זיך אין גאַס אַרויסגעכאַפּט און עס איז שוידערלעך־היימיש...

די טעג זענען ליכטיקע, גרויסע און הייסע און די אוקראַינישע הימלען זענען קינדעריש צערטלעך און צערטלעך־בלוי, מיט פּיצעלעך און ברעקעלעך שטיקלעך וואָלקן, ווי ווייסע שטיקעלעך פּוטער אויפן זומער־דיקן הימל. און באַ אָט די לויטערקייטן פון די הימלען הערט זיך אַלץ עפּטער און עפּטער דונערן פון האַרמאַטן, און מענטשן דרייען זיך אַרום אין אימהדיקער צעטומלעניש, ווי אַ סטאַדע פאַר אַ שטורעם. פון צייט צו צייט דערהערט זיך אַן אויפרייס, די ערד גיט אַ ציטער און שויבן אין פענצטער לאָזן אַרויס אַ קלאַנג. דאָס רייסן זיי אויף, די, וואָס גייען אַוועק. די אַרסענאַלן מיט געווער און נאָך אַזעלכע וויכטיקע „אינסטיטוציעס", וואָס געפינען זיך אין צענטער שטאָט. עס הערט זיך אַזאַ מין קנאַקעריי אין בלעך, ווי אַ גרויסער געדיכטער האָגל וואָלט געפאַלן, אָדער הונדערטער פינגער מיט פינגערהוטס וואָלטן אין בלעך געבאַראַבאַנעוועט... פון צייט צו צייט כאַפּט זיך שוין אַריין דעם פּיינטס אַ „סנאַריאַד". און אין דער לופט טראָגט זיך דערביי אַ דין יאָמערדיק קוויטשיקל, ווי אַ טייוול וואָלט זיך אין זיין גאַנצער טייוולאָנישער פלינקייט און אומ־זיכטבאַרקייט דורכגעטראָגן.

פלוצלינג האָט זיך פון דער דימיעווקער זייט (אַ פאָרשטאָט באַ קיעוו) אַ רייטער אַריינגעריסן. דאָס פערד האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט בלויז אויף צוויי פיס געלאָפן. הגם ס'האָבן זיך אָנגעזען אַלע פיר פיס, נאָר ס'האָט זיך געדאַכט, אַז צוויי זענען איבעריק, נאָר ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן וועלכע, די פאָדערשטע, צי די הינטערשטע, ווייל זיי האָבן זיך געביטן: אָט האָבן די פאָדערשטע געגעבן אַ ריר אָן דעם באָדן און די הינטערשטע זענען געווען אין דער לופטן. דער עק פון פערד האָט אָפּגעשטעקט ריטלדיק און שטעכעדיק, כמעט יעדע האָר באַזונדער און פיר לעכער פון אויערן און נאָז האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. געפילט האָט זיך אין אָט די לעכער, אַז דאָס פערד און דער, וואָס זיצט אויפן פערד, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַנצן כאַאָס און אַ גאַנצע צעטומלעניש און אַ גרויסן וויסטן אָנזאָג פון אַ קאָלאָסאַלן אומגליק, וואָס האָט דאָרטן ערגעץ אויפן פראָנט געטראָפן.

נישט געבליבן דאָס סאָוויעטישע חיל, פאַרשוווּנדן איינס און צוויי... און די שטאָט איז נאָך פון די אָנגרייפער נישט פאַרנומען... עפּעס אַ שטילער, גרויזאַמער „צווישן", צווישן איין מאַכט און אַ צווייטער...

די שטאָט איז ווי אַריינגעפאַלן אין אַ שטילן, וויסטן אָפּגרונט, אין אַ טיפן חלל, וואָס עס האָבן אויסגעגראָבן פאַר דער שטאָט אָט די פיינטלעכע צדדים... שטאָט איז באַ קיינעם נישט, שטאָט דאַרף באַ עמעצן זיין און איז נישט און דאָס נישט זיין באַ קיינעם איז שוידערלעכער פאַר דער ערגסטער מאַכט... דאָס הענגען אין דער לופטן איבער אַן אָפּגרונט איז פיל שרעקלעכער ווי דער אָפּגרונט זעלבסט.

ערשט פאַרטאָג האָט זיך דערהערט דער פון יאָרן־לאַנג־באַקאַנטער רוסישער הימן מיט מוזיק, און די גרעסטע צאָל יידן האָט עפּעס אַזוי באַנג געטון און וויי געטון פאַר די, וואָס זענען אַוועק, און ס׳האָט זיי וויי געטון און ווי אויף אייגענע פאַרדראָסן, פאַרוואָס אָט די אייגענע האָבן דאָס רוב יידן אַזוי שלעכט באַהאַנדלט, און ס׳האָט פיל וויי געטון און ס׳האָט אויף זיך אַליין פאַרדראָסן, וואָס דו האָסט עפּעס אַ שטיקל האָפנונג און אַרויסקוק אויף אָט די הינט, אַז מיט זיי וועט זיין בעסער — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאַכט

די נאַכט הייבט זיך ערשט אָן, אַ נאַכט פון אויף-זיין, אַ נאַכט פון אַרומבלאָנדזשען פון שטוב אין הויף, פון הויף אין שטוב, אַ נאַכט פון אימה, ציטער און שרעק.

אָפּגעריסן פון דער וועלט, אָפּגעצוימט פון דער גאַס, לעבט זיך דער הויף זיין פאַרמאַכט, פאַרריגלט לעבן און ווייסט נישט, וואָס טוען פריינד און קרובים פון אַ צווייטן הויף... היימלעך און פרעמד פילן זיך איינער מיטן אַנדערן, די קאָפּקעלעך יידן, וואָס שטייען אין הויף; נישט אַלע קענען זיך און מען רעדט דאָך צווישן זיך נישט באַקאַנטערהייט. מ'רעדט פון אומרויקע און וויסטע טעג און נעכט, פון אַ שרעקלעכן היינט און פון אַן אומבאַשטימטן מאָרגן, און צווישן ביידע, צווישן היינט מיטן מאָרגן שטייט די נאַכט און פאַרהילט זיי ביידע מיט איר פינצטערניש און שטילקייט; דערציילט פון בייזע גייסטער, וואָס דרייען זיך אין די גאַסן אַרום און דרינגען אַריין דורך פאַרמאַכטע טיר און טויער אין יידישע הייזער און טראָגן מיט זיך אַריין אָרימקייט און טויט; דערציילן וועגן אַ לאַנג פינצטער יידיש לעבן — פינצטער, ווי די סוף-חודשדיקע נאַכט...

פאַרמאַכט, פאַרקלאַפּט טיר און טויער, געלאָזט ווייב און קינדער אין די הייזער, אָן ליכט און אָן וואַסער, צעריסן דאָס לעבן אויף שטוב און הויף, פאַרגעסן אָן נאַכטיקער רו, אַן טאָג-טעגלעכן גרויס-שטאָטישן אומרו, שטיל פאַר זיך, שטיל פאַר אַנדערע, שטיל אינאיינעם, שטיל באַזונדער, הערט מען זיך איין אין דער שטילקייט און צו יעדן שאָרך.

וואָס לאָזט זיך הערן פון יענער זייט טויער, — אינאיינעם שטייט מען און באַזונדער, מ׳רעדט און מ׳שווייגט, מ׳זיפּצט און מ׳קרעכצט און צווישן רעדן און שווייגן, צווישן זיפצן און קרעכצן, הערט זיך אַ ציין־קלאַפּן...

פון צייט צו צייט פאַרגנבעט זיך איינער און אַ צווייטער צום טויער, כאַפּט אַ קוק דורך אַ שפּאַרע און קומט מיט עפּעס בייעס:

— געזען גיין!

— געהערט פייפן!

און אַלע יידן גיסן זיך צונויף ווי שעפּסן, ווען מ׳טרייבט זיי אין שעכט־הויז אַריין. מ׳הערט זיך איין מיט שטומער שווייגעניש, מיט שווייגנ־דיקער שטילקייט און שרעקנדיק איז אַלץ, סיי די רויקייט, סיי די אומ־רויקייט פון גאַס און דאָס שווייגן און דאָס רעדן אין הויף:

— איר הערט! איר הערט!

און ס׳רייסט זיך אָפּ איינער פון אַלע, שפּייט אויס אויף זיך און אויף אַלעמען און שרייט אויס מיט גיפט:

— אַן ענדע, אַ סוף! זאָל מען אונז אַלע אויסשעכטן און פּטור ווערן פון אַזאַ הינטיש לעבן.

און אַ צווייטער ענטפערט אָפּ מיט גאַל:

— איר האָט דאָך געבעטן אויף זיי, איר האָט דאָך אויסגעקוקט, זיי זאָלן קומען.

און אַלץ אָפּטער און אָפּטער לאָזן זיך הערן אָפּגעריסענע פראַזן, עס לאָזן זיך הערן ווערטער פון דעם גרויזאַמען לאַנג־איינגעהאַלטענעם שווייגן. ווערטער רייסן זיך פון מיילער:

— אין פאסטאוו האָבן זיי געוואָרפן קליינע קינדער אין פייער אַריין...

און אַ צווייטער דערציילט, ווי ערגעץ אין אַ שטעטל האָבן צוואַנ־ציק „שטיק" פאַרגוואַלטיקט אַ פערצן יעריק מיידל, באַם צוואַנציקסטן איז זי שוין טויט געווען אָבער...

„זי איז נאָך וואַרעם" האָט דער צוואַנציקסטער געזאָגט...

— שמחת תורה!... — האָט זיך פּלוצלינג פון ערגעץ דער־הערט.

דער איינציקער, פרומער ייד אין הויף, ער האָט געזאָגט, און גלייך איז צוגעגאַנגען צו אים אַ צווייטער ייד מיט אַ טענה:

— פאַרוואָס שווייגט גאָט, האַ? וואָס שווייגט ער?

פאַר דער צייט האָט דער פרומער ייד שוין אַמאָל צען אָנגע־וויזן אויף דער ווילדער באָרד זיינער: זאָל ער זי כאָטש אַ ביסל אונטערשערן, די באָרד זיינע.

געערדט האָט מען אַ סך וועגן קריסטלעכן שכן, וואָס האָט זיך נאָך אין די ערשטע אומרויִקע טעג אויסגעסמאַלעט אַ צלם אויף דער טיר, און וועגן דעם „סינאָק" זיינעם, וואָס באַווייזט זיך אַזוי אָפט אין הויף און לאַכט אַזוי ציניש די יידן אין די פּנימער אַריין, און פון צווייטן קריסט. פונם לייטישן קריסט, האָט מען גערעדט, וואָס איז אַזוי גוט צו זיינע אומגליקלעכע יידישע שכנים און באַווייזט זיך פון צייט צו צייט און באַ־רויִקט זיי.

— נו, טשעוואָ ווי, גאָספּאָדאַ, וואָלנויעטיעס? ווי טאָלקאָ עטים נאַ כעביאַ פּאַניקו נאַוואָדיטיע... (וואָס זענט איר אַזוי אויפגערעגט? איר וואַרפט נאָר דערמיט אָן אויף זיך אַן אימה).

נאַריש פילן זיך יידן מיטן לייטישן קריסט. יעדער ייד פלייסט זיך עפּעס אַ רעד צו טון מיט אים, און ער, דער קריסט, פלייסט זיך אַלע צו באַרויִקן...

— רויִק, נאָר רויִק... נישט אַריינלאָזן און גענוג...

יאָ, מיט אים זענען די יידן גאַנץ זיכער, אָבער מיט יע־נעם...

— ווי מיינט דער הער, יענער וועט אַריינלאָזן?

זעט אויס, אַז דעם לייטישן קריסט איז שוין גאַרנישט געווען שרעקלעך, וואָס אַ צווייטער האָט זיך אויסגעסמאַליעט אַ צלם אויף דער טיר, און ער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— אָט ווייס איך!...

וואָס טיפער אין דער נאַכט אַריין, ווערט מען אַלץ אומרויִקער און שטילער. פון צייט צו צייט גיט ערגעץ אַ בליק־אויף אַ פייערל אין אַ

פענסטער, פון ערגעץ לאָזט זיך הערן דאָס קלינגען פון אַ זייגער און דאָ און דאָרט אַ שטיל קלאַפּן אין אַ טיר. און דאָס און יענץ דערציילט פון נאַכטיקער אומרויקייט און פון אָנגעשטרענגט־איינגעהאַלטענעם פּחד... אַ טיר עפנט זיך, אַ טיר פאַרמאַכט זיך; איינער גייט אַרויס, אַ צווייטער ווי גייט אַריין; איניקע מענטשן דרייען זיך באַ זיך אין די הייזער פרעמדע אַרום, פרעמד און נישט היימלעך אָנגעטון, אָנגעפּעלצט צווישן פּעק און פּעקלעך, באַ אַ ליכטל, באַ אַ לעמפּל, וואָס ברענט ערגעץ אין אַ ווינקל. באַהאַלטן און שטיל דרייען זיך אַרום מענטשן און שאָטנס... קינדער שלאָפן אויף פּעק און קלומקעס אַזוי ווי אויף אַ וואָקזאַל, און ס'שפּירט זיך אַ פאַרגליווערטע צערודערטקייט. אַ שטומער כאַאָס פון נאַכטיקער אומאָרדנונג, פון היימישער נישט־היימלעכקייט... אַלץ איגאייגעם, אַלץ באַזונדער, ענג און גרוים, גרוים און ענג. הונדערט ערטער אויף שטיין און זיצן און קיין איין אָרט אויף זיך אָפּצורוען. און מיד פון אומנוצלעכער אַרבעט און מיד פון אומזיניקן אַרומשלעפּעניש פון איין אָרט אויפן אַנדערן, מיד פון צוגעשטרענגטע נערוון, פון פּחד און שרעק — ווייסט מען נישט, וואָס צו טון אין ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז נאָך נישט אַלץ אָפּגעטון געוואָרן, — טוט מען עפּעס ווייטער און אָפּגעטון עפּעס אַזעלכעס, וואָס יאָ נייטיק און נישט נייטיק, וואָס נוצלעך און נישט נוצלעך, שטייט מען ווייטער און מ'ווייסט נישט וואָס ווייטער צו טון. פילט מען זיך פרעמד צווישן אייגענע פיר ווענט און, ווי פרעמד צו גאַסט־געקומענע, כאַפּט מען אַ ביס, אַ זופּ, צי ס'גלוסט זיך, צי ס'גלוסט זיך נישט, און מ'כאַפּט זיך אַראָפּ אין הויף אַריין...

אָנגעפּעלצט זיך אין סוף־חודשדיקער פינצטערניש, רוקט זיך פּאַמעלעך די האַרבסטיקע נאַכט, מיט איר פוילער קעלט און האַרבסטיקן אומעט, און שטיל אין איר, מיט יידישער הכנעה און יידישן געדולד, ווי אומבאַוועגלעכע נערוון אין דער נאַכט, דרייען זיך אַרום יידישע פיגורן, געהילט און געבויגן — פון אומעט און קעלט און מ'שווייגט אַלע צוזאַמען און מ'שווייגט יעדער באַזונדער. און ס'הערט זיך פון צייט צו צייט אַ ציין־קלאַפּן. דאָ און דאָרטן, איבער דער ברייט און לענג פון הויף בלאָנדזשען אַרום פיגורן און יעדע פיגור פאַר זיך, ווי זי וואָלט פון זיך אַליין זיך געוואָלט באַהאַלטן, זוכט און נישטערט עפּעס אַן אָרט, אַ באַ־

גרעבעניש, ווו זיך און אַ פּאָר חפצים צו באַגראָבן, און ערגעץ אין אַ ווינקל סודעט זיך אַ מאַן מיט אַ יונג ווייב, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער און נאָך אויף אַ דריט אָרט, לעבן אַ שוואַרצן חלל, וואָס פירט אין אַ טיפן פינצטערן נאַ־ן קעלער, שטייען אַ פּאָר מיידלעך און רעדן עפּעס צווישן זיך שטיל און איינגעהאַלטן און שלעפּן איינע די אַנדערע אין שוואַרצן חלל אַריין, און ערגעץ ווייט, אויף אַן אומבאַשטימט אָרט, צווישן הימל און ערד, לאָזט זיך אָפּט הערן אַ מאָדנע גערודער, אַ געי־ודער אָן ווערטער, קולות צונויפגעגאָסענע, וואָס צעשווימען זיך אין ברייטן לופט־רוים. און די שטילקייט בייגט זיך און ברעכט זיך...

און פּלוצלינג... פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבן גיסן וואַסער פון קראַן...

טירן עפענען זיך, טירן פאַרמאַכן זיך און באַם קראַן שטייט שוין אַ גאַנצער „אָטשערעד“. ס׳קנאַקן און רוישן בלעכענע עמערס און טשייניקעס און עס קנאַקט און הילכט דאָס וואַסער אין די ליידיקע כלים. פאַרקלאַפּט און פאַרטויבט איז די שטילקייט געוואָרן, און פאַרטון און פאַרטאַראַמט אין דער אַרבעט, האָבן פונדעסטוועגן אַלע באַמערקט דעם פייגעם קריסט צוגיין און געהערט זיין שטיל זאָגן:

— גאָספּאַדאַ, סטוטשאַט! (מ׳קלאַפּט).

טראַך־טאַך־טאַך־טאַך־טאַך!

אַ שטיל איינגעהאַלטן גערודער. עמעצער פיבערט און ציטערט אויף אַ קול, אַ קלאַפּעריי פון ציין אין די מיילער, פונם קראַן ליאַפּעט דאָס וואַסער, וואָס עמעצער האָט פאַרגעסן צו פאַרדרייען, און דאָס קלאַפּן אין שטאָר הערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, מיט אַ זיכערער רויקייט, ווי ס׳קלאַפּן באַלעבאַטים צו זיך אין די הייזער אַריין מיט געדולד און אומגעדולד, מיט צייט און אָן צייט, קלעפּ צוזאַמען, קלעפּ באַזונדער, אויפגעהערט אַ ווײַלע און ווידער געקלאַפּט, אָבער שוין פעסטער, שטאַרקער, אָן צייט און אָן געדולד און יידן לויפן אַרום ווי די פאַרסמטע מייז, מען לויפט צום לייטישן קריסט און פונם קריסט, מ׳באַהאַלט זיך אין קעלערס, אין שפּייכלערס און מ׳זעט נישט, מ׳דערקענט נישט איינער דעם צווייטן: יעדער איינציקער איז פאַרטון מיט זיך און אין זיך.

דער קריסט איז אַוועק און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך

צוריק באַוויזן און אָנגעזאָגט די יידן, אַז „זיי" זענען שוין אַוועק, „אושלי", האָט ער געזאָגט מיטן זעלבן געהיימנישפולן קול, ווי ער האָט פריער געזאָגט „גאָספּאָדאַ סטוטשאַט" און דערביי האָט ער דערציילט, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט, געזאָגט, אַז דאָרטן ווו זיי קלאַפּן, וווינט אַ קריסט, האָבן זיי אים געהייסן זאָגן, „קוקורוזאַ", האָט ער עס זיי געזאָגט און זיי זענען אַוועק.

דער קריסט האָט דאָס דערציילט און געלאַכט, און יידן האָבן מיט יאַשטשערקעס געלאַכט, מיט אים צוזאַמען, און דאָס וואָרט קוקורוזאַ האָט אָנגעהויבן אַרומוואַנדלען פון איין יידיש מויל צום צווייטן, יעדער האָט זיך געפלייסט אַרויסצורעדן דאָס וואָרט מיט דעם קלאַנג, ווי דער קריסט האָט דאָס געזאָגט:

קוקורוזאַ!

און איין ייד און אַ צווייטער זענען צוגעשטאַנען צום פרומען ייד מיט דער ווילדער באָרד:

— זאָל ער אַקאָרשט פּרווון זאָגן קוקורוזאַ!..

דער קריסט, צופרידן, וואָס ער איז אַ קריסט און אַ לייטישער קריסט, איז זיך אַוועקגעגאַנגען שלאָפן און יידן זענען געבליבן אין הויף מיט אויפגעמונטערטער צערודערטקייט פון דער איבערגעלעבטער שרעק און מיט אַ וואָרט קוקורוזאַ, וואָס האָט זיך געבלאָנקעט אין די מידע יידישע מוחות און געשטאָכן, ווי אַ בלאָנדזשנדע נאָדל אין לייב...

קוקורוזאַ!

אַ יידיש מויל האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ יידיש אויער און אים האַלב-שטיל, האַלב-הויך איינגערוימט:

— קוקורוזאַ!...

איבערגעלעבט די שרעק און נישט פאַרזיכערט אויף דער שפּעטערדיקער מינוט, מיט פולער שוצלאָזיקייט און אומבאַהאָלפנקייט, שטייט מען און מען דרייט זיך ווידער אַרום מיט יידיש געדולד און יידישער הכנעה, מיט צונויפגעדריקטע הערצער, מיט צעריסענע געמיטער און מיט אברים, צעבראָכענע פון טעג מיט נעכט, אויסגעמישט איינס אין דאָס אַנדערע, אַריינגעשלעפּט דעם טאָג אין דער נאַכט, די נאַכט אין טאָג — עפּעס אַ לאַנגע פאַרזעצונג פון אַ וויסטער געשיכטע פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס

איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף הפקר מיט זיין האָב און גוטס און מיט זיין לעבן. און דאָרט, אין אַן עק הויף, שטייט די סוכּה, זי שטייט ווי אַ שטומער עדות, אַט די סוכּה, אַן עדות פון יידיש וואַנדלען, פון יידישער היימלאָזיקייט, פון אַ לאַנגער, לאַנגער יידישער געשיכטע פון עלנט און פּיין. ווי אַ גרויס באַשעפעניש אָן אַ קאָפּ שטייט זי, די סוכּה, אין הויף — שטום, איינזאַם און פרעמד...

ערגעץ, נישט ווייט און נישט נאָענט, צווישן הימל און ערד, ווי אַ פּלוצלינגדיקע שׂרפה אין אַ פינצטערער נאַכט, האָבן זיך אין דער שטילקייט געשרייען דערהערט, און אַלע קולות זענען ענלעך געווען איינס אויף דאָס אַנדערע, און געדאַכט האָט זיך, אַז עפּעס אַ גרויסע, איבערגעשראָקענע ווילדע בריאה שרייט אויף צענדליקער קולות מיטאַמאָל. און שרעקלעך איז געווען דאָס שרייען, און שוידערלעך איז געווען, וואָס מ'האָט נישט געהערט, וואָס מ'שרייט און ווו מ'שרייט. און צוזאַמען מיט די קולות האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי אין טאַצן, אַ קלאַפּעריי אין שטייסלעך, און אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען, האָט זיך געדאַכט, אַז נאַכט און שטילקייט האָבן זיך צעשריגן און צווישן די קולות און קלאַפּעריי האָט זיך עמעצנס אַ גרויזאַם שווייגן געהערט, דאָס שווייגן פון יענע, וואָס האָבן באַהערשט גאַס און שטאָט, וועמען ס'איז געגעבן געוואָרן רשות איבער יידיש האָב און גוטס, איבער יידיש לעבן. — — — — — —

שפּעט באַנאַכט האָט זיך צווישן מזרח און דרום אַ ראָזע שטיק, ווי אַ וווּנד אויפן קראַנקן האַרבסטיקן הימל, באַוויזן און שפּעטער מיט עטלעכע מינוט האָט זיך אַ דין רייפעלע פון דער סוף־חודשדיקער לבנה אַרויסגערוקט און גרוי געמאַכט די פינצטערניש, און גרוי און אומעטיק פון סוף־חודשדיקער שיין האָבן זיך הייזער מיט שוואַרצע פענצטער און גלאַנציקע דעכער באַוויזן און אידיאָטיש מיט נאַטירלעכער גלייכגילטיקייט. האָט דאָס דינע סוף־חודשדיקע לבנה־רייפל אין הויף אַריין געקוקט און צעוואָרפן איבערן הויף אַ קראַנקע בלאַסע שיין, און יידן האָט עפּעס אינעווייניק שטום און ווייטיקדיק פאַרדראָסן... ס'האָט ווי געטון, וואָס דאָרט אויבן איז זיך אַלץ אַזוי ווי געווען, באַליידיקט און באַשפּיגן זיך געפילט פון דער אייבערשטער וועלט און איבעריק זיך געפילט אויף דער ערד. און אָפּגעריסן פון דער וועלט, אָפּגעשלאָסן פון גאַס און איינזאַם צוזאַמען און איינזאַם באַזונדער, האָט מען זיך אַרומגעדרייט ווי אויפן

עולם התוהו, געקאַרטשעט און געבויגן, איינגעהויקערט פון פּחד און קעלט מיט אַן אויסמיש פון אַ נעכטן מיט אַ היינט, מיט אַ סוף פון אַ זומער און מיט אַן אָנהייב פון אַ ווינטער, מיט אַ רייפל פון אַ סוף־חודשדיקער לבנה, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט מיט אידיאָטישער גלייכגילטיקייט אויף הייזער, ביימער און יידישע קעפּ...

גרענעצן

1.

אויסגעפּאַרקויפט, וואָס מ׳האָט געקאָנט, און איבערגעלאָזט, וואָס ס׳איז בייטיק געווען איבערצופֿאָרן, זענען מיר אייגנטלעך שוין פאַרטיק צו דער נסיעה, נאָר אַזוי ווי מיר פֿאָרן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, איז די קאָמפּאַניע נאָך נישט גרייט — וואַרט מען אויף איר. ווער די קאָמפּאַניע איז — ווייס איך נישט, אָבער איך ווייס, אַז די קאָמפּאַניע איז נאָך נישט גרייט צום פֿאָרן. ווען זי וועט גרייט זיין, וועלן מיר זיך עס דערוויסן פֿון דעמזעלבן מענטש, פֿון וועמען מיר ווייסן, אַז זי, די קאָמפּאַניע, איז נישט גרייט. דער מענטש — דאָס איז דער פֿירער אונזערער, אַ הויכער אוקראַיִניעץ, אין אַ קוטשמע אַ באַראַשקענע, אין אַ פּאַלטן און אין שטיוול... אַן אָפּגעקראָכענער פֿון קאָפּ ביז פֿיס... אויף איין אַקסל אַ גרויסע לאַטע (מיר איז איינגעפֿאַלן, אַז דאָרט מוז ער האָבן געלט פֿאַרניייט...) אָט דער פּאַרשוין נעמט זיך אונטער אונדז אַריבערצושטעלן אויף דער פּוילישער ערד, דאָס הייסט, אויף דער ערד, וואָס איז איצט פֿאַרנומען פֿון די פּאָליאַקן. דערפֿאַר באַקומט ער פֿון יעדער פּערזאָן פֿינף טויזנט רובל. אַ העלפֿט גלייך אויפֿן אָרט, די צווייטע העלפֿט דאָרט, ווען ער וועט אונדז צושטעלן אויפֿן אָרט. ער לאָזט זיך גאָרנישט רעדן, אָט דער כיטרער פּעטלוראָוויעץ. עס איז נישט אונדזער עסק. אויב מיר גלייבן אים נישט, קען ער אונדז באַווייזן בריוו, וואָס ער אַליין האָט מיטגעבראַכט פֿון יענע פּאַרשוינען, וואָס ער האָט אַריבערגעפּעקלט אויף יענער זייט... נישט אונדזער עסק, ווי אַזוי, וואָס, ווער און

וועץ. ער נעמט אַליין אַרויס באַם פּוילישן קאָמענדאַנט אַ „פּראָפּוסק" און זעצט אונז אַריין אין אַ פּוילישן צוג און מיר פאָרן.

טאָג־טעגלעך באַזוכן אונז מענטשן, גוטע פריינד, קרובים און אומבאַקאַנטע. יעדערער ברענגט אונז בריוו און גרוסן איבערצוגעבן דאָרט, וווּהין מיר פאָרן... זיי רעדן אַ סך... אַ שווערע נסיעה... זיי וואָלטן אויך געוואָלט פאָרן... ווינטער... קינדער... אַ גרויסע הוצאה... און זענען אונז שטאַרק מקנא, וואָס מיר פאָרן.

נאָך פיל ליפּעניסן צו ציוניסטן און קאָמוניסטן נאָך געלט און נאָך פּאַפּירעלעך, אָן וואָס ס'איז אוממעגלעך געווען צו פאָרן. האָב איך דערווייל די שיך מיינע געפּטרט, האָב איך געמוזט זיך אָוועקזעצן די שיך פאַרריכטן... זיך צעלייגט מיטן שוסטער־געצייג, אַראָפּגעוואָרפן די שיך, ערשט — מ'קלאַפּט.

אַ מיידל איז אַריינגעקומען און געפרעגט באַ מיר אויף מיר, האָב איך איר געזאָגט, אַז דאָס בין איך...

— יאָ, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן?

— איך בין אַליין אַן ארכעוועד...

— נו?

זי האָט געהערט, אַז מיר פאָרן קיין קאַוועל, וואָלט זי געוואָלט פאָרן מיט אונז צוזאַמען.

— אָ, פאַרוואָס נישט? זי קאָן מיט אונז מיטפאָרן, אָבער זי באַדאַרף וויסן, אַז מיר פאָרן מיט אַ פירער, און דער פירער נעמט פון יעדער פּערזאָן פינף טויזנט רובל.

אַ טראַכט געטון און געזאָגט, אַז זי פּאַרט שוין מיט אונז נישט.

איך האָב רחמנות געהאַט אויף איר און זי צוגערעדט, זי זאָל נישט קוקן אויפן געלט, אַנדערש קאָן זי נאָך ערגעץ פאַרפאַלן ווערן אויפן וועג...

זי האָט זיך פאַרטראַכט, נאָכדעם געקוקט שמייכלענדיק אויף מיר און אויף מיין אַרבעט און געזאָגט, אַז זי ווייסט ווער איך בין.

— יאָ?

זי איז לעבן מיר, ס'הייסט הינטער מיר, אַ פּאָר שעה אין „אַטשערעד" געשטאַנען. דעמאָלט האָט זי נישט געוווסט ווער איך בין, אָבער איר איז שטאַרק געפעלן געווען, וואָס איך האָב דערציילט איינער, וואָס

איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי איינער אַ יונגערמאַן האָט צוגעשיקט דער געליבטער זיינער פינף פונט בולקע אַ מתנה.

— אָ, יאָ, ריכטיק.

נאָך בעסער געדענקט זי די צווייטע זאַך, וואָס איך האָב דערציילט, ווי איינע, אַן עלטערע פרוי, איז זעקס שעה געשטאַנען צווישן הונדערטער מענטשן נאָך ,אַ פאָר פונט ברויט... ס'האָט שוין געהאַלטן נישט ווייט פון איר. און פלוצלינג איז פון באַלקאָן, אונטער וועלכן זי איז געשטאַנען, אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן און האָט זי אויפן אָרט דערהרגעט...

איצט, אַז זי האָט געהערט — „ראָזענפעלד״ און נאָך די מעשיות, וואָס איך האָב דערציילט, פאַרשטייט זי, אַז דאָס בין איך און פאַרשטייט שוין, אַז די מעשיות, וואָס איך האָב דאָ דערציילט, זענען מיין אייגענע פאַנטאַזיע.

געזען, אַז איך שווייג, האָט זי מיסטיש צוגעגעבן:

— נישט וויכטיק, צי ס'איז אמת, צי נישט... דאָ איז אָנגעוויזן אויף צוויי מזלות... איינע האָט אומגעריכט באַקומען פינף פונט ווייסע בולקע און אַ צווייטע איז זעקס שעה געשטאַנען נאָך אַ פאָר פונט ברויט און געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין.

— יאָ, דאָס צווייטע איז אמת... אַליין געווען דערביי און קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, מורא געהאַט דעם „אָגאָנעק״ צו פאַרלירן...

— פאַר דער צייט האָבן זיך מענטשן באַוויזן מיט אַלע זייערע געמיינע אינסטינקטן — האָט דאָס מיידל געזאָגט — פאַראַלעל מיט די שיינע, ווי די שוואָמען וואַקסנדע אידעאַלן, פאַר וועלכע אַנדערע גיבן זייער לעבן אַוועק...

— אין אַ וואַלד — האָב איך באַמערקט — וואַקסן איינס לעבן דאָס אַנדערע גוטע, נאַרהאַפטע און גיפטיקע שוואָמען. אין פעריאָד פון וואַקסן וואַקסט אַלץ, אי בלומען, אי דער־נער...

זי האָט זיך אָפּגעזעגנט, מיר געווינטשן אַ גליקלעכע רייזע און פאַרלאָזט דאָס צימער. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען.

זאָל איך איר אַנטשולדיקן, זי זעט, ווי איך מאַך מיר אַליין צורעכט די שיך.

— אָט אַזוי, ווי דאָס פריילין זעט.

זי ווייזט מיר אירע שיך:

— בײַ מיר זענען אויך די שיך צעריסן.

— יאָ, איך זע...

— פאַר צוויי לאַטקעלעך וויל מען בײַ איר צוויי הונדערט רובל...

אויף צוויי פונט ברויט, זאָגט דער שוסטער, וויל ער.

— פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויל זי שוין פון מיר...

— זי האָט נישט די נייטיקע מכשירים. ווען זי האָט זיי, וואָלט זי אויך אַליין פאַרריכט די שיך.

זי געבעטן זיך אַוועקזעצן, אויסגעשניטן פאַר איר צוויי לאַטקעלעך, געגעבן אַן אָל מיט אַ נאָדל־פאָדעם. זי האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן די שיך און איך האָב איר געוויזן ווי אַזוי דאָס צו מאַכן.

בײַ דער אַרבעט אַ סך גערעדט. איך האָב זי געפרעגט, פאַרוואָס זי וויל אַוועקפאָרן.

— דאָ מוז מען זיין אַקטיוו, — האָט זי געענטפערט, — דאָ מוז מען זיין אַקטיוו, פונקט ווי יענע, וואָס געפינען זיך צווישן די כוואַליעס פון שטורעמדיקן ים. דאָ זיין פּאַסיוו, מוז מען אונטערגיין... אָבער נישט אַלע מענטשן זענען פון נאַטור באַרופן צו אַקטיוויטעט.

מיין פרוי איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאָרל, קענטיק — מאַן און ווייב. די פרוי מיינע האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַרן פּאָרל מיט דער אַרבעט מיינער און צעמישט געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער שוסטער־קע... דאָס פּאָרל האָט מיך עפּעס ווי געוואָלט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין און זיך צעשמועסט וועגן גרויסן יקרות, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און גליקלעך זענען יענע מענטשן, וואָס קאָנען אַליין טון, אָט אַ שטייגער, דאָס, וואָס איך טו... מ׳דאַרף אַלץ קאָנען. אָט זאָל דער מאַן, האָט געזאָגט דאָס ווייב, זעען און זיך לערנען בײַ מיר:

— בײַ אַזאַ צייט דאַרף מען אַלץ קאָנען.

דערקענט, אַז דאָס איז אַ שעלמע, אַז ס׳הייבט זי גאָרנישט אָן צו אַרן, וואָס דער מאַן אירער קאָן נישט די מלאכה פון שוסטעריי, אַז, פאַרקערט, זי פילט זיך שוין גאָר גוט אַנטקעגן מיין פרוי, וואָס איר מאַן פאַרנעמט זיך נישט מיט דער מלאכה.

— וועגן וואָס אייגנטלעך זענען מאַן און ווייב געקומען?

זיי זענען קאָוולער, געהערט, אַז מיר פֿאָרן קיין קאָוועל, האָבן זיי געבערענגט אַ בריוו קיין קאָוועל.

דער גורל, וואָס האָט אָט די אַלע בריוו פֿון אַלע קאָוולער קיין קאָוועל דערוואָרט, האָב איך נאָר מיט מיין פֿרוי געוווּסט... איך האָב גוטמוטיק די בריוו בײַ זיי צוגענומען, געמיינט פּטור צו ווערן פֿון דעם נודנעם פֿאָר־פֿאָלק. אָבער, זעט אויס, אַז זיי האָבן געמיינט, אַז זיי מוזן יוצא זיין, אַז זיי דאַרפֿן ערשט נאָכן בריוו אַ ביסל פֿאַרברענגען בײַ אונדז... די פֿרוי האָט זיי אַ פּאָר מאָל געבעטן זיצן, ערשט בײַם זעקסטן מאָל האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַוועק...

בײַ מיין שוסטערקע איז די אַרבעט געגאַנגען נישט שלעכט, אָבער איך האָב געזען, אַז זי פֿילט זיך נישט גוט אין דער קעגנוואַרט פֿון מיין פֿרוי.

— דאָס פֿריילין, — האָב איך געזאָגט צו מיין פֿרוי, — וויל מיט אונדז מיטפֿאָרן... זי איז אַליין אַן אָרכעווער און וויל פֿאָרן קיין אָרכעוו.

*   *
*

ווי אַן אָקרענט אַ צעבראָכענער, וואָס איז אויסגעשפּיגן געוואָרן אויפֿן ברעג פֿון שטורמדיקן ים, אַזוי פֿיל איך זיך אַרויסגעשטויס, פֿון שטאָט אין שטאָטיקן שטורם... איינגאַנצן רויינירט, געבליבן מיט אַ פּאָר פּעקלעך געציילטע, גרויע צייכנס פֿון באַן און פֿאָרן, פֿון וואַקלעניש און נע־ונד־זיין. פֿרעמד איז מיר שוין שטאָט, גאַס און הייזער. מיט פֿרעמדן געמיט דריי איך מיך אַרום אין די גאַסן און קוק אויף די „אָטשערעדן", וואָס שטייען דאָ און דאַרטן לעבן די שפּייז־קראָמען... דאָס איז די איינציקע טרייסט מיינע, וואָס איך בין דערפֿון פּטור געוואָרן... איך האָב שוין געהאַט מיטלייד מיט זיי, וואָס זיי שטייען און פֿרירן, כּדי צו קריגן מיט עטלעכע רובל ביליקער דאָס פֿונט ברויט אָדער דאָס פֿונט צוקער, ווי מ'קריגט עס ערגעץ אַנדערש... בכלל זענען מענטשן געשטאַנען אין די אָטשערעדן, מ'איז אָפּגעשטאַנען שעהן לאַנג אפֿילו נאָך אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע מ'האָט זיך נישט געניטיקט, מ'איז נישט אַלעמאָל געשטאַנען נאָך דעם, וואָס מ'באַדאַרף, נאָר נאָך דעם, וואָס איינע אַ קלייט האָט פֿאַרקויפֿט.

אין איינער אַ קראָם האָט מען אַ שמייגער פאַרקויפט מאַכאָרקע, איז מען געשטאַנען נאָך אָט דער מאַכאָרקע ווער ס׳רייכערט און ווער ס׳רייכערט נישט און אַזוי מיט אַלע אַנדערע זאַכן. איך בין אויף אַ טשיקאַוואָסט צוגעגאַנגען צו איין אַטשערעד און אַ צווייטן און געפרעגט וואָס מ׳גיט דאָרט, האָט מען מיר אין איין אָרט געענטפערט, אַז מ׳גיט דאָרטן צו פונטן זאַלץ און צו צוויי שעכטלעך שוועבעלעך. אויף אַ צווייטן פּלאַץ האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען גיט צו פונטן זייף, צו דריי פונט סאָדע און צו פעקלעך ציקאָריע און דאָ און דאָרטן זענען געשטאַנען אַלטע און יונגע, מיטליערִיקע און מיגדיעריקע פון ביידע געשלעכטער און די אַלע האָבן געוואַרט מ׳זאָל זיי געבן צו פונטן זאַלץ, צו צוויי שעכטלעך שוועבעלעך, צו דריי פונט סאָדע און צו פעקלעך ציקאָריע...

איך האָב באַ איינעם אַ פרעג געטון:

— ווען, אַ שמייגער, מ׳וואָלט דאָ געגעבן צו פלעשעלעך גומיראַביקע, צו טינטערס טינט און צו שטיקלעך קאַליפאָניע, (וואָס מ׳רייבט אָן די סמיטשקעס) וואָלט איר דאָ אויך געשטאַנען?

יענער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, קענטיק נישט פאַרשטאַנען די סאַטירע און איך האָב מיך גלייך אָפּגעטראָגן, ווייל נאָך אַלעמען האָב איך דאָס קיין רעכט נישט געהאַט צו פרעגן, ווייל איך אַליין בין נישט אַלעמאָל געשטאַנען נאָך דעם, וואָס איך האָב געדאַרפט, נאָר דאָס, וואָס מ׳האָט אין איינער אַ קראָם געגעבן... אָך, איך בין אַזוי גליקלעך, וואָס איך בין שוין פּטור געוואָרן דערפון, הגם דאָס גליק איז נאָך אַזוי ווייט און די נסיעה איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל געפאַרן... נאָר וואָס ס׳זאָל דאָרטן ווייטער נישט זיין באַ מיר, איז פעסט באַשלאָסן צו פאָרן... מיר פאַרן, איך ווייס נישט ווען, אָבער ס׳איז זיכער, אַז מיר פאָרן... דאָס לעצטע מאָל גיי איך אַרום און באַטראַכט קיעוו. קוק ווי אַ שטאָט הונגערט און פרירט. באַטראַכט די פענצטער, פאַרקלאַפּט מיט „דיקט" און די ווענט, וואָס רייכערן ליולקעס (דאָרטן, וווּ ס׳איז אַלע מאָל געווען צענטראַלע באַהייצונג האָט מען נישט געהייצט און יעדער שכן האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן אייזערן אייוועלע און אַרויסגעצויגן די רערן דורך די פענצטער, אַזוי אַרום האָט עס געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי יעדעס הויז וואָלט צענדליקער ליולקעס גערייכערט).

גענוען אַ געפגרט פערד ליגן מיט אַ ביסל היי אונטער דער מאָר-

דע... די ביינער פון הינטער דער פעל שטאַרצן ווי רייפן אַרויס... אַ פּאָר הינט האָבן שוין געמאַכט אַ גאַנצן חלל אונטערן עק... קוקן זיך אום מיט פאַרבלוטיקטע מאָרדעס...

מענטשן גרויסע, ווי קינדער קליינע, שלעפּן זיך מיט שליטעלעך אַרום, מען פירט אַריבער אייניקע זאַכן, פרעמדע, פון איין אָרט אויפן אַנדערן... אָט שלעפּן צוויי פרייליינס אַ שליטעלע מיט אַ קאָרב און אַ רויטע קאָלדרע פון אויבן, און דאָרט, וואָס שלעפּן דאָרטן עפּעס צוויי פאַרשוין? ... עפּעס אַ לאַנגס און אַ פאַרוויקלטס... אונטן שמעלער ווי אויבן... אַ צייט אַ וויסטיקע. „ער" איז נאָך דאָ, נאָכנישט באַגראָבן און איז שוין אַזוי עלנט, ווי ער וואָלט אין קבר געלעגן... אייגענע שעמען זיך נאָכצוגיין נאָך אַזאַ לוויה...

אָט טראָגט איינער אַ ווייס ברויט און יעדער קוקט אים נאָך. פון צייט צו צייט שפּרינגט איינער און אַ צווייטער צו צו אָט דעם גליקלעכן מענטש און פרעגט וווּ ער האָט עס געקויפט אָט דעם „אַנטיק" און וויפיל ער האָט באַצאָלט אויז דער „גליקלעכער" מוז געבעך אַלעמען ענטפערן.

דער פירער איז געקומען דינסטיק און געזאָגט, אַז מיר פאָרן פרייטיק. דאָנערשטיק זענען מיר שוין פאַרפּאַקט. אויף פרייטיק איז נאָר געבליבן דאָס בעטגעוואַנט צו פאַרפּאַקן. פון פאַרנאַכט אָן האָבן זיך צו אונז אָנגעהויבן מענטשן צו קלויבן. מ'איז געקומען צו אונז, צוליב אונז און מער פאַר זיך און פאַר זייעריקע, וואָס ווינען אין דער שטאָט, ווהין מיר קלויבן זיך צו פאָרן. ווער ס'האָט געבראַכט אַ בריוו, ווער אַ גרוס פאַר מענטשן, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט פון זיי, און זיי אַליין, די, וואָס האָבן געבראַכט די בריוו מיט די גרוסן, האָבן שוין אַליין אויך נישט געוווּסט, צי די אָדער יענע פערזאָן געפינט זיך נאָך אין דער שטאָט, ווהין מיר פאָרן, ווייל שוין אַ פּאָר יאָר, אַז זיי הערן אויז וויסן פון זיי גאָרנישט. מ'איז געזעסן און געשטאַנען וויפיל יעדן האָט זיך געגלוסט זיצן און שטיין, זיך שוין גאָרנישט גערעכנט מיט

אונז, פּונקט ווי מען רעכנט זיך נישט מיט אבלים, ווו דער מת ליגט נאָך אין שטוב... דאָס צימער איז געווען פול מיט מענטשן און פּעקלעך און צערוקט מעבל, וואָס איז נישט געשטאַנען אויפן אָרט.

ס׳פילט זיך דאָס ערב פאָרן... אייגענע האָבן פולע אויגן... פרעמדע, אומבאַקאַנטע ווייבער קושן זיך מיט מיין פרוי, געזעגענען זיך מיט מיר און ווינטשן אונז ביידע אַ גליקלעכע רייזע... עמעצער גיט דערביי אַ ניס און אַ צווייטער טייטשט עס פאַר אונז צום גוטן, הגם דער, וואָס האָט דעם ניס געגעבן, קער זיך מיט אונז גאַרנישט אָן.

עס לויפן די טעג. פרי שטאַרבט איין טאָג נאָכן אַנדערן, שטאַרבט אין וואָלקן און אין שניי... איך פיל מיך נישט היימלעך... שווערע, נעפּלדיקע שטימונגען פרעסן מיין האַרץ... איך וואָלט געוואָלט האָבן עמעצן איבער זיך, ער זאָל מיך נישט לאָזן פאָרן, אָדער עס זאָל עפּעס געשען אַזעלכעס... די פרוי מיינע האָט נאָך תּחילת אָוונט אָנגעצונדן אַ ליכט (וועגן עלעקטרי איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן) און האָט זיך אַרומגעדרייט מיט דעם פון איין אָרט אויפן אַנדערן און פאַרטריפט די פּעקלעך און די פּאַדלאָגע מיט סטעאַרין, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ווייסע קנעפּלעך ליגן צעשיט דאָ און דאָרט... דאָס האָט נאָך מער ענגשאַפט, מער כאַאָס, מער אומאָרדנונג צוגעגעבן. זי איז צעטומלט, די פרוי מיינע... איך דערקען אָן איר, אַז זי ווייסט נישט, וואָס מיט איר טוט זיך... מיר דאַכט זיך, אַז אַ לעבעדיקער שאָטן דרייט זיך אַרום און עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז נישט זי טראָגט דאָס ליכט, נאָר אַז דאָס ליכט טראָגט זי אַרום פון איין אָרט אויפן אַנדערן... איך בין צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט, זי זאָל זיך אָוועקזעצן... מיר דאַכט, אַז זי האָט איצט אויך אין זינען יוצא צו זיין פאַר מענטשן... וואָס, נישט אַזוי? טאָ וואָס-זשע דרייט זי זיך אַרום, נאָכוואָס?

אַ גאַנצע נאַכט געצונדן פייער און געטרונקען וואַסער... די נאַכט האָט זיך געצויגן אומגעהייער גרויס און זיך געבלייכט מיט די פּעקלעך... זיי זענען, דאַכט זיך, אין מיר, אָט די פּעקלעך, געלעגן, געדריקט מיך מיט זייער שווערקייט און בלאַסקייט... מיט פּעקל-אומעט, אָן פּעקל-שווערקייט... מיט באַהאַלטענע ערגעץ אין מיר שאָטנס פון שווערע טאָג-איבערלעבונגען און מיט אַ גאַנץ נעפּלדיקער, אין שאָטנס געהילטער, פאַרשטייענדער רייזע...

גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען, אָנגעטון אויף זיך פינף העמדער, פינף פּאָר גאַטקעס, צוויי פּאָר הויזן... דיק געוואָרן, שווער באַוועגלעך, גע־שטאַנען ווי אַ סטויפּ, געזעסן ווי אַ קלאָץ, אַרומגעגאַנגען ווי מעוברת.

דער היימישער עולם הייבט זיך אָן פרי צונויפצוקומען, אייגענע קומען, נישט קיין געוואַשענע און נישט געשוווּנקטע מײַלער. דער שוואָ־גער מײַנער פּאַקט דאָס בעטגעוואַנט, ער איז זײַער גענייט און געשיקט אין דער אַרבעט, דער שוואָגער מײַנער.

אַרום עלף אַ זייגער איז געקומען דער פירער און געזאָגט:

— מ'פאָרט הײַנט נישט. הײַנט איז קיין צוג נישטאָ. ערשט מאָנ־טיק, מאָנטיק וועט זײַן אַ צוג.

מאָנטיק, 12־טער יאַנואַר.

מיר פאָרן. דער פירער איז געקומען און געזאָגט, אַז מיר פאָרן. מיך פיבערט... נעפּלדיק ווילט זיך, אַז... ס'זאָל נאָך אָפּגע־לייגט ווערן... אָבער... ניין, זאָל שוין מער אַזעלכעס נישט געשען... די פּאָר טעג האָט מען שוין גאָרנישט געלעבט, ווי באַ זיך אינדערהיים... אויף אַ פרעמדער פּור... דאָס אייגענע צימער איז פרעמד געווען... און טעג פּאָר אַ שטאָט מיט מענטשן, וואָס דאַרפן זיי... טעג מיט נעכט... פּאָר מיר אינגאַנצן איבעריקע... גאָרנישט פאַרלאַנגט פון טאָג און נאַכט, נאָר געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער צוועקגיין...

פאַרנאַכט. אַ פּופצן מענטשן באַגלייטן אונדז פון הויף אַרויס און אַ ווינטערדיקער רעגן, מער קאַלט ווי נאַס און מער נאַס ווי קאַלט, פאַלט לאַנגזאַם מיט ווינטער־נעץ, מיט ווינטער־קעלט און מיט ווינטער־אומעט.

אַ דראָזשקע האָט געוואָלט פינף הונדערט רובל צום וואָקזאַל. אויס־געדונגען זיך פּאָר פיר. איך געזעגן זיך און קוש זיך און ווייס נישט מיט וועמען איך געזעגן זיך און קוש זיך... אַ שטיל געוויין, אַ שטיל כליפּען... זיך אויפגעזעצט אין דרייען (דער דריטער — דער שוואָגער מײַנער) און אַוועקגעפאָרן.

נישט לאַנג געוואָרט און געפאָרן... צוריק. אָפּגעלייגט געוואָרן אויף פרײַטיק...

צוריק זענען נאָר די זאַכן געפאָרן. דאָס האָט געקאָסט צוויי הונ־דערט רובל. איינער, אַ גרויסער, האָט געשלעפּט דאָס שליטעלע און מיר

ביידע, איך מיט מיין ש״אָגער, האָבן אונטערגעשטופּט פון הינטן. דער וועג איז געווען זייער אַ שלעכטער, מער שטיינער ווי שניי.

פאַרפאָרן צום שוואָגער.

אויס גאַסטפריינטלעכקייט, האָט די שוועגערין געמיינט, דאַרף זי זיין צופרידן... געטרונקען בײַ זײ טײ מיט אונזער צוקער, געגעסן אונזער צידה לדרך מיט זייער מעסער און גאָפּל און, פאַרמאַטערטע ווי מיר וואָלטן געקומען פון אַ ווייטן וועג, פון אַ לאַנג דויערנדער רייזע, זיך געוואָרפן אויף פרעמדע געלעגערס און גאַנץ געשמאַק איבערגעשלאָפן די נאַכט.

דינסטיק.

איך פיל מיך ווי אַ שטיף־קינד אין שטאָט. באַקאַנטע און פריינט מיינען, אַז מיר זענען שוין אַוועקגעפאָרן און דערפאַר וויל איך זיך אין גאַס נישט ווייזן, באַזונדערס פאַר נאָענטע פריינט, נאָכן קושן זיך און וויינען...

מיטוואָך.

אַ גאַנצן טאָג האָט געשיינט די זון און איך האָב מיך אין גאַס נישט געוויזן. מ׳האָט געזאָגט, אַז אינדרויסן איז זייער וואַרעם.

דאָנערשטיק.

קיינער ווייזט זיך נישט... אַ סברה, אַז מ׳ווייסט, אַז פיל זייערי־קע ווייסן, אַז מיר זענען נישט געפאָרן, נאָר מ׳מאַכט זיך נישט וויסנ־דיק... געקומען איז נאָר מיין פרויס פלימעניצע מ׳ט די קינדער. זי האָט געהאַט שטאַרקע יסורים, וואָס מיר זענען נאָך נישט געפאָרן...

דאָנערשטיקדיקע נאַכט שוין נישט געשלאָפן, ווי די פאַריקע נעכט. אויפגעשטאַנען פרייטיק מיט טאָג גלייך, זיך ווידער אָנגעטון אין די פינף העמדער מיט די פינף פּאָר גאַטקעס און צוויי פּאָר הויזן. די פלימעניצע איז נאָך פאַר טײ געקומען. זי איז געקומען זאָגן... אפשר זאָלן מיר שוין נישט פאָרן. אַז עס דרייט זיך אַזוי, וואָלט זי אונז געעצהט נישט צו פאָרן...

יאָ, מיר וואָלטן שוין נישט געוואָלט פאָרן, נאָר דאָס האָט זיך שוין

גאַרנישט אָן אונז געווענדט און איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, געמוזט זאָגן דער איבערגעגעבענער פּלימעניצע, זי זאָל קיין נאַרישקייטן נישט רעדן.

דאָס מאָל שוין געהאַט גאָר אַ קליינע „לוויה" — פון דריי פּער־זאָן. דער ש'אָגער האָט אונז ווידער באַגלייט איפּן וואָקזאַל. איך האָב זיך געשפּירט זייער נידערגעשלאָגן. די נערוון צערייצט און אויפגערעגט און איך האָב שוין באַ זיך פעסט באַשלאָסן, אויב מ'פאָרט היינט נישט, פאָרן מיר שוין נישט.

אין אַ שעה אַרום. נאָך אונז איז געקומען דער פירער מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס, מיט אים דער קרעמעניצער יונגערמאַן (שוין באַקאַנט מיט א״ם), וואָס פאָרט קיין קרעמעניץ, ער אויך מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס. ביידע זענען געקומען צופוס. נאָך זיי איז אָנגעקומען די איבע־ריקע קאָמפּאַניע: פיר דאַמען מיט אַ הויכן מאַנספּערשוין. זיי פאָרן אויך קיין קרעמעניץ. אַלע זענען דיק און שווער באַוועגלעך פון אָנגעפּעלצט־קייט, די קעפּ — פאַרוויקלט.

באַקומען בילעטן מיט אַ שעה אַנדערהאַלבן פריער פאַר דער באַ־שטימטער שעה, וואָס אונזער צוג האָט געזאָלט אָוועקגיין, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף דער ראַמפּע אויף אונזערע פּעקלעך. מיר האָבן זיך איסגעזעצט איינס לעבן ס'אַנדערע ווי איין משפּחה און זיך פאַרנומען גאַנץ געמיטלעך און געדולדיק אָפּצוּוואַרטן די שעה אַנדערהאַלבן; סיי ווי, מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווייל אַריינשטופּן זיך אין וואָקזאַל אַריין איז געווען אוממעגלעך. דאָרט איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, אַז מ'האָט נישט אָנגעזען קיין באַנק, קיין טיש, קיין פּיצל פּאָדלאָגע. באַלייגט און באַזעצט איז דער וואָקזאַל געווען מיט ליגנדיקע, מיט זיצנדיקע און מיט שטייענדיקע מענטשן, צומיינסטן אין גרויסע שי־בעלן. און געדאַכט האָט זיך פון ווייטנס, אַז גרויסע, זייער גרויסע צוויי־פיסיקע ווערים זענען באַפּאַלן טיש און בענק און פּאָדלאָגע און רויען זיך איינס אין דאָס אַנדערע... אַ כאַאָס. אַ צונויפמישונג פון קולות אָן ווער־טער. מ'עסט, מ'רייכערט און... מ'שלאָפט.

פּלוצלינג האָט אַ שטאַרקער צפון־ווינט אָנגעהויבן בלאָזן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט ערגעץ געווען געלעגן באַהאַלטן און נאָר געוואַרט, מיר זאָלן זיך אויסזעצן, אום זיך אַ וואָרף צו טון אויף אונז מיט קעלט,

מיט ווינטער און שניי. אין איינע פּאָר מינוט זענען מיר אַלע און אַלץ אַרום אונז ווייס געוואָרן, זיך צונויפגעגאָסן מיט די פּעקלעך און די פּעקלעך מיט אונז...

די אַנדערהאַלבן שעה זענען איבערגעגאַנגען און מיר זעען נישט און הערן נישט קיין צוג... אין דער גאַנצער וואָקזאַל-געגנט און האָקזאַל-סביבה הערט מען נישט קיין פּייף פון קיין לאָקאָמאָטיוו. דאָ און דאָרט שטייט אַ וואַגאָן און צוויי, וואָס באַשטיין פון גאָלע ווענט מיט האַלב-אָפענע ברייטע טירן, וואָס האַלטן פאַרמאַכט הינטער זיך ליידיקייט און פּוסטקייט. פון שניי זענען צונויפגעגאָסן רעדער מיט רעלסן, וואָס גיט צו נאָך מער אומבאַוועגלעכקייט די שטייענדיקע וואַגאָנעס.

ווען מ'איז נאָר חושד, אַז ער שטייט נאָענט צום וואָקזאַל און באַן, פרעגט מען, ווען גייט אָפּ אונזער צוג, ס'הייסט דער צוג, וואָס מיר האָבן נאָך אין די אויגן נישט אָנגעקוקט. איינער ענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, אַ צווייטער רופט אָן אַ שעה, אָבער שפּעטער דערוויסן מיר זיך, אַז דער, וואָס האָט כּלומרשט געוווּסט, האָט אויך נישט געוווּסט.

די נאַכט ווערט קעלטער און בייזער, בלאָזט מיט פראָסטיקן ווינט און שמייסט מיט שטעכנדיקן שניי. איין פאַרשיין נאָכן צווייטן הייבט זיך פון פּעקל, גייט זיך דורך צו דערוואַרעמען די פאַרזעסענע, פאַרגליווערטע אבריים... אינמיטן דער ראַמפּע, ווייטלעך פון אונז, באַוועגט זיך אַ פּעקל, איבערגעדעקט מיט עפּעס... אַלע באַמערקן עס, ווייל אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַ פּעקל... דאָס פּעקל האָט זיך פון אָרט גערירט, זיך אָפּגערוקט און געלאָזט נאָך זיך אַ שנירעלע, טיף איינגעשניטן אין שניי...

די נאַכטיקע שעהן ציען זיך אומגעהויער לאַנג און פונוויטנס שטייט דער גרויסער וואָקזאַל, מיט די גרויסע באַלויכטענע פענצטער, וו...ס דער-ציילן פון נאַכטיקער פאַרוואַגלעניש, דערציילן פון טויזנטער מענטשן, וואָס דער גורל האָט אַרויסגעוואָרפן פון הייזער, אָפּגעריסענע גלידער פון שטאָט... דער וואָקזאַל, דער מאָגן פון שטאָט, וואָס נעמט אַריין און וואַרפט פון זיך אַרויס טויזנטער מענטשן אַ מעת-לעת, זעט איצט אויס, מיט זיינע פאַרשוויצטע פענצטער, ווי פאַרחלשט פון איבערגעפולטקייט, ווי ער וואָלט געוויינט פון נישט-נוטקייט... דאָרט זיצן פיל מענטשן,

וואָס האַרטן שוין וואָכן לאַנג אויף אַ צוג. . . זיצן און בייטן נישט די ערטער, עסן, מיסטיקן און שלאָפן אויף די זעלבע ערטער.

דער פירער אונזערער הערט אָפּט פאַרשווינדן און קומט אַלע מאָל מיט עפּעס נייעס: קיין מאַשין איז נישטאָ, קיין האָלץ איז נישטאָ. ער מיינט זיכער, אַז ער טוט אונז אַ גרויסע טובה, דערקלערנדיק די סיבה פון אונזער נישט פאָרן, אָבער ער איז אונז מבטיח:

— פאָיעדעם!

ער רעדט אוקראַיניש, אָבער ער בראַקעוועט נישט אויך מיט רוסיש. . . ער האָט שוין דערשמעקט, אָט דער כיטראַק, מיט וועמען ס'איז גינסטיקער פאַר אים צו רעדן אויף דער אָדער אויף יענער שפּראַך.

דער הויכער מאַנספּערשוין איז כמעט די גאַנצע צייט אויף די פיס. אים איז שווערער פון אונז אַלעמען די קעלט איבערצוטראָגן. דער קאָפּ איז אינגאַנצן אַרומגעוויקלט, נאָר נאָז און אויגן קוקן אַרויס. ער איז הויך, ריזיק ווי אַ דעמב, און ציטערט פאַר קעלט, ווי אַ פאַלמע. דער בחורעץ איז מיר פון ערשטן אויגנבליק זייער געפעלן געוואָרן מיט זיין פּשוטקייט, אָבער שוין זייער ווייט פון גראָבקייט. אַ פּשוטע איידלקייט, ווייט פון אייראָפּעיזם, מיט אַ געזבוירענער מאָס פון האַלטן זיך, מיט פעסטער, כמעט האַרטער גוטמוטיקייט. . . ער רעדט ווייניק, און רעדט דאָך נישט ווינציקער, ווי מ'דאַרף, ווען ס'קומט אים אויס עפּעס צו רעדן. דער דיאַלעקט זיינער איז אַ ריין רוסישער, יעדעס וואָרט ווערט אַרויסגערעדט עכט גראַמאַטיקאַליש, ווי עס רעדט נישט קיין געבוירענער רוס און אין דעם אַליין דערקענט מען, אַז ער איז קיין רוס נישט. . .

די נאַכט איז געוואָרן אַלץ קעלטער, דער שניי — בייסנדיקער, דראָבנער. . . אַ גרויסער אומאָנגענעמער גאַסט געקומען מיט ווינט און האָט זיך צעלייגט אויף דער קויטיקער וואָקזאַל-סביבה, האָט מיט ווייסקייט און רויקייט רעלסן פאַרדעקט, וועג פאַרשאָטן. . . אויס פאַרעכטס!. . .

פאַר דער נאַכט האָב איך אַמאָל צען אָפּגעשאַרט דעם שניי פון מיין הרוי. פון מ'דקייט און קעלט האָט זי געהאַלטן אין איין דרימלען, האָט זיך אינגאַנצן מיט נאַכט און דרימל צונויפגעגאָסן. . . אָפּט גערעדט מיט עמעצן, פון אונזער קאָמפּאַניע, וועגן איר. ס'האָבן שוין אַלע באַמערקט, אַז זי איז די קלענסטע און שוואַכסטע צווישן אונז אַלע.

— נישט ווייט פון אונז איז געשטאַנען אַ סאַלאָן וואַגאָן, וואָס האָט

זיך אויסגעצייכנט מיט פענצטער גאַנצע, מיט ליכטיקייט און וואַרעמקייט. פון צייט צו צייט האָבן אַ פּאָר מענטשן צוגעטראָגן האָלץ צו דעם וואַגאָן און פון אינעווייניק האָט זיך עמעצער באַוויזן און דאָס האָלץ אַריינגענו־מען. נישט געוווּסט, ווער דאָרט געפינט זיך, האָט קיינער קיין דרייסטקייט נישט געהאַט צו אַריינגיין אין וואַגאָן אַריין: זיך אָנצווואַרעמען.

חוץ אונזער קאָמפּאַניע זענען אויך דאָ און דאָרט גרופּנווייז און איינצלנע מענטשן געזעסן. אין פרעמד פון נאַכט און קעלט געזעסן פאַר זיך און אין זיך געפּעקלט אין אָנטאָן און אין שניי. אייניקע האָבן אַרומ־געבלאָנדזשעט צווישן ליכט און שאָטן פון די וואָקזאַל־לאַמטערן, וואָס זע־בען הויך אין דער לופט געהאָנגען און באַלויכטן — נאַכט, פינצטערניש און שניי־ווייסקייט...

איך בין די נאַכט כמעט ווי נישט געזעסן. די קעלט אין די פיס האָט מיך נישט געלאָזט רוען. האָב איך מיך אַרומגעדרייט אויף דע־ראַמפּע. פון נישט שלאָפן און אַרומגיין האָב איך מיך זייער מיד געפילט. די אַקסלען האָבן מיר געבראָכן פון דער שווערער משא, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגן. איך האָב אָפט געקוקט אויפן הימל, געזוכט דעם טאָג און נישט געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ זייט עס דאַרף אָנהייבן צו טאָגן...

ענדלעך האָט זיך ערגעץ אַ ווייטע פרעמדע זייט אָנגעהויבן צו בלייכן... אַ פרעמדע, פאַרוואָרפענע זייט פון פרעמדער און אומבאַקאַנטער געגנט, פאַרשטעלט מיט הויכע געביידעס פאַרלאָזטע און פאַבריקן שוואַר־צע, האָט אונז דעם ערשטן גרוס פון טאָג איבערגעגעבן.

צופרידן, וואָס די נאַכט איז שוין אַוועק, האָב איך שמייכלענדיק געקוקט אויף די דאַמען און געטראַכט: מענטשן, וואָס זענען אַלע יאָרן געווינט געוואָרן צו שלאָפן אין די הייזער, אויף ווייכע, וואַרעמע גע־לעגערס, האָבן פּלוצלינג ווי בראָדיאַגעס אַ נאַכט אינדרויסן פאַרבראַכט, אונטערן פרייען הימל, אין אַ צען־גראַדוסיקער קאַלטער אַטמאָספערע... אויפן אָרט פון ווייסע ליילעכער — אַ קאַלטער, ווייסער שניי, און — גאָרנישט, איבערגעטראָגן.

אויפן טאָג האָבן מיר די ניי־באַקאַנטע פיר קריסטינס אויסגעזען ווי פרעמדע. איך האָב געשפירט אין זיי זייער קריסטלעכע פרעמדקייט... דעם קרעמעניצער בחור, האָט זיך מיר געדאַכט, קען איך שוין זייער לאַנג. אָבער איך האָב נישט געשפירט צו אים קיין סימפּאַטיע... מאָדנע:

עס איז מיר געבליבן אַן איינדרוק, אַז ער האָט מיט דער רוסישער קאָמ־פּאַניע צופיל רוסיש גערעדט... דער הויכער מאַנספּערשוין, וואָס ווי איך האָב מיך אין פאַרלויף פון דער נאַכט דערוווּסט, אַז ער איז אַ גרוזין, איז מיר שטאַרק געפעלן מיט זיין גבורה, מיט זיינע שטאָלצע, גליענדע אָדלער־אויגן און נאַיוו קינדעריש שמייכלען. איך האָב מיך גלייך מיט אים היימיש דערפילט:

— זאָל ער מיר זאָגן: אַלע גרוזינער זענען אַזעלכע גיגאַנטן ווי ער?

— אָ, אַלע! — האָט ער מיט שטאָלצער און האַרטער גוטמוטי־קייט געענטפערט.

און איך האָב ווייטער געזאָגט:

— די מוטערס זייערע מוזן זיך אויף די הויכע קאַווקאַזער בערג פאַרקוקן.

געהאָלפן מיין פרוי זיך אויפהייבן. איך האָב זי איינגאַנצן מיט איר גאַנצער אָנגעפעקלטקייט געמוזט אונטערהאַלטן, ביז זי איז זיך די פיס צע־גאַנגען פון אַ גאַנצער נאַכט זיצן. אַרומגעפירט זי הין און צוריק. אונטער דער פאַרפאַקטער האַנט האָב איך אומרויק געוואַרט אויף עפּעס אַ שלעכטע בשורה פון דער איבערגעלעבטער נאַכט, און ס'האָט שוין פאַר מיר איי־נע פון די דאַמען, אַ הויכע, אַ בלאָנדע, ווי איך האָב געהערט, וואַסיאַ קליעמענטיעוונאַ, אַ פרעג געטון בײַ איר (אויף רוסיש):

— נו, ווי האָט איר פאַרבראַכט די נאַכט?

דער קרעמעניצער בחור האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט לייכטער פון אַלע איבערגעטראָגן די נאַכט און האָט פלוצלינג מיט מימיק און באַ־וועגונג פון אַ קעלנער אַ זאָג געטון:

— אפשר פאַרלאַנגען די דאַמען הייסע קאַווע מיט פּוטער־קוכן?... אפשר צו גלעזלעך ליקער?...

און האָט זיך מיט פּאַטאָס צערעדט פון פּעטראָגראַד און פון מאָסק־ווע, ווי ער האָט אַמאָל דאָרט פאַרבראַכט גוט אין די רעסטאָראַנען און קאַפע־שאַנטאַנען... אַריינגעקומען נאָך מיט פאַרקלעפּטע אויגן...

— קעלנער, אַ גלעזל בענעדיקט?

— דער קרעמעניצער בחור מוז זיין אַ גרויסער שוטה, — האָב איך שטיל אַ זאָג געטון צו מיין פרוי.

פלוצלינג באמערקט, ווי בא איינער פון די דאמען קוקט פון בוזעם ארויס א הינטיש ווייס קעפל, מיט שווארצע, גרויסע, קיילעכדיקע אויגן. מיט שטייף אנגעשפיצטע אויערן ארומגעשמעקט די לופט מיטן נאסן שווארצן נעזעלע, געפינטלט מיט די אויגן אויף דער אומבאקאנטער סביבה, האט דאס הינטל געטון א פארריס די מארדעטשקע צום פנים פון דער, וואס האט עס געהאלטן און ווי געפרעגט:

— „ווו זענען מיר דא?"

— ווילסט שפאצירן? — האט זי געפרעגט בא דעם ווייסן נפש און האט עס אראפגעלאזט און דאס הינטל האט זיך „אויסשפאצירט"...

— דער גרוזין האט זיך אנגעבויגן, א גלעט געטון דאס הינטל און געזאגט:

— סאבאקא!

איך האב געגומען אונזער טשייניקל, געוואלט זיך דערשלאגן צום ביפעט נאך א פאר גלעזער הייס וואסער, אבער אנהייבנדיק פון דער טיר, איז דער וואקזאל שוין געווען פארשטאפט מיט מענטשן. א רוח-שטות איז מיר אריין אין קאפ אריין און צו איינעם פון די מענטשן, וואס האבן די טיר פארשטאפט, געזאגט: „גאספאדין", דאס האט דערהערט איינער פון די „חברים" אין א שינעל און האט זיך צעשריגן אויף מיר:

— דאוואלנא וואס! ניעט גאספאד!

איך האב אים איבערגעבעטן, געזאגט, אז דאס איז א פשוטער צופאל און אים פארזיכערט, אז בא אים וועט נאך ווען עס איז אזעלכעס טרעפן, וואס ער וועט אויפן ארט פון חבר זאגן „גאספאדין". דער זעלבער, וואס האט אויף מיר געשריגן, האט מיר געמאכט א וועג אויף אריבערטרעטן די שוועל פון טיר, אבער ווייטער — אוממעגלעך: דער וואקזאל איז געווען ווי א העלזל ענג אנגעשטאפט מיט מענטשן... איינער אויפן אנדערן געזעסן, איינער אויפן אנדערן געשטאנען. דער, וואס איז געזעסן, האט זיך לייגן נישט געקאנט, דער, וואס איז געשטאנען, איז געווארן אזוי ווי פארמויערט צווישן דער געדיכטער מענטשן-מאסע. עס האט שוין קיינער נישט געקאנט טון דאס, וואס ער האט געוואלט.

איך בין צוריקגעקומען מיט א ליידיקן טשייניק.

האט מען געגעסן און נישט געטרונקען. דאס ברויט איז געווען

פֿאַרפֿרוירן, האָט זיך שווער געלאָזט שניידן אונטערן מעסער און האָט אויסגעזען ווייסער ווי ער איז געווען, „פֿאַרגאַנגען“ אונטער די ציין און האָט שוין גאָר קיין טעם נישט געהאַט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך עס טעפּטקע פֿון סאָסנע האָלץ.

לעבן אַ שמויביקן וואַגאָן, מיט ברעטער אַרומגעקלאַפּט, אונטערשטע וואַגאָן היילקייט און רעדער, זענען געשטאַנען צוויי קאָנדוקטאָרן און געשניטן האָלץ אויף צו באַהייצן אָט דאָס וואַגאָן שטיבל. אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער ראַמפּע צו זיי אין דער נידער, האָב איך אַ בעט-געטון בײַ איינעם פֿון זיי, ער זאָל מיר אָפּלאָזן די זעג; ער האָט גלייך דערפֿילט מײַן בקשה און איך האָב זיך אַ וואָרף געטון צו דער אַרבעט. געשניטן איין שטיק האָלץ נאָכן צווייטן און פֿון גרויס איילעניש און כאַפּעניש בין איך מיד געוואָרן.

מיט פֿייפֿן, מיט רויך און פֿאַרע האָט זיך אַדורכגעשפּאַצירט אַ לאָקאָמאָטיוו. פֿון זײַן טשוגונענער שווערקייט האָבן זיך אַזוי ווייך געזעצט אַראָפּ די אײַזערנע רעלסן און באַפֿרייט זיך פֿון ראָד און שווערקייט, זיך צוריק אויפֿגעהויבן. דער מאַשיניסט, שוואַרץ און גלאַנציק, וואָס זעט אַליין אויך אויס ווי פֿון טשוגון געגאָסן, שטייט און קוקט אַרויס מיט קאָפּ און אויגן פֿון שמאָלן טירל אַרויס. אַ פּאָר באַן-באַאַמטע לויפֿן פֿאָרויס פֿאַר דער מאַשין מיט פֿענדלעך אין די הענט און פֿײַפֿלעך אין די מײַלער. די מאַשין גייט אַריבער פֿון איין רעלס אויף דער צווייטער, צעקלאַפּט זיך מיט טשוגונענע שוואָמען פֿון וואַגאָנעס מיט הילכיקן קלאַנג, פֿאָרט צונויף איין וואַגאָן מיט אַ צווייטן און שלעפּט זיי אַוועק...

אויף דער ראַמפּע, ווו מיר זענען געזעסן, האָבן אָנגעהויבן צוּוואַקסן מענטשן, גרויע, פֿאַרשלאָפֿענע, צעקנייטשטע און ברודיקע מיט פּעקלעך אָרימקייט אין די הענט און אויף די פּלייצעס... באַקומען אַן איינדרוק, אַז דאָס איז עפּעס אַ מאַסקן-באַל, ווו אַלע האָבן זיך פֿאַר קצבים פֿאַרשטעלט. קיין איין מענטש נישט געזען לייטיש אָנגעטון, בײַ קיינעם קיין טשעמאָדאַן נישט געזען. בײַ אַלעמען פּעקלעך מיט זעקלעך, ווי אַ מחנה בעטלער-וואַנדרער, אָן אַ שטאָט, אָן אַ היים...

אַ קאָנדוקטאָר, זעט אויס, דערשמעקט ווער ס'געפֿינט זיך צווישן אונזער קאָמפּאַניע, איז זיך אַזוי דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ אונדז און אַ זאָג געטון:

— סקאָרענקאָ פּאָיעדעם!

די גאַנצע קאָמפּאַניע אונזערע איז באַוועגלעך, אייניקע זענען אפילו גאַנץ מונטער. יעגע מיטן הינטישן בוזים האָלט זיך גאָר בעסער פון אונז אַלע. האָט זיך אפילו איינמאָל נישט געקלאָגט אויף קעלט און אויף מידקייט. דער פירער אונזערער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער טוט עפּעס פאַר אונז, לויפט אויף און אָפּ און קומט אַלעמאָל צו גיין מיט נישטיקע נייעס וועגן צוג און פאָרן. מיטן קרעמעניצער בחור איז ער אַ גאַנצער גוטער ברודער, שלעפּט באַ אים איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, רופט אים מאַרק גריגאָריעוויטש, און דער קרעמעניצער אים — וואַסילי איוואַנאָוויטש...

פון קרעמעניצער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די פיר דאַמען זענען גוט-באַזיצערינס, פּאָמעשטשיצעס. זייער רייכע. דריי זענען אייגענע, צוויי שוועסטערן, די דריטע, אַ פריילין, אַ טאָכטער פון יעוועגעניע סעמיאַנאָווגאַ... די, וואָס האָט דאָס הינטל, הייסט יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ. די פרעמדע הייסט וואַסיאַ קלעמענטיעוונאַ... דער גרוזין פאָרט באַגלייטן יעוועגעניע סעמיאָנאָוונאַ. ער איז אירס אַ געליבטער.

די ראַמפּע איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט מענטשן און פּעק. ערגעץ פאַרשטעלט פון אויג, האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערן דער הילכיקער קלאַנג פון די בופערס, באַגלייט מיט אַ פייפעריי. דערזעלבער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אונז אַ זאָג געטון: „סקאָראָ פּאָיעדעם“, איז ווידער צוגעגאַנגען צו אונז און געזאָגט, אַז מיר פאָרן צוויי אַ זייגער. פאַרשטאַנען, אַז ער וויל עפּעס, האָט אים שוין דער פירער אונזערער אָפּגעפירט אָן אַ זייט און אָפּגערעדט מיט אים, ער זאָל אונז אַלעמען געבן אַ וואַגאָן, עס הייסט, אָנווייזן אַן אָרט, ווו די גאַנצע קאָמפּאַניע אונזערע זאָל קאָנען זיצן אינאיינעם. דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן פאַר פינף הונדערט רובל.

די צווייטע שעה גייט אַריבער, מיר פאָרן נאָך אַלץ נישט.

— מיר זענען שוין באַלד אַ מעת-לעת אינדרויסן — זאָג איך צו מיין פרוי!

נאָך דריי אַ זייגער האָט זיך אונזער קאָנדוקטאָר געוויזן, געזאָגט, אַז מיר פאָרן זיכער אָפּ פיר אַ זייגער, אונז געהייסן פאַרנעמען די פּעקלעך און אים נאָכגיין.

געשפרונגען פון ראַמפּע אויף רעלסן, פון רעלסן אויף ראַמפּע, אַזוי

לאַנג געגאַנגען און געשפּרונגען, ביז דער קאָנדוקטאָר האָט אונז געהייסן זיך אָפּשטעלן.

זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַ פּאָר פּראַכט־וואַגאָנען מיט ברייטע צעעפנטע און פאַרמאַכטע, ווי ווענט גרויסע טירן.

אָנגעוויזן אונז אויף אַ „סאַלאָן־וואַגאָן"... אַ האַלב אַרשין די הייך מיט גנאַי. די מענער האָבן אויפגעהויבן די דאַמען אין דער לופטן. איינס נאָך דאָס אַנדערע, זיי אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן אַריין. אויפגעלייגט איינס לעבן דאָס אַנדערע, פּעק מיט פּעקלעך און זיך אויסגעזעצט אויף זיי.

שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה האָט זיך דער וואַגאָן מיט ליאַרם און געפּילדער אָנגעהויבן אָנצופילן... אין איין פערטל שעה איז דער וואַגאָן אָנגעפּילט געוואָרן מיט מענטשן. און ערשט שפּעט אין אָוונט האָבן מיר זיך פון אָרט גערירט.

אין וואַגאָן איז געווען חושך מצרים. בײַ אונז איז אפילו געווען ליכט, נאָר מיר האָבן מורא געהאַט אָנצוצינדן — נישט געוואָלט צוציען אויפמערקזאַמקייט אויף אונזער באַקוועמלעכקייט.

דער וואַגאָן, אָן רעסאָרן, האָט געוואַלדיק געטאַראַבאַנעוועט און שטאַרק געטרייסלט... דין הינטער זיך געפילט דאָס שווערע האַרטע רייבן זיך פון טשוגון און אייזן. . געשפּירט אונטער זיך אַ לויפנדיקן אָפּגרונט. די ווענט־טירן איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן האָבן געקלאַפּט, אומבאַמערקט אָפּגערוקט זיך פון פאַרמאַכטקייט, באַוויזן גרויסע פּאַסן, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעשטראָמט ווינט מיט קעלט, און דאָס קלאַפּן און רוישן איז נאָך האַרטער געוואָרן.

דער צוג איז מער געשטאַנען, ווי געגאַנגען. און קיינער האָט נישט געוווּסט נאָכוואָס און נאָך ווען דער צוג שטייט. . אויף יעדער סטאַציע האָבן כוחות אָפּגערוקט אַ טיר. די צייט, וואָס די טיר איז געווען אָפן, האָט פון אויבן נישט געקאַפּעט און ווען ס'האָט ערגעץ ווו עמעצער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָב איך אויבן דערזען בלישטשענדיקע פאַרפרוירענע צאָפּעלקעס.

אויף יעדער סטאַציע האָב איך געהערט אַ געבעט פון מענטשן, מ'זאָל זיי אַריינלאָזן אין וואַגאָן אַריין, וואָס איז זעלטן באַפרידיקט געוואָרן, און דאָך איז אונזער וואַגאָן אַלץ ענגער און ענגער געוואָרן. אויף איינער אַ סטאַציע האָט עמעצער מיט געוואַלד אַריינגעוואָרפן צו אונז אין

וואַגאָן אַריין אַ פרוי מיט אַ וויינענדיק קינד. אַ היפּשע צייט האָט די מאַמע אַליין אויך געוויינט און זיך געקלאָגט אויף דער אַכזריות פון מענטשן... ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין, האָט זי זיך באַרויקט, אָבער דאָס קינד האָט זיך אַלץ געריסן. איך האָב געטראַכט פון דער דאַמע מיטן הינטל. וואָס זיצט זיך גאַנץ באַקוועם, און פון דער פרוי מיטן קינד האָב איך געטראַכט, וואָס שטיקן זיך ערגעץ אין ענגשאַפט. איך האָב אַ זאָג געטון צו מיין פרוי:

— מיר דאַכט, אַז... ווי אַזוי הייסט זי דאָרט... מיטן הינטל...

יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט שוין שטאַרק מורא, מ׳זאָל זיך נישט דער־וויסן, אַז זי פאָרט מיט אַ הינטל.

— זי איז אַ גענעראַלשע, — האָט מיר מיין פרוי איינגערוימט אין אויער אַריין — דער מאַן אירער שלאָגט זיך ערגעץ אין דעניקינס אַרמיי.

פון פיל מענטשן און ענגשאַפט האָבן די ווענט געשוויצט. פון סופיט האָט געקאַפּעט ווי אין אַ באָד. דער גנאַי איז צעפּאַרעט געוואָרן און ס׳האָט זיך געטראָגן אַ שלעכטער ריח, ווי אין אַ שטאַל גע־מישט מיט מענטשן־שוויס און מענטשן־ברוד. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מענטשן געריעדט, אַ גאַנצע נאַכט האָבן מענטשן געשריגן, איינס דאָס אַנדערע געזידלט און געשאָלטן, איינער דעם צווייטן אויף די פיס געשטאַנען, אויף די קעפּ געקראָכן. פיל וויכוחים האָט אַרויסגערופן דאָס פיר־עקעדיקע לאָך אונטערן סופיט. אייניקע האָבן געוואָלט ס׳זאָל זיין אָפן, אַנדערע - ס׳זאָל זיין פאַרמאַכט. האָבן סיי די, סיי יענע זיך געלאָזט קריכן צווישן מענטשן און איבער מענטשן פון איין עק וואַגאָן אין אַ צווייטן: די ערשטע — צו עפענען דאָס ברעטל מיט זאַוויעסקעס; די צווייטע זענען געקראָכן עס צו פאַרמאַכן... ס׳האָבן זיך געקריגט און געזידלט מענטשן נישט קענענדיק, נישט זעענדיק איינס דאָס צווייטע...

ווען דאָס זידלעריי האָט שוין אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער, האָט איינער פון די קריגדע צדדים אָנגעריבן אַ שוועבעלע, געזוכט, געפינען און באַ־טראַכט דעם קעגנער זיינעם. און ס׳איז שוין אַלעמאָל אַזוי געשען, אַז נאָכן באַטראַכטן איינס דאָס צווייטע, איז די קריגעריי פאַרשאַרפט געוואָרן, אָדער פאַרקערט —ביידע זענען פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. . אונזער קאָמפּאַניע איז זיך אינאיינעם גאַנץ באַזונדער געזעסן פאַרבאַריקאַדירט מיט פעקלעך און אייגענע פּלייצעס...

— „זשילי—בילי, — האָט עמעצער אָנגעהויבן אַ מעשה דערציילן — האָבן געלעבט און געוווינט... אַ באָק מיט אַ ציג... ביידע האָבן געהאַט הערנער מיט בערד... די ציג האָט זיך געמאָלקן און דער באָק — נישט... זאָגט אַמאָל די ציג צום באָק: באָק, דו האָסט קיין רעכט נישט דיין באָרד צו טראָגן, אַ באָרד טראָגן, זאָגט די ציג, האָב איך נאָר דאָס רעכט, ווייל איך גיב מילך און אַזוי ווי דו גיסט קיין מילך נישט, האָסטו נישט קיין רעכט אויף אַ באָרד... זאָגט דער באָק צו דער ציג: ציג איינע, מיינסט פונקט פאַרקערט, ווייל דו גיסט מילך, האָסטו נישט דאָס רעכט אַ באָרד צו טראָגן. דאַן זאָגט די ציג צום באָק: אויב אַזוי, האָסטו אויך דיינע הערנער קיין רעכט נישט... דאָ צעלאָזט זיך שוין דער באָק: ציג נארישע! אַ שיין פּנים וואָלט איך, באָק, אָן הערנער געהאַט... דערהערט די ווערטער, איז די ציג אַוועק, זיך צונויפגערעדט מיט נאָך ציגן און אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויפן באָק און אים אָפּגעבראָכן די הערנער"...

געענדיקט דאָס מעשהלע, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן, גלייכצייטיק האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— „דאַלאַי בורזשויעוו, דאָלאַי קאָזלאָוו דאַרמאָיעדאָוו! דאַ זדראַסטוויעט טרודיאַשטשיסיאַ נאַראָד!"

צווישן די קולות האָט זיך ווידער דערהערט דאָס געוויין פון דער פרוי מיטן קינד. עמעצער האָט אַ פרעג געטון:

— ווער וויינט עס?... קומט צו מיר אַלע דערנידעריקטע, אַלע געפּלאָגטע, אַלע איר זענט נענטער צו גאָט און ער וועט אָננעמען אייערע טרערן. וואָס פאַרלאַנגט גאָטס באַשעפעניש, וואָס וויינט ערגעץ אין דער פינצטער?

דאָס איז געווען אַ באַסיק קול, וואָס האָט זיך געביטן בײַ יעדער פראַזע. אָט האָט ער גערעדט דעקלאַמאַטאָריש און אָט גאָר נביאיש.

איבער קעפּ און מענטשן האָט זיך אַ האַנט מיט אַ ברענענדיק שוועבעלע באַוויזן, אַ געזונטע האַנט מיט גראָבע שוואַרצע פינגער.

— מ׳וועט מיר דאָס קינד דערשטיקן! — האָט זיך געהערט אַ פרויען-שטימע.

— אַ שטיקל ליכט ווער האָט? ווער האָט אַ שטיקל ליכט? — האָט זיך דערהערט דיזעלבע שטימע, וואָס האָט נאָר-וואָס דעקלאַמירט.

דער גרוזין האָט אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט. יעוגעניאַ סעמיאָנאָוו־נאַ האָט שטיל פּראָטעסטירט, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל און געפילט האָט מען, אַז עמעצער וויל זיך דערלאַנגען צו אונז. עטלעכע צענדליק קעפּ מיט פרעמדע פּנימער האָבן זיך באַוועגט און געדרייט און אויסגעקוועטשט פון זיך אַ פאַרשוין, פון קעפּ און קערפּערס איז ער אַרויסגעקראָכן און זיך דאָרט לעבן אונז באַ־וויזן, באַטראַכט אונזער קאָמפּאַניע און אויסגעשריגן:

— גענוג אייך באַקוועמלעכקייט, בלוט־זייגער, גענוג! קוק נאָר אָן די באַראָנעסעס. חברים, פרעגט זיי נאָר ווהין זיי תאָרן! אַ־אַ, זיי אַנט־לויפן פונדאַנען... אַנו, זייט נאָר אַזוי פיל גוט, גענעראַלשעס און באַראָ־נעסעס, איך בעט אַ ביסעלע זיך ענגער מאַכן, צונויפקוועטשן אייערע גראָבע...

— הער נאָר, חבר! — האָט דער גרוזין מיט גליענדיקע אויגן גע־זאָגט — באַ אונז איז אויך אַ פרייע לאַנד, באַ אונז אין גרוזיען, אָבער דאָרט פאַרשטייט מען אַנדערש די פרייהייט... נישט אויף צו באַליידיקן קיינעם... באַ אונז באַצאָלט מען זייער טייער פאַר באַליידיקן אַ פרוי...

דער אינצידענט האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די פרוי מיטן קינד האָט געפונען אַ פּלאַץ לעבן יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ. דאָס הינטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין בוזעם, האָט, דערפילנדיק אַ פרישן מענטש לעבן זיך, געוואָלט אַרויסשטעקן דאָס קעפּל און אַ קוק טון ווער ס'זיצט. אָבער יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט נישט דערלאָזט.

דער הײַיקער רוס, נאָך לאַנג באַטראַכטן אונזער קאָמפּאַניע, האָט באַפוילן דאָס ליכט זאָל ברענען.

— זאָל ברענען דאָס ליכט! זיי באַדאַרפן נאָר פינצטערניש, נאָר פינצטערניש באַדאַרפן זיי.

דאָס ליכט האָט זיך שטאַרק געשמאָלצן פון די קאַלטע און וואַרע־מע שטראָמען לופט, וואָס האָבן געהערשט אין וואַגאָן. פון די ווענט זענען ריטשקעלעך געלאָפן, פון סופיט איז אַ קאַלטער רעגן געפאַלן, דער גנאַי האָט זיך צעפּאַרעט און די פיס זענען אַריינגעקראָכן אינעווייניק.

די פרוי מיטן קינד, באַקומענדיק אַן אָרט אויף זעצן זיך, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. דאָס קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף די הענט, איז געווען אַזוי פאַרוויקלט און פאַרפּאַקט,

אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי האַלט אַ פּעקל שמאַטעס אויף די קני. אין וואַגאָן איז שטילער און רויקער געוואָרן. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער אין די רעלסן.

זונטיק, 18-טער יאַנואַר.

פאַרנאַכט געקומען קיין קאַראַסטיען.

דער פירער אונזערער, איך און דער קרעמעניצער האָבן זיך גלייך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט זוכן אַ סטאַנציע.

באַפרייט זיך פון ווענט און מענטשן האָט מיר דרויסן-ברייטקייט און שניי-ווייסקייט אויסגעזען פאַנטאַסטיש. די ווינטער-זון האָט געהאַלטן בא פאַרגיין, מיט אירע קאַלטע שטראַלן באַלויכטן ווייסקייט און אומעט, באַשיינט קליין-שטעטלדיקע שטילקייט און רויקייט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן איין יידישע שטוב נאָך דער צווייטער; שטיבער מיט שניי אויף דעכער און שניי אויף גערטנער אַרומגעצוימטע מיט דראָט. כמעט אין יעדער שטוב אַ געוועלבל, מיט אָפענע טירן; פּאָליצעס מיט אָרימקייט און סחורה נישט נייטיקע.. דאָ אַ קאַריקאַטוריש בילד פון אַ פאַריקמאַכער, דאָרט אַ „טשייניע" מיט אַ שילדל פון אַ סאַמאָוואַר מיט גלעזער און נאָך אויף אַן אָרט — אַ גוישע קאָלבאַסנע.

מיר זענען געגאַנגען פון איין שטוב אין דער צווייטער, לאַנג געזוכט, ביז וואַנען מיר האָבן געפונען אַ סטאַנציע, דאָרטן געקריגן צוויי שליטעלעך און מיט דריי מאָל זיך קערווען פאַרנומען די זאַכן. די דאַמען האָבן אין זייער אָנגעפּעלצטקייט אויסגעזען דיקער ווי לענגער. קעפּ און פיס געהילט און געוויקלט טיף אונטער קליידער און שמאַטעס, לייב באַהאַלטן פאַר ווינטער און קעלט. דאָס לעצטע שליטעלע האָט אונז געהאָלפן שלעפּן אין שטופּן דער גרוזין, גאַליסטיאַן נעסטראָוויטש, וואָס האָט ערגער פון אונז אַלע נישט געקאָנט איבערטראָגן די קעלט.

דאָס זיבעצן-יעריק בחורל פון דער סטאַנציע, מיט שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט געניטקייט און געשיקטקייט, צו כאַפּן אַ גרינג פאַרדינסטל. האָט זיך געוואָרפן פון איין דאַמע צו דער צווייטער, אַראָפּגעשלעפּט איין מאַנטל נאָכן אַנדערן און אָנגעוואָרפן אויף אַ קאַנאַפּע אַ גאַנצע הורבע פּאַלטנס, שאַלן און שאַליקעס.

געמיינט, אַז דאָס ערגסטע שוין געפּטרט, האָבן זיך אַלע זייער איינגעלייגט געשפּירט. אַלע קריסטן האָבן געשמייכלט צו דער יידישער באַלעבאָסטע, געדאַנקט פאַר שטוב און וואַרעמקייט, נאָר דער גרוזין האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך. דאָס גאַנצע פּנים איז אים געווען בלוי פון קעלט, און ווען אַלע זענען שוין געזעסן, האָט ער נאָך אַרומגע־שפּאַנט צו דערוואַרעמען זיינע פאַרגליווערטע אברים. יעקאַטערינאַ סעמ־יאָנאָוונאַ האָט געלאַכט פון אים:

— טאַקאַי ווערבליוד! און ס'איז אים קאַלט.

גלייך ווי דער סאַמאָוואַר האָט זיך אויפן טיש געוויזן, האָבן זיך די פיר קריסטלעכע ״מען צעלייגט מיט פיל עסן און מיט אַ סך חזיר אויפן טיש. דער פירער אונזערער האָט מיט זיך קיין עסן נישט געהאַט, נאָר אַ מעסערל. האָט ער געשניטן מיטן מעסערל ווי בּאַ וועמען און וואָס אים האָט זיך געוואָלט, און געשעפּט לעפעלעך צוקער ווי ס'איז נענטער גע־ווען צו דערלאַנגען און געשאָטן אין זיין גלאָז אריין. דער גרוזין האָט געגעסן חזיר ווי אַן אמתער „סיביריאַק״, און דער קרעמעניצער — ווי אַ געבוירענער גוי. דער לעצטער האָט פיל געדעדט פון פעטערבורגער און מאָסקווער רעסטאָראַנען און קאַפע־שאַנטאַנען, ווו ער איז אַמאָל אין די גוטע צייטן אַן אָפטער גאַסט געווען, באַמערקט, אַז ער האָט פון אַלץ ליב צו רעדן מיט פאַטאָס און מיט אַרטיסטישע זשעסטן.

ביידע שוועסטער, יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ און יעווגעניאַ סעמיאָ־נאָוונאַ, האָבן צום אַלעם ערשטן נאָכגעזען — די ערשטע דאָס הינטל אירס, די צווייטע — דעם גרוזין... וועראָטשקע, דאָס טעכטערל אירס, האָט זיך עפּעס געפּילט פרעמדלעך לעבן דער אייגענער מוטער און האָט אַפילו קיין קוק נישט געטון אויפן גרוזין, אָבער נישט קוקנדיק אויף דער פרעמדקייט צווישן מוטער און טאָכטער, האָב איך באַמערקט, אַז איין זאַך פאַראייניקט זיי יאָ, אַז זיי ביידע האָבן שוין גאָרנישט ליב קיין יידן. אין ביידנס אויגן געזען אַזוי פיל קריסטלעכע רשעות, וויפיל איך האָב פאַר די לעצטע פאַר יאָר פון בירגער־קריג געזען באַ פיל אינטעליגענטע פּרי־ווילעגירט־געוועזענע קריסטן, און מיר האָט שוין זייער הנאה געטון, וואָס זי און די איבעריקע (אַ חוץ דעם גרוזין און אוקראַינעץ) פילן זיך שלעכט. דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו באַאָבאַכטן, אַז מענטשן פון קריסטלעכן גלויבן זאָלן זיך פילן שלעכט אין זייער לאַנד.

אויף זייער ערד. פון אַ שפּעטערדיקן געשפּרעך בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אויך זיי זענען איבערצייגט, אַז די באָלשעוויסטישע ממשלה איז אַ יידישע. יעק. ס. האָט אָפּנהערציק געזאָגט, אַז זי וואָלט זיך נישט געלאָזט פאָרן מיט אַ ריין קריכטלעכער קאָמפּאַניע... דער שמועס איז געווען זייער אַ היציקער, היציקער פון אַלע האָט גערעדט דער גרוזין. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט איפּווייזן די דריי דאַמען, אַז זיי פאַרשטייען נישט און ווילן נישט פאַרשטיין די באָלשעוויסטישע אידעע (כאָטש אַליין נישט קיין באָלשעוויק), און האַלט, אַז עס איז שוין גאָרנישט פּאַסיק פאַר אַזעלכע אינטעליגענטע דאַמען צו דענקען ווי דער המון. אַז דער באָלשעוויזם איז אַ יידישע אַקציע, כאָטש ער, דער גרוזין, וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. ווען ער וואָלט אַ ייד געווען, וואָלט ער זיכער געווען אַ באָלשעוויק און ער מיינט, אַז אַלע יידן וואָלטן באַדאַרפט ווערן באָלשעוויקעס, ווייל זי, די לעצטע, איז די איינציקע מאַכט, וואָס איז קעגן נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם.

אונזער באַלעבאָסטע האָט געבעטן מ'זאָל רעדן שטילער, ווייל בּאַ איר אין דער צווייטער העלפט שטוב געפינען זיך באָלשעוויקעס. יעווּ. ס. האָט אָנגעשריגן אויפן גרוזין, ער זאָל אַנטשוויגן ווערן און ס'איז שטיל געוואָרן. די באַלעבאָסטע האָט געפונען פאַר נייטיק אונטערצוהאַלטן די דאַמען. האָט דערציילט, אַז די חברה, וואָס געפינען זיך בּאַ איר, האָבן זי בדיל-הדל געשטעלט, אַז מ'האַלט זי פאַר אַ בורזשויקע, אַז מ'האָט שוין בּאַ איר אויסגעליידיקט די שטוב און אַז מ'האָט בּאַ איר בחורל אַראָפּגענומען אַ גוטן פּאַלטאָ פונם לייב און זיי שלעפּן בּאַ איר אַרויס טאָג-טעגלעך דאָס פלייש פון טעפּל.

— אַלץ כדאי! — האָט דאָס בחורל, וואָס איז דערבּיי געשטאַנען, געזאָגט — הערסט דערפאַר נישט דאָס וואָרט „זשיד“.

— פּראַווילנאָ, טאָוואַרישטש! — האָט דער גרוזין אויסגערופן.

יעווּ. ס. האָט זיך אָנגעבלאָזן אויף איר געליבטן. וועראָטשקאַ האָט זיך מיט עקל אָפּגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און אין ביידנס שווייגן און זיצן האָט זיך געשפּירט די אייניקייט פנן מוטער און טאָכטער...

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט זיך דער קרעמעניצער צעזונגען:

או פּאָפּא בילא סאָבאקאַ, אָן יעיאָ ליוביל,
אָנא סיעלא קוסאָטשעק מיאַסאַ, אָן יעיאָ אוביל.
אי וו'זעמליו זאַקאָפּאַל
אי נאַדפּיס נאַפּיסאַל.
טשטאָ ?!...
או פּאָפּא בילאַ סאָבאקאַ...

און ווידער דאָס אייגענע און ווייטער אַמאָל דאָס זעלבע, אַ מעשה אָן אַ סוף.

צוליב וואַרעמקייט און זיכערקייט איז פרי אַרומגעמאַכט געוואָרן די לאָדנס. אין איין צימער האָט געברענט איין לעמפּל, די איבעריקע צוויי צימערן זענען געבליבן נישט באַלויכטן און מ'איז זיך צעקראָכן, דער אַהין, דער אַהער, ווו ווּעמען ס'האָט זיך געלוסט. צווישן אַלעמען האָט זיך גע־דרייט דאָס הינטל אונטער די פיס: נאָכגעגאַנגען יעוו. ס. מיט ווייסקייט און קלוג-הינטיש שווייגן, ווי ס'וואָלט געוווסט, אַז ס'געפינט זיך אין אַ פ עמדער סביבה, האָט זיך דאָס קליינע פיר־פיסלדיקע נפשל אַרומגעדרייט און געבליאַסקעט מיט די שוואַרצע אויגן אויף יעדן איינציקן, וואָס איז אים מיט פרעמדע פיס אַנטקעגנגעקומען.

געבליבן יידן מיט יידן באַזונדער, האָט מען צווישן זיך גערעדט אויף יידיש, וועגן די שוואַרץ־מאַהניקעס. גערעדט אינטים, פריינטלעך, ווי מ וואָלט זיך שוין לאַנג געקענט און די מוטער האָט פאַרגעוואָרפן דעם זון, אַז ער האָט נישט באַדאַרפט זאָגן פאַר זיי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט.

אַ הויכע יידענע, אַ דאַרע, געעלטערט פאַר דער צייט פון אי־בערלעבענישן און שרעק... „אַ שטוב מיט גוטס געווען, האָבן די און יענע צערויבט, עפּעס איז נאָך געבליבן, מוז מען האַלטן באַגראָבן. פוילט עס און זשאַווערט אין דער ערד. נישט גוט מיט די, נאָך ערגער מיט אַנדערע...“

— ס'איז אַ פינצטער לעבן און גענוג...

דינסטיק, 20־טער יאַנואַר.

ס'איז קיינעם אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז ס'וועט אויס־

קומען נאָך אַ נאַכט צו נעכטיקן אין קאַרעסטיען. וגאַנץ פרי האָט מען אַרויסגעשיקט דאָס בחורל נאָך אַ פּור, איז ער געקומען אין אַ פּאָר שעה אַרום און געזאָגט, אַז מ׳וויל פאַר אַ פּור קיין לוגין פופצן טויזנט רובל. האָט מען אים חושד געווען, אַז ער וויל כאַפּן אַ היפּש פאַרדינסטל, און וואַסיאַ קלעמענטיעווגאַ האָט זיך צעבייזערט אויפן פירער:

— פאַרוואָס גייט נישט וואַסילי איוואַנאָוויטש אַ פּור זוכן?

איז דאָס בחורל ברוגז געוואָרן און וואַסילי איוואַנאָוויטש מיטן קרע-מעניצער זענען אַוועקגעגאַנגען זוכן אַ פּור. האָבן זיי זיך אויך געזוימט אַ פּאָר שעה. געקומען אָנגעפּרוירענע און פריילעכע מיט אַ פּלוצלינגדיקן איבערגאַנג אויף „דו״, און אַלע האָבן זיי חושד געווען, אַז זיי האָבן ערגעץ געמאַכט אַ כוסה, אַז זיי האָבן גאָר ערגעץ קיין פּור נישט געזוכט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ גרויסן שליטן, וואָס זאָל פאַרנעמען ניין פּאַרשוין מיט פּעק, האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען. מ׳קאָן קריגן צווי פורן, וויל מען פאַר די צווי פורן צוואַנציק טויזנט רובל.

די קריסטינס זענען שטאַרק נישט צופרידן געבליבן מיט די צווי לייט. יעק. ס. און וואַסיאַ ק. האָבן אָפּגערופן די פרוי מיינע אָן אַ זייט און מיט ווינציק ווערטער און פיל רמזים גערעדט פון די צווי חברה-לייט... יאָ, מאַרק גריגאָראָוויטש, איז טאַקע זייער בן-עיר, נאָר וואָס ווייסן זיי, וואָס פאַר דער צייט... און דעם פּראָוואָדניק האָט ער זיי רעקאָמענדירט...

געבליבן אַליין מיט מיין פרוי האָט יעק. ס. אַ זאָג געטון אויף וואַסיאַ ק.:

— די מאַדאַם ראָזענפעלד זעט, אַז יענער איז אַ פּ:ר... יענע פירט מיט זיך הונדערט טויזנט ניקאָלאַיעווער...

וועראָטשקאַ האָט זיך אַ פּאָר מאָל געקריגט מיט דער מוטער. געקריגט זיך אויפן קריסטלעך-אינטעליגענטן אופן. אַריינגעמישט פיל פראַנצויזישע ווערטער. אויף רוסיש האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט לכתחילה נישט געוואָלט פאָרן... אָט דער יונגער מרשעת איז דאָ, זעט אויס, קיינער נישט געפעלן געווען, זי האָט צו קיינעם נישט גערעדט און אויף קיינעם נישט געקוקט און אויך פון דער מוטער זיך געהאַלטן פונוייטנס, און זעלטן, זעט אויס, פון איינזאַמקייט, אַ גלעט געטון דער מומעס הינטל. דער גרוזין האָט דעם טאָג זייער פיל גערייכערט דעם שלעכטן טאַבאַק,

וואָס ער האָט באַלד באַם אָנקימען געקויפט באַם בחורל: יעווגעניאַ ס. האָט באַלד דערשמעקט, אַז דאָס איז „וואַניוטשער" טאַבאַק און גלייך געזאָגט, אַז דער חברה־מאַן האָט אים אָפּגענאַרט...

בכלל איז באַ אַלעמען געווען די שטימונג אַ שלעכטע, וואָס מ'האָט געדאַרפט נאָך אַ נאַכט נעכטיקן אין קאַרעסטיען. די קריסטינס האָבן קענטיק אַלע געפירט מיט זיך פיל געלט און טייערע חפצים און זענען שטאַרק אומרויק געווען מ'זאָל זיי דאָ נישט אַ טרייסל טון. פאַר יעדן אומבאַקאַנטן מענטש, וואָס האָט זיך אין שטוב געוויזן, זענען אַלע געבליבן ווי די פּגרים. יעק. ס. האָט זיך פאַרליבט אין דער יידישער באַלעבאָסטע. איז שטאַרק צופרידן געווען, וואָס יענע האָט איר געגעבן עפּעס זייער אַ וויכטיקע עצה, ווו דאָס געלט צו באַהאַלטן... זי האָט אויסגעביטן באַם בחורל אַ תּק'ער אויף סאָווערעסקע. וואַסיאַ ק. האָט אויך אויסגעביטן אַזוי פיל און גענומען מיט טויזנט רובל מער ווי יעק. ס. האָט גענומען; אָבער דער לעצטער האָט עס נישט געאַרט אָדער גלאַט געזאָגט זיך, אַז ס'אַרט זי נישט... יעוו. ס. האָט דער באַלעבאָסטע באַוויזן אַ שאַל אויף צו פאַרקויפן. אָנגעבאָטן אַ פרייז און דאָס בחורל האָט געזאָגט, אַז ס'האָט מער נישט די ווערט ווי העלפט פון דעם פרייז, וואָס זי האָט געבאָטן. האָט מען זיך אָנגעהויבן דינגען און דאָ האָט זיך דער קרעמעניצער אַריינגעמישט אין „טאַרג". ער נעמט די שאַל און ער וועט זי אַרויסטראָגן אין שטאָט פאַרקויפן און וועט נעמען פאַר איר פיל מערער ווי מ'גיט דאָ.

אַוועקגעגאַנגען מיט דער שאַל, האָט דאָס בחורל צו מיר געזאָגט:

— ער איז אַ גרויסער אידיאָט, אָט דער מאַרק גריגאָראָוויטש. און די מוטער זיינע האָט פון איר זייט באַמערקט, אַז זי פאַרשטייט נישט, וואָס פאַר אַ ייד דאָס איז.

דער קרעמעניצער איז געקומען אָן דער שאַל, געקריגן נישט מער, ווי מ'האָט אין שטוב געבאָטן. און אַלע האָבן אים חושד געווען, אַז ער האָט עפּעס פאַרדינט דערביי. איך האָב געפרעגט נאָך וואָס ער האָט עס געטון און דערציילט, אַז מען איז חושד, אַז ער האָט זיך עפּעס אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע. ס'האָט אים נישט איבעררא(ש)ט, ער קען זיי פאַר גרויסע כוליגאַנעס, אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט טון פאַר אירעטוועגן. ער איז אַ מענטש מיט פּרינציפּן... ער האָט געמיינט, אַז די שאַל האָט פיל

מער די ווערט און האָט זייער פיינט, אַז יידן דערטאַפּן אַ גוי און ווילן אים אָפּנאַרן. . .

— און דאָס, וואָס מ׳איז אייך חושד?

דאָס איז אים נישט אָנגעגאַנגען. . מ׳האָט ווירקלעך געוואָלט געבן מער פאַר דער שאַל. אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען, צו באַווייזן די שוואַרץ-מאַהניצעס, אַז מ׳האָט זיי דאָ נישט געוואָלט אָפּנאַרן...

אַ פּאָר שעה פאַרנאַכט האָבן די קריסטינס שוין ווידער געבעטן דאָס בחורל, ער זאָל גיין באַשטעלן אַ פור אויף מאָרגן, אויף גאַנץ פרי. אָבער דאָס בחורל האָט זיך געפילט באַליידיקט און זיך אָפּגעזאָגט פון שליחות.

— מער גייט ער נישט!

אָבער דער גרווין האָט אים איינגעבעטן. באַשטעלט אַ פור אויף גאַנץ פרי.

— זעכציק טויזנט רובל!...

אַ גאַנצן טאָג איז קיין זון נישט געווען, אָבער פאַרנאַכט האָט זי זיך געוויזן און ס׳איז פיל ליכטיקער געוואָרן ווי באַטאָג פאַרגאָסן די גאַנצע שטוב מיט ליכטיקע און קאַלטע שטראַלן. האָט זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבן צו צעוואַרפן ביימעלעך און קווייטעלעך אויף די שויבן... עס האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז דאָ קומט פאָר עפּעס אַ שטילער ווינטער-טאַנץ אַנטקעגן זון און שטראַלן... ס׳איז שוין געווען זייער נישט היימלעך צו קוקן ווי דער פראָסט וואַקסט אויף די שויבן און די שטראַלן פון דער זון ווייזן בולט אַן יעדעס שטריכעלע אויפן גלאָז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון יעדער שטראַל ווערט אַ פראָסטיק שטריכעלע. שטאַרבן איינס נאָך דאָס אַנדערע, פאַלנדיק אויף די שויבן און די שטריכלעך גיסן זיך צונויף אין פאַרשטעלן פון שטוב און מענטש, זון, דרויסן און הייזער.

וואַסיאַ קלעמענטיעוונאַ האָט געבעטן פאַרמאַכן די לאָדנס, אָבער אַלע זענען געווען קעגן דעם, ווייל דאָס פאַרמאַכן אַזוי פרי די לאָדנס קאָן אַ חשד ארויסרופן... כאָטש ס׳איז נישט געווען אַזוי פרי... ס׳איז נאָר ליכטיק געווען.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען טיי, האָט זיך פריער פון אַלע אויפגעהויבן פון טיש די מאַמע מיט דער טאָכטער און אוועק אין לעצטן צימער זיך קריגן. אָן זייערע צעהיצטע פנימער און אינם נישט קוקן איינס אויף דאָס צווייטע, האָב איך דערקענט, אַז זיי זענען אוועק זיך קריגן.

איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז די סיבה פון די אָפטע רייסעניש\ן צווישן מוטער און טאָכטער, מוז זיין דער גרוזין. אין עטלעכע מינוט אַרום, ווען איך בין אַריין אין צווייטן צימער, האָב איך הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר געהערט אַ היציק געשפּרעך צווישן מאַמע און טאָכטער וועגן אַ בעקעש, און פאַרשטאַנען, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן בעקעש, וואָס דער גרוזין טראָגט. אָט דער בעקעש, האָב איך דערהערט, איז באַ דער טאָכטער זייער טייער, ווייל ס'איז דעם פאָטערס, און דער פאָטער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה.

— ניין! — האָב איך געהערט שרייען די טאָכטער אויף דער מוטער. — איר האָט נישט געהאַט קיין רעכט אַוועקצוגעבן מיין פאָטערס בעקעש אייער ליובאָווניק.

דער גרוזין איז אַריינגעקומען מיטן פּאַפּיראָס אין מויל שווייגנדיק און אומעטיק... ער איז, דאַכט זיך, אַריינגעקומען וועגן עפּעס, אָבער דער־זעענדיק מיך, געזאָגט:

— ס'איז ווירקלעך זייער שלעכטער טאַבאַק. ווען אים ווילט זיך רייכערן, מוז ער זיך אָפּזונדערן פון מענטשן. . .

איך האָב אים מכבד געווען מיט מיינס אַ פּאַפּיראָסל. ער האָט עס פאַררייכערט פון זיינעם און עס באַטראַכט און גוטמוטיק געשמייכלט, וואָס ס'איז אַזוי קליין און דין. ער האָט אָפּגעציילט:

— ראַז, דוואַ, טרי! — דריי צי געגעבן און געבליבן באַם קאַר־דאַנדל.

אפילו אין זיין אומעט האָט זיך אויך געשפּירט עפּעס אַ מאָדנע גוטמוטיקייט.

מיטוואָך, 21־סטער יאַנואַר.

גאַנץ פרי זענען מיר שוין אַלע געשטאַנען אָנגעטון, די קעפּ פאַר־וויקלט און די פיס מיט זעק און שמאַטעס אַרומגעבונדן. געשטאַנען אַ שעה אָנדערהאַלבן און געוואַרט אויף דער פור.

אַרום צען אַ זייגער האָבן מיר זיך אַלע אויסגעזעצט אויף אַ גרויסן שליטן אָנגעפּאַקט מיט היי. דער פּראָסט אַ שטילער, אַ שטאַרקער, האָט געשניטן אין די אויגן און מיט שאַרפקייט פון „מיאַטע" געשניטן אין די באַק־לעכער.

מיטאָג-צייט געקומען קיין לוגין. אַ שטעטל אַ צעוואָרפֿנס... הייזער געדעקט מיט שניי און שניי באַזעצט מיט הייזער. פֿאַרפֿאָרן צו מיין פֿרוים אַ קרובֿה, וואָס האַלט זיך בכּבֿודיק מיט איר גרויסער שטוב און מיט איר ווירדיקייט. זי האָט אונז אָויעקגעגעבן דעם זאַל, וווּ ס׳איז געשטאַנען פֿיל וואַזאַנעס און פֿיגורן הויכע אונטער דער סטעליע.

באַלד ווי מיר זענען געקומען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז בײַ איר האָט אַלע יאָרן געוווינט דער „סודיאַ". זי האָט די קריסטינס דערציילט, אַז דער סודיאַ האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון איר שטוב, פֿון איר און פֿון אירע טעכטער... איצט געפֿינט זיך בײַ איר דער קאָמיסאַר... אָבער די קריסטינס קאָנען זיין רויק. דער קאָמיסאַר האַלט אויך פֿון איר און אירע טעכטער... זי מעגן זיין רויק, קיין שלעכטס וועט זיי נישט געשען.

יעק. ס. האָט זיך פֿאַרליבט אין דער נייער באַלעבאָסטע מיט די טעכטער. זי האָט זיך ערשט איבערצייגט, אַז דאָס יידישע פֿאָלק, אין גרויסן מאַסשטאַב גענומען, שטייט פֿיל העכער פֿון רוסישן... זי האָט גערעדט מיט די דריי מיידלעך און איז אַנטציקט געוואָרן פֿון זיי. וועט מען דען געפֿינען אין דער פּראָווינץ, אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, אַזעלכע אינטעליגענטע רוסישע מיידלעך?

דערזען דר. הערצלס פּאָרטרעט הענגען אויף דער וואַנט, האָט זי מיט זיי גערעדט פֿון דר. הערצל. איר איז אַלץ באַוווּסט, אָט דער יעק. ס. זי ווייסט, אַז דאָס איז געווען דער גרויסער יידישער פֿירער... אַפֿילו די קריסטן באַדויערן זיין פֿריצייטיקן טויט. ווען ער וואָלט ביז אַהער געלעבט, וואָלט ער שוין אַלע יידן אַריבערגעפֿעקלט קיין ארץ-ישראל.

דעם קרעמעניצער האָט זיך פֿאַרגלוסט מיט איר אַ שפּאַס מאַכן. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע אַנטיסעמיטן וואָלטן געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אַרויספֿאָרן קיין ארץ-ישראל. דאָס האָט שטאַרק באַליידיקט יעק. ס. און ביידע האָבן זיך צעקריגט. ס׳האָט זיך אַריינגעמישט איוואַן וואַסיליעוויטש, וואָס האָט געהאַלטן מיטן קרעמעניצער, און וואַסיאַ קליעמענטיעוונאַ האָט געהאַלטן מיט יעקאַטערינאַ ס.. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געהאַט אַ נישט-פֿאָרזיכטיקייט אָנרופֿן דער ערשטער „חבר" און זי, וואַסיאַ קלעמענטיעוונאַ, האָט אים שטרענג געבעטן, אַז ער זאָל זי נישט רופֿן „חבר" דער-

פאַר, וואָס זי איז אים נישט קיין חבר. האָט זיך דער פירער באַליידיקט און ברוגז געוואָרן.

נאָך ווען מיר זענען געווען אין קאַרעצטיען האָבן מיר געהערט אַ קלאַנג, אַז די באָלשעוויקעס האַלטן באַ פאַרלאָזן קאַרעסטיען און דאָ, אין לוגין, האָבן מיר זיך דערוווסט פון דער באַלעבאָסטע, אַז די באָלשעוויקעס קלויבן זיך צו פאַרלאָזן לוגין, און דאָס האָט באַ אַלעמען געשאַפן אַ נערוועזע שטימונג. וואַסיאַ ק. האָט געפונען אַ וועג צו בונטעווען אַלע אַקעגן פירער... ער פירט נישט גוט... אַז ער פירט שוין אומישנע אויף אַזעלכע ערטער; און אַלע זענען געווען איינשטימיק מיט דעם, אַז מען דאַרף וואָס פריער קריגן אַ פור און אָפּציען פונדאַנען. די יידישע באַלעבאָסטע מיט די יידישע טעכטער האָבן געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַרויקן די נערוועזע קריסטינס... זיי נעמען אויף זיך, אַז זיי, די קריסטינס, וועט קיין שלעכטס נישט געשען באַ זיי אין שטוב... יאָ, ס׳איז שוין בראַד אַ גרויס גליק פאַר זיי, וואָס זיי זענען אַריינגעפאַלן אַהערצו אין שטוב אַריין... דער קאָמיסאַר איז זייער אַ ביטערער מענטש... האָבן אפשר די קריסטינס געהערט פון דער דאָמבראָוויצער רעפּובליק, וואָס איז אויסגעבראָכן פאַרן העטמאַן, דאָס איז איינער פון יענע, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער דאָמבראָוויצער רעפּובליק, אונטער זיין אָנפירונג איז אין איין נאַכט אויסגעשאָכטן געוואָרן עפּעס אַ פופציק פּאָמעשטשיקעס...

וואַסיאַ ק. האָט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט. האָט אָפּגערופן מיין פרוי אָן אַ זייט און מיט אַ שטיל וויינענדיק קול געזאָגט.

— באָזשע מילאָסערדני, קודאַ מי פּאָפּאַלי!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט יעווגעניאַ ס. אָפּגערופן דעם גרוזין אָן אַ זייט און מיט אים עפּעס שטיל געשמועסט און נאָכדעם זענען זיך אַלע צונויפגעגאַנגען אינאיינעם און גערעדט אַלע צוזאַמען:

— מ׳דאַרף פונדאַנען וואָס גיכער אַנטלויפן. אַנטלויפן פריער, בעפאַר „יענע" גייען אַוועק...

אָבער ביז מ׳האָט זיך אומגעקוקט, האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט און ווען די פור וואָלט שוין אפילו געווען, וואָלט קיינער זיך נישט אונטערגענומען באַנאַכט צו פאָרן...

און ווער ווייסט, וואָס דאָ קאָן באַנאַכט געשען ז...

דער גרויסער זאַל מיט די פיר גרויסע פענצטער פאַרהאַנגען מיט

פאַרהאַנגען, פאַרשטעלט מיט וואַזאָנעס און באַדעקט מיט פראָסט, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ צונויפגעמישטן זומער מיט ווינטער. אַ גרינער קאַלטער אומעט האָט זיך געשפירט פון די פענצטער און זיך צעגאָסן איבער דער גאַנצער גרויסער ברייטקייט און הויכקייט פון דעם זאַל, ווו עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַזוי פיל מענטשן מיט אַזוי פיל פעק... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳וואָלט שוין לאַנג נאַכט געווען, ווען ס׳וואָלטן נישט געווען אַזוי פיל פענצטער... די נאַכט האָט דאָרט פשוט קיין אָרט נישט געהאַט... צייטנווייז באַקומען אַן איינדרוק, אַז אינדרויסן איז שוין טונקעלער ווי אין שטוב. אַז אַהער, אין שטוב אַריין, האָט זיך דער טאָג פאַרקליבן און קאָן נישט אַרויסקריכן, און ווען אין שטוב איז שוין אויך טונקל געוואָרן, האָט זיך נאָך אַלץ אויף די פיר גרויסע פענצטער אַ גרויסע אומזיכטיקע מאַטקייט געהאַלטן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז טאָג מיט פראָסט איז אויף פענצטער און שייבן פאַרגליווערט געבליבן...

אַן אומרויקע נאַכט געווען... פון אונטער אַ וואַנט האָבן זיך אַן אויפהער טריט געהערט, אומבאַקאַנטע טריט פון מענטשן, וואָס איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען. יעק. ס. האָט אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט, זיך אָנגעבויגן צו יעדן איינציקן און זיך איינגעהערט, צי מ׳שלאָפט. צולעצט האָט זי אויך צו מיר פאַרבלאָנדזשעט, אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער אַריין:

— זיי גייען אַוועק...

דאָס הינטל האָט זיך איר נאָכגעדרייט מיט ווייסקייט און שטילקייט, זיך געריבן אָן אירע באָרוועסע פיס און מיך איין מאָל און אַ צווייט מאָל באַשמעקט.

— דאַרף מען אויפשטיין?

— זי ווייסט אַליין נישט, וואָס מ׳דאַרף טון.

געשטאַנען לאַנג לעבן מיר און ענדלעך געזאָגט, אַז זי וואָלט זייער געוואָלט זען כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ.

— וועגן וואָס אַ שטייגער?

— מיט איר זיך אַן עצה האַלטן. זי קען דאָך גוט די מענטשן פון דער שטוב... אפשר איבערגעבן דער כ׳ז יקע צו באַהאַלטן...

דער פרוי מיינער האָבן די באַלעבאָסטע מיט די טעכטער באַלייגט בא זיך אין שלאָף-צימער און איך האָב שוין גאָר קיין חשק נישט געהאַט

צערודערן איר דעם שלאָף. איך האָב איר געעצהט, דער גויע, זי זאָל האַלטן גרייט, וואָס זי האָט איבערצוגעבן, מ׳וועט עס קאָנען אַלע צייטן איבערגעבן דער באַלעבאָסטע.

קענטיק אַוועקגעגאַנגען פון מיר אַ נישט־צופרידענע, מיט איר דאָס הינטל, וואָס האָט זיך איר געריבן באַ די פיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען לעבן אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויפגעזעצט און זיך גע־שושקעט מיט אים. אינם שושקען זיך האָב איך דערקענט וואַסיאַ קלע־מענטיעווגאַס שטימע.

אינדערפרי איז עס שוין קיין סוד נישט געווען: יאָ, זיי, די באָל־שעוויקעס, טרעטן ווירקלעך אָפּ פון לוגין אויף קאָרעסטיען. די מוטער מיט די טעכטער זענען פון גאַנץ פרי אויף די פיס. . . מיר הערן, ווי זיי רעדן דאָרטן אין עסצימער מיט עמעצן, און אַלע פאַרשטייען מיט ווע־מען זיי רעדן. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ קלאַנג אין גלאָז, קענטיק, אַז „ער” טרינקט דאָרטן טיי.

מיר זענען געשטאַנען צעוואָרפן, פאַרגליווערט ווי די גולמס, מיט קוי־טיקע, פאַרשלאָפענע פנימער, מיט הענט און מיט אויגן געווונקען איינער צום אַנדערן, מ׳זאָל זיך חלילה נישט רירן פון די ערטער. וואַסיאַ ק. איז געווען בלוי. איך האָב באַמערקט, אַז פון ערשטן מאָל, וואָס איך האָב זי געזען, ביז איצט, איז זי עלטער געוואָרן אויף אַ צען, פופצן יאָר. זי האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלקאָהאָלקע, אָדער ווי אַן אויסגעפּאַטשטע, אַלטע זונה, וואָס איז אויפן טאָג אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אינדרויסן פון בעט און צימער... איוואַן וואַסיליטש האָט געקוקט אויף איר מיט שמייכל און ביטול און זיך איבער־געקוקט צו אַנדערע מיט זיינע כיטרע, גרויע אויגן, צי עמעצער נאָך זעט אויף דער פריצה דאָס, וואָס ער זעט. . . דער גרוזין איז זיך גאַנץ רויק און גוטמוטיק געשטאַנען. ער האָט אויף אַלעמען געקוקט און גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט ד׳ער ערשטער געוואַגט אַרויסצולאָזן קול און לשון:

— אויב יענער וועט דאָרטן זיצן אַ פּאָר שעה, וועלן מיר דאָ שטיין ווי די סטאַטועס?

— זאַמאָלטשיטע! — האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט די הויכע און ליידנשאַפטלעכע פערציק־יעריקע יעווגעניאַ ס. און גלייך נאָך איר האָט זיך אַ מאָרדעווע געטון דאָס שלאַנקע טעכטערל און דאָס וואַרפעלע, וואָס

זי האָט זיך געטון, האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל שלעכטס און אינטעליגענטע רייכע קריסטלעכע רשעות.

גלייך נאָכדעם ווי דער קאָמיסאַר האָט די שטוב פאַרלאָזט האָבן זיך די קריסטלעכע דאַמען זייער גוט דערשפּירט. . . זיי האָבן שוין גאָר מיט אַן אַנדערן טאָן גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע און מיט די טעכטער. יעק. ס. האָט געראַטן זיי זאָלן גלייך אויסרוימען פון שטוב, אויב ס'איז עפּעס געבליבן פון די באָלשעוויקעס. באַמערקט אַ פאָטאָגראַפיע אויף דער וואַנט, האָט זי גלייך אַראָפּגענומען פון דער וואַנט און שוין געהייסן פאַרברענען... דאָרטן איז געווען זייער אַ הייסער אויפשריפט צום אָנדענק פון דער מיטלסטער טאָכטער און מיט פיל זלזולים קעגן דער בורזשואַזיע און קאַפּיטאַליסטן. די מוטער און די טעכטער זענען געווען שטאַרק אומרויק פון די נייע געסט וואָס באַדאַרפן אָנקומען, און יעק. ס. האָט זיי באַרויקט, אַז די פּאָליאַקן וועלן זיי קיין שלעכטס נישט טון, אויב זיי וועלן אין שטוב קיין פאַרדעכטיקס נישט געפינען...

מיר זענען אַלע זיכער געווען, אַז מיר וועלן דעם טאָג ווייטער פאָרן, אָבער אומגעריכט זענען מיר נאָך אַ נאַכט פאַרבליבן נעכטיקן. עפּעס האָט אונז אַ קליין פאַרשוינדל געוואָלט אונטערפירן. ס'האָט קיינער נישט געוווּסט פונוואַנען דאָס פאַרשוינדל האָט זיך דערוווּסט וווהין מיר באַדאַרפן פאָרן. ער איז אַריינגעקומען און געזאָגט, אַז ער האָט צוויי פורן, וואָס קאָנען אונז צושטעלן קיין סלאָוועשנע פאַר צוואָנציק טויזנט רובל. און אַ דאַנק עפּעס אַ צופאַל האָבן מיר זיך דערוווּסט שוין פאַרן פאָרן, אַז די פורמאַנעס ווייסן גאָרנישט דערפון, אַז זיי דאַרפן אונז פירן קיין סלאָוועשנע. זיי זענען אלעדניקער און פאָרן קיין אלעדניק.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דאָס פאַרשוינדל געוואָלט אָפּנאַרן אי די פויערים, אי אונז. די פויערים האָבן געוווּסט פון פערצן טויזנט רובל און פון אלעדניק, און מיר האָבן געוווּסט פון סלאָוועשנע, וואָס איז מיט צען ווערסט ווייטער, פאַר צוואָנציק טויזנט רובל, וואָס מיר האָבן אים געדאַרפט דאָ באַצאָלן און דאָרטן אין דאָרף וואָלטן אונז די פויערים אַראָפּגעזעצט.

ווען דער שווינדל איז אַרויסגעשווומען, איז ער געקומען אָפּנעמען דעם אַדערויף, וואָס ער האָט באַ אונז געלאָזט. יעוו. ס. איז אויף אים אַרופּ-

געפאלן און דאס קליינע פארשווינדל האט איר צוריק מיט שימף־ווערטער געענטפערט. דער גרוזין איז זיך גאנץ געמיטלעך און לאנגזאם צוגעגאנגען און אן ווערטער איינמאל און צוויי מאל אראפגעלאזט די גרויסע לאפע זיינע אויף יענעמס קאפל.

דאנערשטיק, 22־סטער יאנואר.

פארנאכט געקומען קיין אליעדניקי, א גרויס דארף מיט א צענדליק יידישע הייזער. פארבליבן דארט נעכטיקן. אונזערע קריסטן האט זיך גע־גלוסט האבן סטאנציע בא יידן. זענען מיר געגאנגען פון שטוב צו שטוב מיט פערד און שליטן, נאר קיין איין ייד האט אונז נישט געוואלט אריינ־לאזן. עס האט גארנישט געהאלפן, וואס מיר, יידישע וואנדערער, האבן מיט זיי יידיש גערעדט. דאס גיין פון איין שטוב אין דער צווייטער האט פיל צייט פארנומען און די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן. מיט קעלט און אומעט האט זיך די נאכט אנגעהויבן שפרייטן אויף אומבאקאנטער סביבה, אויף פרעמדער פלאך־ברייטקייט מיט אומבאקאנטע הייזער, וואס האבן גע־האלטן פאר אונז פארמאכט די טירן. לעבן איין שטוב און א צווייטער האט זיך דא און דארט א מענטש געוויזן און מיט הענט אינדערהייך לאדן פארמאכט... דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן אט די מענטשן געזען און געשפירט צו זיי קנאה און האס... איך בין געווען זיכער, אז דאס איילט מען זיך איבער אונז די לאדן צו פארמאכן... און נאכדעם ווי די לאדן זענען פארמאכט געווארן, האבן זיך דא און דארט ליכטיקע שפאלטן געוויזן.

געשטאנען אינדרויסן אין אומגליקלעכער פרעמדקייט און וואנ־דערנדער איינזאמקייט, ייד און קריסט צווישן יידן און קריסטן, אן א שטוב, אן א דאך, אונטער א ברייטן פארוואלקנטן הימל, אויף קאלטער ווייסער ערד. מיד, איבערגעפרוירן פון פארן און געפרוירן פון שטיין לעבן שליטנס און זאכן. איך האב געקוקט אויף מיין שוואכער פרוי. מיר האט זיך געגלוסט וויינען, קוקנדיק אויף איר.

ענדליך האבן די צוויי פויערים פורמאנעס רחמנות געקריגן אויף אונז, האבן געזאגט, אז זיי קאנען נעמען פיר מענטשן צו זיך אויף נאכט־לעגער. זענען איך מיט מיין פרוי אוועק צו איינעם, דער קרעמעניצער

מיטן פירער — צום צווייטן און די איבעריקע פינף זענען אוועק צום גלח.

אַנגעטראָפן אַ לייטישע שטוב, אַ פרומע, פול מיט אַבראַזן אויף די ווענט. ס'האָט געפלאַקערט אין אויוון און אין שטוב איז געווען וואַרעם און ליכטיק פונם אויוון. אַן עלטערער פויער און פויערטע, ער באַלעבאָס, זי באַלעבאָסטע, ער באַם טיש, זי באַם אויוון, און אַ יונגע גויקע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ וויגל, וואָס איז געהאָנגען אויף שטריקלעך אויף אַ באַלקע און געוויגן אַ קינד. אַ דריי־יעריק שיקסעלע, ווייסע האָר ווי מילך, האָט זיך געשפּילט מיט אַ קליין שעפּסעלע, וואָס איז קענטיק נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן.

דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אונז, מיט אונז פאַרפרוירענע, מיט אונז פאַרמאַטערטע, מיט אונז געקוּמענע (אָדער אַנטלאָפענע) פון דער ווייטער שטאָט, וואָס זיי האָבן אויף זייער לעבן נישט געזען, נאָר זייער פיל זיך אָנגעהערט. דער אַלטער האָט אונטערגעטראָגן דער פרוי מיינער אַ קלעצל אונטער די פיס און גערעדט פון וועלט און שטעט; מיט קריסטלעכער פרומקייט גערעדט וועגן דעם, וואָס מענטשן האָבן גאָט פאַרגעסן, און מ'האַלט אין איין בלוט פאַרגיסן.

דער פורמאַן (אַ זון זייערער) האָט ערגעץ אַ סאַמאָוואַר געקריגן. די אַלטע האָט אַריינגעוואָרפן הייסע קוילן, און דער סאַמאָוואַר האָט גלייך אָנגעהויבן צו שיפען. די יונגע גויקע האָט זיך געהאַלטן פרעמדלעך און מיט דרך ארץ געשוויגן, נייגיריק געקוקט אויף די געסט און געוווּנקען צו דעם ווייסן שיקסעלע, ס'זאָל זיך האַלטן שטיל.

מיר האָבן געגעסן אַ פּראָסטע, גוטע, זאַטע וועטשערע, אַלע פון איין שיסל געגעסן. די באַלעבאַטים מיט פויערישן דרך־ארץ, מיט קריסטלעכער אַן־היטל־פרומקייט, די ווייבער האָבן פון גרויסן דרך־ארץ פאַר די מאַנען ווינציקער געגעסן, און מיט גרויס יראת־הכבוד אַלע מאָל אונטערגעגאָסן פון מאַפּע אין שיסל אַריין.

— „קושאַיטיע! קושאַיטיע!" — האָט דער אַלטער אָן אויפהער אונטערגעטריבן די געסט מיט פויערישער גאַסט־פריינדלעכער האַרציקייט. ער האָט אונז געהאַלטן אין איין מונטערן:

— „קושאַיטע, קושאַיטע!"

נאָכן עסן, פאַרטרונקען מיט טיי. דאָס טיי טרינקען האָט זייער לאַנג געדויערט, ווייל ס'איז מער נישט געווען ווי איין בלעכן טעפּעלע. נאָכדעם האָבן זיך אַלע פרום געצלמט.

אויף לעצט האָט דאָס יונגע גויקעלע, פאַרפלאַמט פון שטוב-וואַרעמקייט, פון וועטשערע און טיי, אַריינגעבראַכט פון דער „קאַמאָרקע“ איבערגעפרוירענע קישעלעך און לייוונטענע ציכלעך. דער מאַן אירער, האָט אַריינגעטאַסקעט אַ „קול“ שטרוי און אויסגעבעט אין וואַרעמקייט פרישע, קאַלטע געלעגערס.

פאַרטאָג האָט שוין געברענט אין אויוון און אַנטקעגן פלאַם האָבן טעפּ געזאָטן און זיך אַריבערגעגאָסן פון אַלע זייטן אויף דעם אָנגעגליטן „טשערין“. און ס'האָט זיך געהערט אַן אַ מאַויפהערלעך שיפּערײַ. פאַרן פאַרן האָב די פרוי מיינע זיי געלאָזט אַ געדיכט קעמעלע, אַ פּאָר זילבערנע מטבעות (אַ זעלטנהייט). און איך האָב געלאָזט דעם פויער אַ גוט מעסערל. ווען מיר זענען שוין אויף דער פור געזעסן, האָט די אַלטע צוגעטראָגן מיין פרוי אַ גרויסן איבערגעפרוירענעם עפּל.

ווייטער געפאָרן מיט די זעלבע פורמאַנעס און שליטנס פול מיט היי געבעט, פאַרדעקט די פיס ביז די קני. אַרום צוועלף אַ זייגער געקומען קיין סלאָוועשנע.

אַ חרוב שטעטל... שטיבער אָן מענטשן, מיט שניי אַרום, אָן טריט, אָן סטעזשקעס. שטיקער טירן מיט שניי פאַרמויערט און פענצטער מיט אויסגעבראָכענע שויבן און צעבראָכענע ראַמען. וואָס האָבן ווי נישט ווי פון פענצטער און פירקאַנטיקע לעכער זיך אַרויסגעזען. פון אינעווייניק קוקט אַרויס פוסטקייט און פינצטערער אומעט... בײַ אייניקע שטיבער זענען פענצטער מיט ברעטלעך פאַרקלאַפּט... אַ שטעטל, אַ יידיש שטעטל, אָן יידן... פאַרבליבענע טויטע עדות פון לעבן און גרויס חורבן פון שטאָט און מענטשן... אַ שוואַרצער חורבן צעזייט און צעשפּרייט איבער דעם זויבער ווייסן שניי...

אָפּגעזוכט אַ שטוב מיט מענטשן. גרויס אומגליק, גרויס טרויער... פענצטער האַלב פון גלאָז, האַלב פון ברעטלעך. אין אַ חורבה צווישן חורבות זענען פאַרבליבן אַ פּאָר פאַמיליעס און זיך באַזעצט צוזאַמען און אַלע צוזאַמען פילן זיך איינזאַם און עלנט. יידן באַוואַקסענע, ווייבער פאַרלאָזטע, קינדער שמוציקע און נאַקעטע .. אָן מאַכט... אונטער דער הער-

שאָפּט פון נויט און שטענדיקן פּחד לעבן די מענטשן... אַ טאָג וויין זיך די, אַ טאָג יענע. די אַרויס, יענע אַריין... ס'איז פּרייטיק — מען זעט נישט קיין סימן פון שבת.

— אָט אַזוי לעבט מען, — האָט אַ ייד מיט אַ יידענע מיט איינ־מאָל געזאָגט.

אונזער־ע קריסטן האָבן זיך דערווייל אויסגעזעצט באַם טיש און זיך צעלייגט מיטן פרישן חזיר, וואָס זיי האָבן באַם גלח באַקומען. איינע אַ הויכע יידענע, קענטיק די באַלעבאָסטע פון שטוב, האָט זיי ציבעלעס צום חזיר געגעבן. און געזאָגט, אַז מער האָט זי גאָרנישט וואָס צו געבן. מיר, יידישע וואַנדערער, האָבן אַליין נישט באַמערקט, ווי מיר האָבן זיך אָפּ־געריסן פון אונזער קריסטלעכער קאָמפּאַניע און זיך מיט די יידן פון שטוב איבערגעשמועסט און אַלע צוזאַמען געקרעכצט אויף יידישע צרות.

געקריגן צווי פורן און שפּעט אינאָוונט אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס הייסט קאָוונקע.

צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שטיבל, ווו ס'האָט גע־ברענט אינמיטן שטוב, אונטער אַ קאַמין (ווי אַ טרובע פון אַ גראַמאָפאָן) פון לייוונט אָפּגעשמירט מיט קאַלך, אַ גרויס ליכטיק פייער.

די קריסטן אונזערע האָבן זיך גלייך צערעדט מיט די גויים, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין שטוב. און מיר, יידן, האָבן גלייך פון ע־שטן געשפּרעך דערזען, ווו מיר געפינען זיך. דאָרטן, אין סלאָוועשנע, געהערט פון דעם דאָרף. דאָס האָבן די פויערים פון קאָוונקע חרוב געמאַכט דאָס שטעטל סלאָוועשנע. די גויים האָבן גלייך גענומען רעדן פון יידן. זעט אויס, אונז אַלעמען אָנגענומען פאַר קריסטן. . .

איך בין געשטאַנען באַם פייער, פאַרשטיקט מיט שווייגעניש און יידישקייט. אינגאַנצן מיט אויגן און רעיונות אין פייער פאַרזונקען. דאָס פייער האָט אין מיר באַלויכטן שוידערלעכן אומרו און פינ. טערניש. . . ווי אַ פריינט אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער, אַ נאָענטער. האָט דאָס פייער אין מיינע אויגן געטאַנצט, געגלעט מיט וואַרעמקייט און ליכטיקייט מיין גרויסן אומרויקן אומעט און פאַרצווייפלונג...

פון צייט צו צייט איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ פויערל און צו־געלייגט אַ שטיקל לוטשינע צום פייער. אויגן גרויסע, קאַלעמוטנע, מיט

פויערישער פינצטערניש און מערדערישן אומעט... געקוקט אויפן פייער און, דאַכט מיר, וועגן עפּעס פינצטערס געטראַכט.. געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער שפּירט זיך, באַ זיך אין שטוב, פרעמד און איינזאַם, און אַז איט שטעלט שוין גאָרנישט צופרידן, וואָס זיינע לייט געפינען פאַר נויטיק וועגן יידן צו רעדן... איינזאַם איז דאָס פויערל צווישן פויערים געשטאַנען און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון פייער און אַ מערדערישע בענקשאַפט איז געווען צעגאָסן אויף זיין בלאַס באַוואַקסן פּנים.

אָפּגעגאַנגען פאַמעלעך און רויק, זיך אַוועקגעשטעלט זייטיק און ווינקלדיק און איבער פּלייצעס פון באַקאַנטע און אייגענע אַריבערגעקוקט צו די געסט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט צווישן זיי. איטלעכס מאָל זיך באַגעגנט מיט אים מיט אויג און בליק...

די פרוי מיינע איז געזעסן צווישן די קריסטינס און פון דאָרט אַריבערגעקוקט צו מיר מיט פיינלעכן אומעט און איינזאַמער אומרויקייט... דער קרעמעניצער האָט זייער פיל גערעדט מיטן גרוזין און אוקראַאינעץ... דערקענט אין זיין רעדן, אַז דאָס רעדן איז שוין צוליב עפּעס. ער איז געווען זייער בלאַס און די שוואַרצע יידישע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט יידישן טרויער און יידישער אומרויקייט.

צו מיר איז צוגעגאַנגען יעקאַטערינאַ ס. און געזאָגט אויפן אויער:

— כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ האָט געבעטן, איר זאָלט דאָ קיין יידיש נישט רעדן און פון זיך צוגעגעבן:

— ניע ווידאַוואַיטע סעביאַ!...

פון דערויסן, באַ דער שטוב, האָט זיך פלוצלינג אַ ליאַרם דערהערט, ווי מ׳וואָלט עמלעכע פורן געגנז צוגעפירט און אין אַ ווייל אַרום האָט זיך מיט רעש און געפילדער אָנגעשאָטן אַ פולע שטוב מיט פּאָליאַקן, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און ביקסן. אַלע יונגע, אַלע מונטערע, לעבעדיקע און רירעוודיקע.

אַלע האָבן זיך געוואָרפן מיט הענט און פּנים צום פייער. דער עלטסטער זייערער האָט זיך באַקענט מיט די געסט מיט פוילישער איידלקייט, לייכטזיניקייט און פאַלשקייט, און האָט זיך גלייך פאַרנומען צו רעדן וועגן יידן און וועגן יידן באָלשעוויקעס. ס׳מיינט, אַז אַלע יידן זענען באָלשעוויקעס, און אַ פייער האָט זיך אין דעם ערל אָנגעצונדן, ווען ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען לייבאַ טראָצקי און זיך באַרויקט, ווען ער האָט גע-

נומען דערציילן ווי אַזוי ער האָט דאָ נישט ווייט אויפגעהאָנגען אַ באָלשע־וויק אויף זיין לייבסערדאַק...

אַ פּאָר צענדליק מענטשן האָבן מיט איין געלעכטער אַ לאַך געטון ווי איין מענטש, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווענט און סטעליע האָבן זיך אויפגעריסן. . . און בין ערגעץ אין אַ טיפן אָפּגרונט אַראָפּגעפאַלן... איינציייטיק דערזען אַ פּאָר אויגן פול מיט פיין, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ קליין בלאָס געזיכט... איך האָב נישט דערקענט דאָס געזיכט און נישט די אויגן... דער בליק איינגאַנצן פאַר מיר אַ נייער...

איך האָב זי נישט דערקענט, די פרוי מיינע. איך האָב זי דערקענט, ווען זי האָט זיך געלאָזט צוגיין צו מיר און איינע פון די קריסטלעכע דאַ־מען האָט זי אָפּגעהאַלטן.

זיך אָנגעלאַכט פון דעם באָלשעוויק, דעם ייד, וועמען די חברה האָבן אויף זיין אייגענעם לייבסערדאַק אויפגעהאָנגען, איז דער עלטסטער, דער איידלסטער און פיינסטער, אַריבער צום הינטל:

— „וואָט פּיעסיק לאַדני!“

און איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַ גלעט געטון דאָס ווייסע הינטל, וואָס יעקאַטערינאַ ס. האָט אויף די הענט געהאַלטן, און נישט געטראַכט, עס געקרוינט מיט אַ נייעם נאָמען:

— „מאָשקאַ!“

און ווידער געלאַכט.

אין דרייען זענען געשטאַנען באַזונדער דער גרוזין, דער אוק־ראַיניעץ און דער קרעמעניצער. דער ערשטער איז געווען זייער אומע־טיק, דער צווייטער האָט אויסגעדריקט גלייכגילטיקייט און דער קרעמעני־צער... דער קרעמעניצער האָט געשמייכלט. געשמייכלט מיט טויזנט־יעריקן גלות־אומעט. אַלע דריי האָבן צווישן זיך געפירט נישט קיין וויכטיקן שמועס. דאָס שמועסן צווישן זיך איז קענטיק פאַר זיי נייטיק געווען אויף אַזוי פיל, אום זיך צו קאָנען האַלטן באַזונדער און נישט נעמען קיין אָנטייל אין געשפּרעך, וואָס עס האָבן דאָרטן געפירט צווישן זיך דער פּוילישער אָפיציר מיט די דאַמען.

זיך אָנגערעדט, אָנגעלאַכט און אָנגעוואַרעמט, אַ קאָמאַנדעווע גע־טון, און אַלע וועלנער האָבן זיך מיט גענזן־ליאַרם אויסגעשאָטן פון שטוב, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס פּויערישע שטיבל איז נאָך זייער אַוועק־

גיין גרויסער געוואָרן ווי ס'איז פריער געווען, פאַר זייער אָנקומען.

ווי די פּאַליאַקן זענען נאָר אָפּגעפאָרן פון דער שטוב, האָט דער גרוזין אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אַ קנייטש געטון מיט די ברייטע אַקסלען און געזאָגט צו די דאַמען:

— מוחל דער קאַליציע אַזעלכע באַפרייער...

אָנגעריידט דעם כבוד פון דער קאַליציע, זענען שוין אָנגעפאַלן אויף אים אי יעקאַטערינאַ ס., אי וואַסיאַ ק., אי יעווגעניאַ ס., די געליבטע ווינע. גאַליטיאַן נעסטראָוויטש (דער גרוזין) האָט זיי געדולדיק אויסגעהערט און נאָכדעם, קענטיק, נישט וועלנדיק דיספּוטירן מיט זיי, האָט ער האַרצלעך און עניוותדיק געבעטן באַ זיי, די דאַמען, זאָ״ן אים זאָגן, פון ווען אָן האָבן זיי עס אַזוי אָנגעהויבן ליב צו האָבן אַמעריקע און ענגלאַנד און די איבעריקע פאַרבינדעטע... האָבן דען נישט זייערע לייט, גראַפן און פּאָמעשטשיקעס, אין הסכם מיט דער צאַרישער רעגירונג, געוואָלט, ווען מיליאָנען סאָלדאַטן האָבן ביטער געקעמפט מיט די פּרייסישע חיילות, — האָבן זיי דען נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן שונא, נישט ווילנדיק זיין פאַרבונדן מיט די פרייע לענדער? און איצט...

— איצט זענט איר ווייערע פריינט געוואָרן! — און געבראַכט ווייער גרוזיע צום ביישפּיל.

גרוזיאַ איז די גאַנצע צייט פון קעריענסקיס רעגירונג געווען פאַראייניקט מיט רוסלאַנד. אָוועקגעשטעלט זיך דער באָלשעוויסטישער רעזשים, האָט זי זיך אָפּגעריסן. האָט זיך עפּעס באַ זיי געוואָלט אַריינמישן ענגלאַנד, האָט מען זיי גלייך פון דאָרטן דעם וועג געגעבן:

— „באָלשאָיע ספּאַסיבאָ!“ מיר וועלן אַליין!

און די רוסן — אָט די אָפּגעשטאַנענע, צעפּיילטע בורזשואַזיע, וואָס האָט נישט קיין מאַכט דעם מינדסטן ווידערשטאַנד צו שטעלן, וואָלטן אַריינגעשלעפּט צו זיך אין לאַנד אַריין די גאַנצע וועלט. באַ אַלעמען בעט מען זיך: קומט, ראַטעוועט. באַ די פּאַליאַקן, באַ די רומענער, באַ פּעטליוראַן. איר בעט זיך באַ יענע, וועלכע איר האָט ערשט נישט לאַנג מיט אייערע פיס געטרעטן, געהאַסט און געדריקט, נאָר... אַלץ איינס — „וואַשע דיעלאָ קאַפּוט!“

מ'האָט זיך לאַנג געאַמפּערט צווישן זיך. און מיר, יידן, האָבן שוין געזען, מיט וואָס פאַר אַ לייט מיר פאָרן. וואָס נענטער צו דער פּויליי

שער גרענעץ, האָבן די דאַמען אַלץ העכער די קעפּ פאַרריסן... יעווגעניאַ ס. האָט שוין אָפן געזאָגט, אַז שולדיק אין דעם אַלעמען זענען יידן...
„יעוורעאי", — האָט זי געזאָגט, און די שיקסע אירע האָט דער מאַמען פאַרריכט:
— „זשידי !"

.2

שבת, 24־סטער יאַנואַר.

מיט דריי פויערים, מיט דריי פּאָר פערד און אויף דריי שליטנס זיך אויפגעזעצט. די דריי פויערים האָבן אָן אונז זיך געקליבן קיין אַליעווסק, נאָך זאַלץ, און פאַר דריי פורן נישט געצאָלט מערער ווי פאַר צוויי.

געפאָרן מיט וואַלד און געשניטן נייע וועגן צווישן ביימער און געדיכטן שניי. ס'איז שטיל אין וואַלד, ווייס און רויק... אַ וועלט פאַר זיך... ביימער פאַר וואַלד, וואַלד פאַר שניי, ווי מיט הימל געשפּרייט... אונטן הימל, אויבן הימל... צווישן ביימער און צווייגן האָט דער טאָג אויסגעזען טונקעלער, וויכער און מילדער... אונטן ליכטיקער ווי אויבן.

זיכערער אין וואַלד ווי אין שטאָט און דאָרף, מיט היימלעכער אומהיימלעכקייט געפאָרן, אונז דרייען אין אַ שליטן... נישט באַמערקט, ווי זיך אָפּגעטיילט באַזונדער. און דרייען מיט יידישקייט, אין דרייען מיט איינזאַמקייט נאָכגעפאָרן, פּלייצע און פּנים, מענטשן, קריסטן, אויף צוויי שליטנס, וואָס האָבן געשניטן וועג און שניי, צווישן היימלעכקייט און פרעמדקייט פון ביימער און וואַלד אין שניי און ווינטער געהילט...

וואָס טיפער מיר זענען אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין, האָבן זיך אַלץ אָפּטער און אָפּטער גרויסע שטיינער אָנגעהויבן צו באַווייזן, שטיינער ווי שטיבער, גרויסע, מיט האַרטקייט, מיט שטיינערנער שווערקייט, צווישן ביימער און שניי געזעסן...

אָפּגעפאָרן אַ פּאָר שעה, זענען די פערד צוגעשטאַנען, מיד געוואָרן פון שניידן נייע וועגן אין טיפן שניי, וואָס האָט זיי אין אייניקע ערטער

דערגרייכט ביז די בייכער. אַפּט און אָפּטער זענען בײטשן אויף פערדישע רוקנס געפאַלן. צו לאַנג, צופיל אָן אַ וועג געפאָרן און שפּעט זיך געכאַפּט, אַז פערד זענען מיד געון... בלאָנדזשען...

אַראָפּגעשפּרונגען איין פורמאַן נאָכן צווייטן, דער פירער אונטערער נאָך זיי און אַלע פיר האָבן זיך צווישן ביימער צעוואָרפן, אין טיפן שניי געקראָכן, און יעדער פאַר זיך האָט געקוקט און יעדער פאַר זיך האָט געזוכט און אויף דריי שליטנס זענען געזעסן ביין פאַרשוין, געהילט אין אומעט און אין שווייגן.

וואַלד אין שניי, צווי וועלטן פאַראייניקט אין איין געהיימניש, פון שוידערלעכער אומהיימלעכקייט און ווייטער אָפּגעריסנקייט פון מענטשלעכן ישוב און מיט נאָך מער שוידער פון בלאָנדזשעניש אין וואַלדיקער פרעמדקייט, וואָס ווערט נאָך פרעמדער דערמיט, וואָס די בלאָנדזשעסט... און זי שווייגט, אָט די פרעמדקייט, שווייגט מיט וואַלד-שטילקייט און רוישט מיט שטילקייט און רוישט מיט פרעמדקייט... ס'איז שטיל, ס'רוישט און מען בלאָנדזשעט...

פון צייט צו צייט, דאַכט זיך, אַז ערגעץ דאָרטן, ווייט צי נאָענט, צווישן וואַלד, צווישן ביימער, זעסטו אַ ווייסע וואַנט פון אַ שטוב אָדער אַ טייך א פאַרגליווערטן.

מ'דרייט זיך מיט פערד און שליטן צווישן ביימער און שניי... די זעלבע ביימער, דער זעלבער שניי אין קיינער ווייסט נישט צי פאַרקריכט מען ערגעץ נאָך טיפער, צי מ'פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ ווייטער און מ'בלייבט ווידער שטיין צווישן ביימער און שניי.

דער וואַלד איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין בוים און אין צווייג... אַלע ביימער, אַלע צווייגן זענען וואַלד... אַלץ אין איינעם, אַלץ באַזונדער, איז איינס און דאָס זעלבע. ערנסט פאַרטראַכט אין אייגענער געדיכטקייט, אין אייגענער טונקלקייט, מיט הימל פון אויבן, מיט שניי פון אונטן, וואָס שמייכלט גרויזאַם מיט ווינטער און קעלט.

מ'בלאָנדזשעט!

צי שטייט מען מיט פערד און שליטן, צי פאָרט מען ז אַלצאיינס: מ'בלאָנדזשעט!...

סיי די, וואָס זיצן אין די שליטנס, סיי יענע, וואָס דרייען זיך אַרום די שליטנס, אי די, אי יענע —

בלאָנדזשען !...

געלאָ'ט די פערד אַליין גיין... אַ שווייגנדיקע שטילקייט פון מענטש־לעכער אומבאַהאָלפנקייט... בלינד גייען מענטשן נאָך פערד און שליטנס, טרעטן אין טיפן שניי פון איין בוים צו אַ צווייטן און ס'דאַכט זיך, אַז מ'איז פון ערגעץ נישט אָפּגעגאַנגען און אין ערגעץ נישט צוגעגאַנגען... עס בלייבן לעכער אין שניי, לעכער צעוואָרפענע פון גיין און נישט וויסן וווהין צו גיין.

די ערשטע פּאָר פערד גייען פּאַמעלעך און דרייסטער גייען נאָך די צווייטע און דריטע פּאָר פערד... די ערשטע קאָפּן זייטיק די אויגן, בליצן מיט די גרויסע ווייסלעכע, שפּיצן מיט די אויערן... געגאַנגען און געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און קאָפּע געגלאָצט מיט די ווייסכענס, אומרויִק געזוכט באַלעבאָס און בייטש...

„וואָס ניעסטשאַסטיע !"

די פורמאַנעס ווילן שוין צוריקפאָרן, אָבער זיי ווייסן נישט, צי מ'באַדאַרף גאָר צוריקפאָרן און אויב יאָ צוריק, ווייסן זיי נישט ווי פיל וועג מ'באַדאַרף צוריקפאָרן, מען זאָל זיך צושלאָגן צו אַ וועג... קראַצן זיך די פּויערים אונטער די אויערן:

— „שאָ טוט ראָביט ?"

די פערד קייען די ציימלעך, עס הערט זיך ווי סע רייבט זיך ציין און אייזן און דאָס גיט נאָך מער צו פילן די וואַלד־שטילקייט און די אייב־זאַמקייט פון ב־אָנדזשנדע מענטשן אין וואַלד.

איינער פון אונזעריקע האָט אַ הוק געטון און געזאָגט האָבן די פורמאַנעס, אַז דאָס איז באַ היינטיקער צייט אַן איבעריקע זאַך... אַז מ'קאָן גאָר מיט דעם הוקען אַן אומגליק אויף זיך אָנרופן. אין וואַלד דרייען זיך די לעצטע צייט שלעכטע מענטשן אַרום... ערשט נישט לאַנג האָט מען דאָ געפונען דריי זשידקעס געהרגעטע.

צוריקפאָרן האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט... מ'האָט נישט געוווסט דעם וועג און די פורמאַנעס זענען נישט געווען זיכער, אַז מ'בלאָנדזשעט... זיי האָבן נישט געוווסט וווהין ווייטער צו פאָרן, אָבער געוווסט אויף זי־כער, אַז ביז אַהער זענען זיי גוט געפאָרן... האָבן זיך די דריי פורמאַנעס, אונטערגעבנדיק מוט איינס דאָס אַנדערע, אַרויפגעכאַפּט מיט די בייטשן אויף די שליטנס. אַ מאַך, אַ צי אַ בייטש און ווייטער געפאָרן מיט פעסט־

קייט און אַנטשלאָסנקייט, און געפאָרן אַזוי לאַנג, ביז מ'איז פון וואַלד אַרויסגעקראָכן און פונוויטן אויף אַ בערגיק אָרט איין און איינציק שטיבל דערזען.

אונזערע פאַרשווינען האָבן זיך דערפרייט, אָבער אונזערע פורמאַנעס האָבן געשוויגן. אין זייער קוקן און באַטראַכטן די געגנט איז געווען צו דערקענען, אַז מיר זענען נאָך אַלץ נישט אויף דעם וועג, וואָס מיר באַדאַרפן זיין, אָבער זיי זענען דאָך געפאָרן אין דער ריכטונג צום שטיבל צו און וואָס נעענטער מיר זענען צוגעקומען, האָבן מיר אַלץ בולטער דערזען, אַז דאָס איז בלויז ווענט מיט שוואַרצע לעכער...

צוגעפאָרן, זיך אָפּגעשטעלט לעבן שטיבל און פוסטקע, פאַרקוקט אינעווייניק. גאַנצע הורבעס שניי פאַריאָגט אין אַ שוואַרץ לאָך פון אַן אויוון. . .

נישט צו בלייבן און נישט אָוועקצופאָרן, נישטאָ ווו צו בלייבן, נישטאָ וווהין צו פאָרן... אַ פוסטקע מיט פוסטקייט אַרום... אַ הימל מיט וואָלקן און ערד מיט שניי... צווײ הימלען... פון אונטן און אויבן קריכט די נאַכט. אין אַן אַ מבאַקאַנטער פוסטער סביבה, וואַקסט אַ נאַכט פול מיט אומעט, פול מיט שרעק. . . מיט בייזער קעלט און אכזריותדיקער פרעמדקייט...

אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, צווישן פאַרמאַכטע ווענט געוואָלט אַ פייער צולייגן, אָבער אַ דאַך אַ שטרויענער, האָט מען זיך אויף די ווענט געדראַפּעט, געריסן און געבראָכן לאַטעס פון דאַך, אַלטע צעפּוילטע און טרוקענע, וואָס האָבן געשפּריצט מיט „פּאָראָך" באַם ברעכן זיך און אַריינגעטראָגן אין שטיבל אַריין, אַ פייער צעלייגט. ס'איז געוואָרן אַ פולע שטוב מיט רויך און פאַרע, וואָס האָט געזעצט ווי כוואַליעס דורך דער גאַנצער ברייט פון די פענצטער.

דאָס פייער האָט זיך גיך צעברענט, דער שניי האָט אָנגעהויבן געשמאָלצן צו צעגיין און אינעווייניק אין שטיבל איז אוממעגלעך געווען איינצושטיין. מיר זענען אַלע געשטאַנען אינדרויסן און מיט פאַרדראָס געקוקט אויפן פייער, וואָס מיר קאָנען דערפון קיין נוצן נישט האָבן. מ'האָט געזוכט פאַר זיך אַ מעגלעכקייט זיך אָנצוואַרעמען, אַ גלאָז טיי צו מאַכן, אָבער צו דער מעגלעכקייט איז אוממעגלעך געווען צוצוטרעטן. דאָך האָט איינער און אַ צווייטער אָנגעשטאָפּט די טשייניקלעך מיט שניי און די

פֿורמאַנעס און דער פֿירער זענען מיט טשייניקעס אַריינגעלאָפֿן אינעווייניק און באַלד אַרויסגעלאָפֿן צוריק פֿאַרשוויצטע, צעפּאַרעטע און פֿון זיי און פֿון זייערע מלבושים האָט זיך רויך געשפּירט ווי פֿון פֿריש־געריכערט פֿלייש.

זיך אָפּגעדרייט פֿון שטיבל און פֿון שיין און ליכטיקייט אין פֿאַרע געהילטער, האָב איך האַרט לעבן זיך די נאַכט דערזען און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז צווישן נאַכט און באַלויכטענעם שטיבל איז ענג געוואָרן. ווייטער אַ פּאָר טריט פֿון זיך, האָב איך גאָרנישט געזען, די נאַכט האָט די ברייטע פֿרעמדקייט איינגעשלונגען און געלאָזט פֿאַר אונז אַן ענגן שטח מיט שטיביקער און פֿייערדיקער היימלעכקייט.

אין אומגעדולדיקער דערוואַרטונג זענען אַלע געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ ריין פֿייער און אויף אַ ביסל הייס וואַסער, אַבער אומזיסט געוואַרט. מ׳האָט געהערט, ווי ס׳קאָכט, ווי ס׳רינט, ווי ס׳גיסט, ווי ס׳פּאַלן שטיקלעך און שטיקער ליים פֿון ווענט און סטעליע.

ווען ס׳איז רויק געוואָרן, פֿאַרע און רויך שיטערער און דאָס פֿייער לויטערער, האָבן איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבן אַריינצוקריכן אין שטיבל אַריין מיט גלעזער און טעפּלעך. מ׳איז אַריינגעקראָכן אין אַ ליימיקער בלאָטע מיט פֿיס אין שמאַטעס פֿאַרוויינעט, געשטאַנען און שווער געווען אַ טריט צו מאַכן. די טשייניקעס האָבן געקאָכט, די דעקלעך האָבן געטאַנצט אינדערלופֿטן און די דאַמען זענען געשטאַנען מיט ליידיקע כּלים אין די הענט און די מענער האָבן מיט פּאָלעס און טיכלעך געשלעפּט די הייסע פֿאַררויכערטע טשייניקעס פֿון פֿייער אַרויס און געגאָסן הייס וואַסער אין די ליידיקע כּלים און ס׳האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן די ליפּן צו באַנעצן, ווי איינער פֿון די פֿורמאַנעס האָט אויסגעצויגן אַ האַנט מיט אַ פֿינגער און אַ זאָג געטון:

— אָ באַטשטע!

אין דער לענג פֿון אַ וואַנט, געהילט אין שיטערן נעפּל, איז זיך געלעגן אויסגעצויגן אַ טויטער קערפּער, געלעגן נאַקעט און נאַס, אין איינעקע ערטער מיט ליים באַוואָרפֿן און האָט מיט פּנים און נאַקעטקייט געקוקט צו דער סטעליע... איין מאַנסביל און אַ צווייטער איז צוגעגאַנגען און באַטראַכט דעם טויטן קערפּער און די דאַמען זענען געשטאַנען און גאָרנישט געפֿרעגט און ס׳האָט זיי קיינער גאָרנישט געזאָגט. איך האָב גע־

כאַפּט די פּרוי מײַנע אונטערן אָרעם און דערשפּירט ווי זי ציטערט אינ־גאַנצן, האָב איך געבעטן דעם קרעמעניצער, ער זאָל זי אונטערנעמען אונטער דער צווייטער האַנט און בײַדע האָבן מיר זי כמעט ווי צוגעטראָגן צו אַ שליטן און זי אַוועקגעזעצט און פֿון שרעק און שטומעניש אויסגע־ריסן באַ זיך אַ וואָרט:

— חיהלע!...

זי האָט נישט געענטפֿערט און איך האָב אַ געשריי געטון:

— מאַרק גריגאָראָוויטש!!!...

וואַסיאַ קלעמענטיעוואַ איז צוגעלאָפֿן און אויסגעשריגן:

— כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ!

און נאָך עמעצער און נאָך ווער איז צוגעלאָפֿן מיט צײַן־קלאַפּערײַ, מיט שרעק, און אַרומגערינגלט דעם שליטן און כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ, און עס האָט קיינער נישט באַמערקט, ווי ס'איז צוגעקומען אַ נײַער פּאַרשוין. מ'האָט אים באַמערקט, ווען ער איז שוין געשטאַנען צווישן אונז אַ נײַער פּאַר־שוין, אַ ווילד־פֿרעמדער.

— קליאַניאַיוס! — האָט דער פֿרעמדער פּאַרשוין געזאָגט, אין דעם מאָמענט, ווען ער איז באַמערקט געוואָרן.

— דאָבּרע זדאַראָוויע, דיאַדקאָ! — האָבן די פֿורמאַנעס מיטן פֿי־רער גלײַך זיך אָפּגערופֿן און אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן.

דער פּאַרשוין איז געווען ווילד באַוואַקסן, אָנגעטון אין שמאַטעדי־קע פּויערשע קליידער, די פֿיס אין פֿעל געהילט.

ער האָט מיט ווילדקייט און פֿרעמדקייט באַטראַכט אונזער קאָמפּאַניע און איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַ שאָקל געטון זיך מיט דער גאַנצער לענג מיט זײַנער און ווידעראַמאָל געזאָגט:

— קליאַניאַיוס!

מיטן צווייטן מאָל באַגריסן מיטן זעלבן וואָרט האָט ער געוואָלט, אַז אַלע זאָלן אים ענטפֿערן אויף זײַן באַגריסונג, אַזוי האָבן עס אַלע קענטיק פֿאַרשטאַנען, ווײַל אַלע האָבן מיט איין כאָר געענטפֿערט:

— דאָבּרי וועטשער!

און ערשט נאָכן ענטפֿער, איז ער געשטאַנען, ווי אַ „טשוטשעלאָ“. מ'האָט גערעדט צו אים און ער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט באַטראַכט פֿנימער, געקוקט אויף מײַלער און פֿלוצלינג אַ פֿרעג געטון:

— קודא וואס ניעסיאָט, דאָבריע לודע ?

פאַרשטאַנען, אַז ער איז טויב, האָט מען שוין גערעדט אויף קולות צו אים. קלענערע פון אים אין וווקס האָבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער געצויגן און אַרייַנגעשריגן אים אין די אויערן אַריין. מ'האָט אים אַרייַנגעשריגן: „ווו זענען מיר דאָ? ווו געפינען מיר זיך?" און גלייך האָבן מיר באַקומען פון אים אַן ענטפער, אַז מיר געפינען זיך נישט ווייט פון אַ דאָרף... ס'הייסט, אַז דאָרטן נישט ווייט איז אַמאָל אַ דאָרף געווען, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן פון די סנאַריאַדן, וואָס די באָלשעוויקעס מיט די פּאָליאַקן האָבן זיך איבערגעשאָסן, געבליבן איז נאָר איין שטיבל, אָבער מיר האָבן דאָס נישט געקאָנט באַמערקן, ווייל ס'שטייט אין אַ טאָל.

— צע מאָיאַ כאַטקאַ.

ער האָט גערעדט אויף אַ מאָדנעם דיאַלעקט, אַ צונויפמענגמיש פון אוקראַיניש, רוסיש און פּויליש. דאָס קול אַ גרעגערדיקס, וואָס האָט מיט שווערקייט אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט און געשפּירט האָט זיך סיי אין זיינע באַוועגונגען, סיי אין זיין רעדן, אָפּגעריסנקייט און פרעמדקייט פון מענטשן.

דאָס דאָרף, וואָס איז אַמאָל אַ דאָרף געווען, האָט געהייסן סוטשאַנע, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אים, און פון דעם האָבן זיך די פּורמאַנעס דערוווּסט, אַז מ'איז אינגאַנצן אויף פינף ווייאָרסט פאַרקראָכן אַן אַ זייט.

— פּיאַט ווערסטאָוו!

דער נייער פּאַרשוין האָט געקוקט צום שטיבל און פון פייער גערעדט. אַז דאָס האָבן מיר דעם פייער צו פאַרדאַנקען. ער האָט פונווייטן דערזען עפּעס לייכט זיך:

— פּאַדומאַוו, אי פּאַשאָל.

מיר האָבן זיך אַרייַנגעשאָטן אין אַ פּיצל שטיבעלע, ווו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון און אַ פּולער אויוון מיט פייער און פלאַם. אַנטקעגן פלאַם זענען געשטאַנען צוויי גרויסע טעפּ און זיך געבולבעט, דאָס וואַסער איז אַריבערגעלאָפן און מיט אַ שיפערייַ געזאָטן אויפן אָנגעגליטן „טשערין". באַם פּריפּעטשיק זענען געשטאַנען צוויי שיקסעס מיט אַרומגעשלייערטע קעפּ און געבאַקן לאַטקעס אויף אַ צאָל אַנדערט־

האָבן די גרעב. יעדע לאָטקע, וואָס איז אָפּגעבאַקן געוואָרן, האָט מען באַהאַלטן אונטער אַ גראָבן סטאָן פון אַ העמד, וואָס איז אויף דער באַנק געלעגן.

אויפן לײמענעם „טיק״ האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ קלײן חזירל, און מיט חזיר און קערפּער זיך געריבן צווישן מענטשן און פרעמדע פיס און אומרויק געכרוקעט. עפּעס געזוכט: געוואָרפן מיט נאָז און לעכער. גע־קוקט מיט זײַנע חזירישע פינצטערע אויגן אויף פרעמדע פיס און געזוכט אַן אָרט ווו צו באַהאַלטן זיך פון דער ענגשאַפט. דער באַלעבאָס האָט ענדלעך אָט־דאָס חזיר־נפש אויף די הענט גענומען און געוויזן די געסט, אַז דאָס איז בײַ אים אײן אײנציקס פון זײַן גאַנץ האָב און גוטס גע־בליבן. יעקאַטערינאַ ס. האָט זיך אָנטקעגן שוואַרצן חזירל מיט איר ווײַס הינטל באַוויזן. זי האָט אַ גלעט געטון דאָס חזירל איבערן רוקן און דער באַלעבאָס פון שטוב האָט אַ גלעט געטון דאָס הינטל איבערן קעפּל, און די צוויי נפשות האָבן אײנס צום צווייטן אויסגעצויגן די נעזער און אײנס דאָס אַנדערע אַ שמעק געטון.

אָוועקגעשטעלט אונזערע טשײַניקעס אין אויוון, האָבן זיי באַלד אָנ־געהויבן צו קאָכן. מיר האָבן אַלע געטרונקען טיי און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן. פאַר אונזער כבוד־וועגן האָט דער באַלעבאָס צעלייגט אַ פּייער אונטערן „גראַמאַפאָן״ (אַזוי האָבן עס די פּאָליאַקן אַ נאָמען געגעבן). און ווער ס׳האָט געוואָלט האָט פון צייט צו צייט אַ פריש שטיקל „לוטשינע״ צוגעלייגט.

אויסגעשפּרייט דאָס גאַנצע שטיבל מיט שטרוי, האָבן מיר זיך אַלע אויסגעלייגט, דאַמען באַזונדער און מענער באַזונדער. וואַסיאַ ק. איז לאַנג געשטאַנען אויף די קני, פאַרן לייגן זיך, און זיך „געמאָליעט״ און גע־צלמט אַנטקעגן אַ קלײנעם „אָבראַז״ אין אַ גאָלדן רעמל געפּאַסט, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר ווײַבערישער באַהעלטעניש...

3.

זונטיק, יאַנואַר 25־סטן.

ס'איז געווען אַ שיינער ווינטערדיקער פרימאָרגן. די זון האָט באַשיינט סטעפּישע ברייטקייט און סילועטן פוןביימער, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן איבער ברייטקייט און ווייסקייט פון פעלד און מיט זייער שוואַרצקייט בולט זיך אויסגעטיילט אין ריינעם דורכזיכטיקן אוויר, פון שניי און פון זון. עס האָט זיך געדאַכט וועלט און דרויסן האָט זיך אויסגעלייטערט פון אומריינקייט און זינד...

טיפער שניי, ווייסער שניי, בלאַנקענדיקער שניי, אַ ריינע דורכזיכטיקע לופט מיט אַ בלויען הימל... ווי עפּעס אַ מין שותּפותדיקער יום־טוב פון הימל און ערד, שניי צו זון, זון צו שניי האָבן איינס צו דאָס צווייטע געשמייכלט ווי אַ יונג פאַרליבט פּאָרל.

די פערד, אויסגערוטע, זענען געלאָפן אין טיפן שניי, געלאָפן ווייך און שטיל און אויפגעהויבן אַ שנייעדיקן שטויב ביז די בייכער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון הינטער זייערע פיס שפּריצן זילבערנע און גאָלדענע שיפּען. איך האָב געוואָלט דער וועג זאָל זיך ציען און ציען, ער זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, אייביק זאָל מען פאָרן צווישן שניי און זון, אין דער ריינער, שטילער ווייסער וועלט, אייביק זינקען אין טיפער זויבערקייט, אין דורכזיכטיקער קאַלטער לופט...

ווי אַ חלום זענען איבערגעלאָפן די צען וויאָרסט פון דאָרף אין שטאָט אַריין. דערזען פון ווייטן אַ באַרגיק אָרט מיט סטויפּקעלעך און דראָט האָט דאָס האַרץ אומרויִק און שווער אָנגעהויבן צו קלאַפּן. געפאָרן צו דעם אָרט און אויף געהעכערטער ערד האָבן די פערד אָנגעהויבן צו גיין טריט באַ טריט און פאָרנדיק געזען, ווי אויבן הינטער אַ געדיכטער דראָט־פאַרצוימונג, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי מיט שפּינוועבס פאַרוועבט, דרייט זיך אַרום אַ זעלנער אין אַ פעלץ מיט אַ ביקס אויף אַן אַקסל פאַרוואָרפן. דערזען אונז, איז ער שטיין געבליבן מיטן פּנים צו

אונז און געקוקט און רויק געוואַרט אויף אונז מיט דער ביקס אויפן אַקסל און שווייגנדיק געלאָזט אונז אַריינפאָרן פון יענער זייט דראָט־פאַרצוימונג, און גלייך באַפוילן מיר זאָלן שטיין בלייבן.

אַראָפּגעקראָכן פון די שליטנס, האָט דער זעלנער זיך גענומען פובאַנדערפרעגן פונוואַנען מ׳פאָרט און וווהין מ׳פאָרט. די צוויי שוועסטערן, יעווגעניאַ ס. און יעקאַטערינאַ ס., האָבן אויף אַלע זיינע פראַגן אויף פוילישׁ געענטפערט און ער האָט זיי רויק אויסגעהערט און מיט האַרטקייט און קאַלטקייט באַטראַכט אַלעמען אינאיינעם און איטלעכן באַזונדער. און די צוויי דאַמען, יעקאַטערינאַ ס. און וואַסיאַ ק., האָבן גערעדט צו אים מיט שמייכל און חניפה, גערעדט פאַר זיך, גערעדט פאַר אַלע און די געשליפענע יעקאַטערינאַ האָט געלאָזט פון בוזעם דאָס הינטישע קעפּל אַרויסשטעקן.

אויף אַ גלאַנציק פערדל מיט אַ שמאָל בייכעלע און קורץ ווידעלע איז אָנגעפאָרן אַן אויסגעפּוצט אָפיצירל צונויפגעגאָסן מיט זאָטל און פערד — פאַרהאַמעוועט דאָס פערדל, מיט קאָפּ און ווידל אַריינגעקראָכן צווישן אונז, האָט ער גלייך געפרעגט בא די דאַמען דאָס זעלבע, וואָס דער זעלנער האָט מיט אַ ווײַלע פריער פאַר אים געפרעגט, און די דאַמען האָבן דאָס זעלבע געענטפערט, נאָר מיט מער שמייכל און חניפה. דאָס אָפיצירל איז זיך אין לייכטער רויקייט געזעסן אויפן אומרויקן יונגן פערדל און אויפמערקזאַם אויסגעהערט און פיין צוגעשמייכלט און נאָכדעם זיך אַליין צערעדט וועגן יידן באָלשעוויקעס און באָלשעוויקעס יידן און אַ קרייזל געטון אַ פּאַה באַם אויער:

— זשידזשי פשאַקרעוו!

נאָר וואָס געשמייכלט, און ער איז שוין מלא רציחה דער פּאָליאַק. די קריסטלעכע דאַמען האָבן געלאַכט און דער פּאָליאַק איז שוין אַזוי אומרויק ווי דאָס פערדל זיינס געוואָרן.

— „סיאָבאָראַ” ווילט זיך זיי, די זשידעס, — און שוין גלייך אויף רוסיש פאַרענדיקט:

— אַז נאַס ניעט סוואָבאָדי!

מיט ריטערישן פּאַטאָס און צונויפגעגאָסענער פערדישער אומרויקייט האָט ער די ווערטער געזאָגט.

אַלע זענען געשטאַנען מיט פעסטער און פאַפירלעך אין די הענט,

און פון יעקאַטערינאָס בוזעם האָט אַ הינטיש קעפּל אַרויסגעקוקט. דאָס אַפּיצירל האָט אַ קוק געטון אין איין פּאַס און אַ צווייטן, האָסטיק אַ קירעווע געטון דאָס פערד און באַפוילן מען זאָל אים נאָכפאָרן.

אין אַ צען מינוט אַרום זענען מיר שטיין געבליבן לעבן אַ יידישער שטוב מיט אַ גלעזערנעם גאַניק. און אַלע ביין פּערזאָן האָבן זיך אַריי-געשאָטן אין אַ הייס אָנגעהיצטן צימער, און געטראָפן דאָרטן אַ חוץ דעם שוין באַקאַנטן אָפּיצירל נאָך אַזעלכן אַזוי ווי ער, וואָס האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַריין מיט זיין יוגנט, ריינקייט און יעזואיטישער בלאַסקייט. אויף איין וואַנט איז געהאָנגען אַ טעפּיך, די איבעריקע דריי ווענט זענען געיען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע ביקסן, רעוואָלווערן און שווערדן. איין רעוואָלווער איז אויפן טיש געלעגן.

דער יונגער, בלאַסער און ריינער אָפיציר איז רויק און קאַלט געשטאַנען באַם טיש און געוואַרט ביז אַלע זענען אַריינגעגאַנגען, און געשוויגן ביז די אַריינגעקומענע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רויקער שטילקייט. געקוקט און באַטראַכט יעדן באַזונדער און אַלע אינאיינעם, זיך איינגעגעסן אין יעדנס פּנים מיט יעזואיטישן דעספּאָטיזם, און אַלע זענען געשטאַנען אין פאַרגליווערטער אומגעדולד. און יענער האָט אַלץ געקוקט און באַטראַכט די אָנגעקומענע געסט, און מיט זיין שווייגנדיק קוקן האָט ער שוין געמאַכט, אַז ביין מענטשן זענען געשטאַנען ווי סטאַטועס. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן אויסצופרעגן דאָס, וואָס עס איז שוין צוויי מאָל פאַר אים אויסגעפרעגט געוואָרן. האַרט און קאַלט געפרעגט, און באַטראַכט איין פּאַס און אַ צווייטן מיט גרויסע הפסקות. צווישן באַטראַכטן איין פּאַס און אַ צווייטן, האָט ער איבערגעקוקט איטער קריסטינס און קריסטן, געוואָלט זעען די יעניקע. וואָס זענען געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס, איבער קעפּ און אַקסלען האָט ער איבערגעקוקט מיט אויגן ווי חלפים און דורכגעלאָזט די קריסטן מיט די פּעסער אין די הענט. האָט ער אויסגעצויגן זיין האַנט מיט אַ פינגער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויפן קרעמעניצער און איין האַנט האָט זיך מיט אַ צווייטער איבערן טיש באַגעגנט. איינע אַ רויקע, די צווייטע אַ ציטערדיקע מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט אויך געציטערט, און דאָס ציטערדיקע שטיקל פּאַפּיר איז אַריבער אין דער רויקער האַנט אַריין און גלייך באַם ערשטן קוק, וואָס יענער

האָט אין שטיקל פּאַפּיר אַריינגעוואָרפן, האָט זיך אַ גיפּטיק שמייכעלע איבער זיין שיינעם יעזואיטיש־שלעכטן מויל צעגאָסן.

איבערגעלייענט דאָס שטיקל פּאַפּיר, האָט ער מיט אַ בריענדער קעלט אַ פרעג געטון:

— דאָקאַנד?

און ווי נאָר דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, האָט יענער אויסגעשריגן:

— פּשאַקרעוו!

אָפּגעשטעקט דעם פּאַס, מיט האַס און עקל זיך איינגעפרעסן מיט זיינע גלאַנציקע אויגן אינם קרעמעניצער. לאַנג געקוקט אויף אים און גיפטיק געשמייכלט און אָנגעהויבן צו באַשיטן מיט פראַגן און אויף די פראַגן נישט געלאָזט ענטפערן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון כעס און פון צייט צו צייט אַ קריץ געטון מיט די ווייסע יונגע ציין, און גאָר פּלוצלינג אין דייטש אַ זאָג געטון.

— פּאַרפלוכטער יודע!

און געשטורעמט אויפן דייטשן שטייגער.

דער קרעמעניצער איז געווען בלאַס ווי דער טויט. אַרום די אויגן־ווינקלען האָט זיך אַ טויטע געלקייט באַוויזן, און יענער האָט געשיפּעט ווי אַ שלאַנג. און נאָכאַמאָל געפרעגט פונוואַנען ער פאָרט און ווידעראַמאָל געפרעגט וווהין ער פאָרט, און דער קרעמעניצער האָט אי אויף דעם, אי אויף ס׳אַנדערע געענטפערט, און דער פּאָליאַק האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און אַרויפגעלייגט אַ פּאָר פינגער אויף אַן אויער, האַלז און קאָפּ אויסגעצויגן צום קרעמעניצער צו, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער באַ אַ שפּיץ טיש.

— ניע סלישע!

האָט שוין דער קרעמעניצער גאָר צוגעשוויגן און יענער האָט אַ שטורעם געטון ער זאָל ענטפערן. ער האָט זיך געשפּילט מיטן קרעמעניצער ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. אָט האָט ער גערעדט מיט אים געלאַסן, מיט חוצפּהדיקער איראָניע, און גאָר פּלוצלינג אים ווידער אָנגעהויבן צו שטורמען. אויף לעצט האָט ער באַ אים געפרעגט צו וועמען ער פאָרט, און דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, און דער פּאָליאַק האָט זיך ווידער

געמאַכט נישט הערנדיק, האָט אין יענעמס זייט אַריין אַ נייג געטון קאָפּ און אויער מיט איינגעקוועטשטע אויגן.

— דאָ קאָגאָ?

דער קרעמעניצער האָט ווידעראַמאָל געענטפערט און דאָס מאָל קאָן זיין האָט דער יעזואיט ווירקלעך נישט געהערט, ווייל דאָס קול איז שוין געווען ענלעך, ווי עס וואָלט פון אַ פאַרמאַכט קבר אַרויסגעגאַנגען און בא יענעם האָבן זיך די אויגן צעבליצט, ווי בא אַ טיגער פאַרן שפּרונג אויפן קרבן... אין די ווינקלען פון זיין שיינעם יעזואיטישן מויל האָט זיך אַ שוים געוויזן און אַ מערדערישע בלאַסקייט האָט זיך איבער זיין גאַנצן ריינעם פּנים צעגאָסן... געקאָרטשעט זיך פון אויפרעגונג איז די רעכטע האַנט זיינע אויפן רעוואָלווער געפאַלן און פעסט אַרומגעכאַפּט אים מיט האַנט און פינגער אַ רוק געטון הין און צוריק און די האַנט איז דערביי געוואָרן ביינערדיק און אָדערדיק. — — —

פלוצלינג האָט דער קאַפּראַל אויסגעשריגן מיט אַ ציטערדיק קול צום זעלנער, וואָס איז בא דער טיר מיט אַ ביקס אויף אַן אַקסל געשטאַנען:

— וויפּראָוואַדזש יעגאָ! פּרעטקאָ!!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אַ קוק געוואָרפן אויף מיין פּאַס און אויף מיינע פּאַפּירלעך, אויף מיין פּרויס פּאַס, און גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט, אַ געשריי געטון:

— נאַזאַד!

די קריסטינס האָבן געפרוווט בעטן פאַר אונז, אַבער דאָס קאַפּראַל-טשיקל האָט זיך צעבייזערט אויף זיי און זיי מביש געשטעלט: ווי אַזוי האָבן זיי קיין בזיון נישט צו בעטן פאַר זשידעס!

באַטראַכט די פעסער פון די צוויי קריסטן, מיט אומצוטרוי געקוקט אויפן אוקראַינעץ, באַטראַכט די לאַטע אויפן אַקסל און אויסגעפרעגט זיך בא איינעם און אַ צווייטן, אָפּגעגעבן ביידע די פעסער און געהייסן צוריקפאָרן; יעווגעניאַ ס. האָט שטאַרק געבעטן פאַרן גרוזין. דער לעצטער איז זיך רויק געשטאַנען און זיך אַזוי איינגעהערט, ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געהאַנדלט וועגן אים. און אַזוי זיך גאָר פלוצלינג, רויק, פריינטלעך. אינטים געזאָגט:

— ניע נאַדאָ, יעווגעניאַ סעמיאָנאָווגאַ!... ניע נאַדאָ... ספּאַסיבאָ!...

— נאַזאַד! האָט דאָס אָפיצירל אויסגעשריגן.

די פרוי מײנע האָט זיך אין חלשותדיקער שווערקייט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברודי ער פּאָדלאָגע, דער סאָלדאַט איז צעטומלט געוואָרן, נישט געוווסט וואָס צו טון מיט איר, און דער נאַטשאַלניק ווײַנער האָט געשריגן:

— נאַזאַד!!

דער סאָלדאַט האָט אַרונטערגערוקט אונטער מײַן פרוי די פּיקע און די אַזוי אַרום געוואָלט אויפהייבן... ווי דורכן שלאָף געדענקט זיך עס... אַליין זיך אַראָפּגעלאָזט זי אויפצוהייבן און בין אויך געבליבן זיצן... געפילט, ווי לעבן מיר קאָנוווּלסירט מײַנער אַ נאָענטער ליבער מענטש... ווי דורכן שלאָף געדענק איך, אַז דער גרונין האָט אָט דעם מענטש אויף די הענט גענומען און מיך האָט אויפגעהויבן איוואַן וואַסיליטש, און אינדרויסן געקומען צו זיך, געבעטן אַ ביסל וואַסער פאַר מײַן פרוי, אָבער קיינער האָט עס אים נישט געגעבן, און ס'האָט זיך געהערט דאָס בּאַראַבאַנען פון האַנט און פינגער אין פענצטער:

— נאַזאַד! פּרענטקאָ!

אַלע, וואָס זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום „נאַזאַד", האָבן זיך ווי צונויפגעטריבענע שאָף צונויפגעקוועטשט בײַ איינעם אַ שליטן מיט אַ פּאָר פערד, וואָס זענען נאָך געשטאַנען מיט די קעפּ אין דער זײַט, ווו מיר זענען געקומען צו פאָרן. דאָרטן, אונטער אַ דאָפּלטן פענצטער, באַלייכט זיך אַ פּנים מיט גלאַנציקע אויגן און אַ האַנט מיט פינגער, וואָס האַלט אין איין טאַראַבאַנען אין די שויבן. אינדרויסן לעבן אונז שטייט אַ זעלנער, וואָס שטאַרכעט אונז אונטער מיטן פּריקלאַד, מיר זאָלן אַרײַן אין שליטן אַרײַן, אָבער יעדער האָט פאַר זיך געוווסט, אַז צוריק איז נישטאָ וווהין צו פאָרן, איז מען געשטאַנען, און פון דאָרטן, פון אונטערן דאָפּלטן פענצטער, הערט זיך קולות:

— זאַווראַצאַי נאַזאַד!

נעמט דער סאָלדאַט און דרייט אויס די פערד מיט די קעפּ אין יענער זײַט, פונוואַנען מיר זענען געקומען צו פאָרן. כאַפּט די בייטש, גיט אַ שמיץ איין פערד און אַ צווייטן און אַ געשריי:

— יאַזדאַ!

„נאַזאַד“.

— ווּהין ? ...

מיט זייט און פּלייצע זיצט איינער צום אַנדערן אויפן שליטן, צעוואַרפן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט בלאַסע פּנימער, מיט יאוש און פראַגע-בליקן :

— ווּהין ?

הינטן באַגלייט אונז אַ זעלנער מיט אַ ביקס. די פערד גייען טריט בײַ טריט און דער זעלנער גייט נאָך טריט בײַ טריט ווי נאָך אַ קאַטאַפאַלק, אַ קאַטאַפאַלק מיט פינף לעבעדיקע מתים...

איבעריק פאַר זיך, איבעריק מיט פאַרנעם און אָרט, זיצט מען שווייגנדיקע, שטומע. . . מיר פאָ״ן הייזער פאַרביי, יידישע הייזער. פּנימער מיט אויגן באַגלייטן אונז פון אונטער טאַפּלטע פענצטער, פון אונטער צוויי מאָל גלאָז, צוויי מאָל גלאַנץ מיט ווייטער אָפּגעזונדערטקייט פון בײַ זיך אין שטוב, בײַ זיך אין שטאָט... בײַ איינעם און אַ צווייטן גיבן זיך ליפּן אַ שאָקל צו אַ צווייט פּנים, וואָס שטייט בײַ אַ צווייט פענצטער.

צוגעפירט אונז צו דער דראָט-פאַרצוימונג און געהייסן דעם זעלבן סאָלדאַט, וואָס האָט אונז פריער אַריינגעלאָזט, ער זאָל אונז אַדורכלאָזן. דער לעצטער האָט אונז חוזקדיק באַטראַכט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט :

— דאַלעי !

ווי מ׳וואַרפט איינעם אין ים אַריין :

שווים !

דער פויער קראַצט זיך אין פּאַטילניצע. ער קוקט אויף אונז. נישט צופרידן מיט אונז. ער ווייסט נישט און מיר ווייסן נישט ווּהין צו פאָרן. די וועלט איז אַזוי גרויס און — ענג...

אַ שליטן... אַ שליטן געבליבן פון אַ גאַנצער ברייטער וועלט... פינף מענטשן אָן אַ באָדן געבליבן... מיטן שליטן און אויפן שליטן, געבונדן אינאיינעם צו שלעפּן זיך... פינף פאַרשוין, מאַן און ווייב, ייד מיט קריסט — אינאיינעם מיט אַ פעסטן גורל געבונדן, אָנגעוואָרפן פינף מענטשן

אויף פערד און שליטן און פערד און שליטן שלעפן אונז און קיינער ווייסט נישט וווהין... פיס און שליטן, פיס אינדרויסן העגגען פון שליטן אראפ אן א באדן.

— נאזאד!

די פערד גייען טריט בא טריט. דאס איז אינגאנצן אפהענגיק פון זייער פערדישן ווילן... זיי גייען מיטן שליאך — דאס איז אויך זייער זאך. פאר אונז איז רעכט, זיי זאלן אפקירעווען זיך פון וועג, מיר דארפן קיין וועג נישט, מיר דארפן נישט פארן.

— נו, קודא וואס וועזטי?

וואס ווייטער א שפאן פון פערד, אלץ מער א ווארט פון פויער.

און צו וואס האט עס אים גאר אינגאנצן געטויגט. צוליב די פאר מאות קערענסקיס... ער איז דא נאך זאלץ געפארן. יענע זענען דארט גע-בליבן און וועלן פירן זאלץ צוריק און ער?...

— נא שטא מניע?...

זיך דערווייטערט פון שטאט א וויארסט אנדערהאלבן, האט זיך גע-וויזן א שטיבעלע. דער פורמאן האט אונז אנגעוויזן מיט דער בייטש אויף דעם שטיבעלע: — דארטן. לעבן דער „כאטקע”, שטעלט ער זיך אפ. ווייטער פון דער כאטקע וועט ער נישט פארן. דארטן וועט ער זיך אפ-שטעלן און ווארטן אויף יענע צוויי, וואס זענען אין שטאט געבליבן.

זיך אפגעשטעלט לעבן א פיצל שטיבעלע. איינס נאך דאס אנדערע אראפגעקראכן. דער יונגער פויער האט נישט געפרעגט בא אונז און אריינ-געטראגן אין דעם שטיבל אריין איין פעקל נאכן צווייטן.

א שטוב נישט פיל גרעסער פונם שליטן. נישטא ווו צוצוזעצן זיך, נישטא ווו צו שטיין. דער באלעבאס פון שטיבעלע, אן אלטער, ארימער, הארציקער פויער, אנגעטוין ווי א „מעשטשאן”, האט זיך גלייך פאראינ-טערעסירט מיט אונזער לאגע. די פויערטע האט אירע קויטיקע, אדערדי-קע, דארע הענט אויפן בויך פארבראכן און מיט גרויס אומעט אונז אויסגעהערט. פויער און פויערטע זענען געשטאנען צווישן אונז און גע-איקעט און געקרעכצט אויף אונזער גרויס אומגליק, וואס אונז האט געטראפן.

מיט א צונויפגעשרומפט הארץ האב איך מיך אוועקגעשטעלט באם פענצטער און געקוקט אינדרויסן אויף דער בייזער, הארטער, קאלטער

פרעמדקייט... אויף שניי און אויף הימל האָב איך געקוקט, אויף ביידע צוגלייך אונזערע פיס נישט צו שטעלן... מיט ווייטקייט פון בליק, פעלד־ברייטקייט געמאָסטן. אין גרויסער, ברייטער פרעמדקייט האָט זיך מיין בליק געטראָגן, געבלאָנדזשעט אין באַגלייטונג פון שוואַרצע מחשבות... אָפּגעריסן זיך אין מרחקים דער עבר, אין אָפּגרונטן איז דער עתיד באַהאַלטן... ווייט פאַרוואָרפן אין אומבאַשטימטקייט פון אָרט און זיין... מיינע געדאַנקען האָבן זיך אין שוואַרצע פלאַמען צע־פלאַקערט...

דער פורמאַן שטייט באַם פענצטער לעבן מיר. פון זיין אָטעם שמעלצט זיך דאָס אייז אויף דער שויב, וואָס איז פעסט איינגעפרוירן מיט ראַם פון שויב צוזאַמען. ער באַמערקט נישט, ווי עס פאַלן איינצלנע טראָפּן אויפן פענצטער־ברעט, וואָס שפּריצט אָפּ מיט קאַלטקייט און נאַס־קייט. ער מוז שוין זיין זייער צופרידן, וואָס ער איז פון אונז פּטור געוואָרן. יענע קומען, פאַרט ער מיט זיי אַוועק צוריק פונוואַנען ער איז געקומען... ער וועט זיך אויפזעצן אויף זיין אייגענעם פערד און שליטן און וועט אַוועקפאָרן צו זיך אין דאָרף אריין, צו זיך אין שטוב אריין.

די פרוי מיינע וויינט. מיך גליווערט פון איר וויינען, און איך האָב איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. ווי צוויי נאָענטע פריינט, וואָס טרינקען זיך איינער לעבן אַנדערן און זעען נישט איינס דאָס צווייטע, אַזוי האָבן מיר איינס דאָס אַנדערע נישט געזען... אומגליק האָט אונז פאַרפרעמדט...

איך ווייס עד־היום נישט אין וויפיל צייט אַרום די איבערגעבליבע־נע צוויי פורמאַנעס זענען אָפּגעפאָרן, אָבער איך געדענק זייער גוט, ווי דער יונגער שייגעץ, וואָס איז לעבן מיר געשטאַנען און זיי אויסגעקוקט, האָט זיך אַ וואָרף געטון מיט פיס און שטיוול אינדרויסן אַרויס. אַלע דריי פויערים זענען אַוועק מיט פערד און שליטן און איינער פון אונזעריקע האָט אַ זאָג געטון:

— אויעכאַלי!

מ'האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטיבל, געביטן זיך מיט אָרט און מיט שטיין, זיך באַגעגנט און זיך געריבן איינער אינם צווייטן אין ענגשאַפט. מ'האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די פּאַפּיראָסן אין די מיילער און מיט רויך איבער די קעפּ. זיי האָבן זייער פיל גערייכערט. די פרוי מיינע

האָט זיך געשטיקט פונם רויך און איך האָב נישט געקאָנט בעטן, מ'זאָל אויפהערן צו רייכערן. מ'האָט גערעדט מיט פויער און פויערטע, או ואיינס מיין צווייטן האָבן אויסגעמיטן צו רעדן... מ'האָט זיך ארומגעדרייט אין אייגענער אומבאַקוועמלעכקייט פון דיקער אַנגעפּעלצטקייט און אין פרעמדער ענגשאַפט... אַלע זענען געווען אָנגעטון, די פיס אין שמאַטעס געוויקלט, גרייט צום פאָרן, גרייט צום גיין...

וווהין?

ווייל דער פויער און פויערטע זענען אָרימע, פילן זיי מיט אונזער אומגליק, שווייגן זיי און וועלן שווייגן און וואַרטן, ביז מיר וועלן אַליין אַוועקגיין.

...וווהין?...

ס'איז שוין זייער נישט באַקוועם פאַר זיך און זייער נישט אָנגענעם פאַר זיי, זיי האָבן אַליין נישט ווו זיך אַהינצוטון.

און איך האָב דאָ שוין פון צייט נאַכט אַ טראַכט געטון און אַרויסגענומען פון אייגענער קעשענע דאָס זייגערל און אַליין פאַר זיך אַ קוק געטון און פאַר זיך אַליין געוווסט וויפל דער זייגער איז.

מיט האַרטע שטיוול-טריט, מיט היימישקייט פון באַ זיך אויף דער ערד, באַ זיך אינדערהיים, האָט זיך אויפן „פּאדווער" אַ מענטש געוויזן. אַ קוק געוואָרפן אין איין פענצטער, אין אַ צווייטן, איז ער אַריין אין שטוב און זיך באַגריסט מיט האַנט-געבן מיט באַלעבאָס און באַלעבאָסטע און אויף אונז געקוקט מיט גוטמוטיקן שמייכל, ווי צו אַזעלכע, וואָס מ'קען און מ'איז מיט זיי נישט באַקאַנט, און גלייך צוגעגאַנגען צו מיין פרוי און געבעטן, זי זאָל אים דערציילן, וואָס מיט אונז איז אַזעלכעס געשען. די פרוי מיינע האָט ברייט און ליכטיק געעפנט די אויגן מיט גלאַנץ פון טרערן און גלאַנץ פון האָפנונג געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן קריסט און פּאָליאַק און האָט כל פּרטים ווי אַ קינד אים אַלץ דערציילט. און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— הער, פּאַני! דאָ נישט ווייט, דריי וויאָרסט פונדאַנען, געפינט זיך אַ דאָרף, וואָס הייסט סעלישטשי. נעמט און פאָרט אַוועק אין דעם דאָרף אַריין. דאָרטן אין דעם דאָרף געפינען זיך פיל יידן, צווישן די יידן געפינט זיך איינער אַ ייד לייבאַ. צו דעם לייבאַן וועל איך דיר געבן אַ קוויטל און ער וועט אייך אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב אַריין. באַלד

ווי איר וועט קומען אין דעם דאָרף, זאָלט איר זעען זיך פאַרמעלדן באַם סטאַראָסטאַ. דאָרטן באַ דעם לייבאַן זאָלט איר זיצן און וואַרטן אַ טאָג, צוויי און דריי, זיצן און וואַרטן אויף מיר.

— מיך רופט מען גראַנאָווסקי, — און שוין גאָר פאַרענדיקט אויף יידיש לשון, אַ יידיש ווערטל מיט אַן עכט־יידישן אַקצענט:

— גאָט איז אַ פאָטער, אַז ער וויל רייסט אָן אַ מכה און אַ בלאָזער.

דער פאָליאַק האָט אָנגעשטיבן אַ קוויטעלע אין אַ גרייזיקן רוסיש און איבערגעבנדיק עס מיין פרוי, געזאָגט אויף יידיש:

— כאַפּט אַ פור און פאָרט!

זיך געזעגנט מיט אונז און מיר מיט אים, ווי מיט אַן אַלט־באַקאַנטן, ליבן, האַרציקן פריינט. מיר האָבן אַלע פון די פענצטער אים באַגלייט ווי אַ מלאך־הגואל, נאָכגעקוקט אים אַזוי לאַנג, ביז ער איז פון וועג פאַרשוווּנדן געוואָרן. אין אַ האַלבער שעה נאָך זיין אַוועקגיין, האָבן מיר געכאַפּט אַ פור, וואָס איז געפאָרן פון שטאָט אין דעם דאָרף אַריין, זיך אַרויפגעוואָרפן מיט זיך און מיט זאַכן אינם שליטן אַריין און אַוועקגעפאָרן אין דעם דאָרף, וווּהין דער קריסט האָט אונז געהייסן פאָרן.

באַ לייבאַן.

אַ שטוב פול מיט פויערים, רויך און שמוץ. פון רויך און פויערים איז אַרויסגעשווומען אַ יידיש פנים, אַ פנים פון באָרד און אויגן. געפרעגט וואָס מיר באַדאַרפן, האָט ער באַקומען דאָס קוויטעלע, איבערגעלייענט, האָט ער ברייט פאַר אונז געעפנט אַ טיר אין אַ צימער אַריין, ווו ס'איז נישט געווען קיין פויערים און נישט קיין רויך. דאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש מיט צוויי סאָפקעס באַ די ווענט און פענצטער, אַ רויט געפאַרבט בעט מיט אַ סך קויטיקע קישנס. רעכטס אַן אָפענע טיר אין זייער שלאָף־צימער אַריין. דאָרטן איז געזעסן אַן אַלטיטשקע יידענע און געשפינט פאָדעם אויף אַ ווערטאַנע.

נאָך איידער מיר האָבן זיך צעזעצט באַם טיש, איז שוין דאָס יידל געשטאַנען אין גרייטקייט אַלץ צו טון פאַר אונז. געזאָגט וואָס מיר פאַרלאַנגען, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטון מיט דעם גאַנצן הויז־געזינט:

מ׳זאָל גיין, מ׳זאָל לויפן און מ׳זאָל קריגן וואָס מיר ווילן, און איז צוזאַמען מיט ווייב און קינדער פארשוואונדן געוואָרן פון צימער.

אין שטוב איז געווען באַ אַ צוואַנציק גראַד וואַרעמקייט. גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאַלטנס און אָפּגעוויקלט די שמאַטעס פון די פיס, און אויסגעזעצט זיך ווי מחותנים באַם טיש, האָט דער גרוזין אַ שמייכל געטון און דער אוקראַיִניִעץ האָט געזאָגט:

— וואָט פּאָלאָזשעניע!

אים איז קענטיק באַזונדערס נישט אָנגענעם געווען די גאַנצע לאַגע. אים, אַלס פירער, האָט עס שוין גאָרנישט געפּאַסט... ער האָט טאַקע גלייך גענומען רעדן דערפון: ער איז גאָרנישט שולדיק אין דעם... די פריצעס זענען שולדיק, זיי האָבן נישט געוואָלט פאָרן מיט דעם וועג, ווו ער האָט געוואָלט פירן, מיט דעם וועג, ווו ער האָט שוין נישט איינמאָל מענטשן דורכגעפירט און אַלע מאָל:

— בלאַגאָפּאָלוטשנאָ.

— פאַרוואָס זשע האָט מען זיי דורכגעלאָזט? — האָט דער קרעמעניצער אַ פרעג געטון.

ער האָט שוין גאָר קיין ראָזום נישט, אָט דער מיטיאַ, און נאָך אַ יידישער קאָפּ דערצו. יענע זענען דאָך פּאָמעשטשיצעס! יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט געוויזן אַ בריוו פון אַ קסיאָנדז, וואַסיאַ קלעמענטיעוונאַ האָט געוויזן דעם מאַנס אַ פאָטאָגראַפיע אין אָפיצערסקער אוניפאָרם און געזאָגט, אַז ער שלאָגט זיך אין דעניקינס אַרמיי. נו, און יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט באַדאַרפט באַווייזן, ס׳איז געווען גענוג אַ קוק צו טון אויף איר הינטל... אים וווּנדערט נאָר אויף גאַליטיאַן נעסטראָוויטש, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: יענער סוקינסין וואָלט אים זיכער געווען דורכגעלאָזט.

— פּאָטשעמו ווי אָטקאַזאַליס?

לייבאַ איז פלינק אַריינגעלאָפן מיט אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר און אים אַ שטעל געטון אויפן טיש. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען אָנגעלאָפן ווייב און קינדער מיט גלעזער אין שאָלן, מיט ברויט, פּוטער און אייער. לייבאַ האָט דאָס אַלץ אויסגעכאַפּט פון זייערע הענט און אַליין אַלץ אויסגעשטעלט און אויסגעלייגט אויפן טיש: אַרויסגעיאָגט ווייב און קינדער און געזאָגט:

— אַ קאַרטאָשקאַ טשערעז דוואַרצאַט מינוט בודיעט!

מיר האָבן אים געבעטן זיצן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: ער האָט קיין צייט נישט.

יאָ, קוקנדיק אויף אים, האָט מען עס אים געקאָנט גלייבן, אפילו ווען ער איז געשטאַנען און גאָרנישט געטון, איז ער אויך באַוועגלעך געווען. ער האָט זיך נישט געזעצט, אָבער פּאַרזוימט האָט ער זיך דאָך אַ ביסל לעבן אונז און געזאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך אַזוי שטאַרק נישט וווּנדערן, וואָס מ'האָט אונז נישט דורכגעלאָזט. אָט איז ער דאָ מיט דער נאַז באַ דער שטאָט, אַ געבוירענער אין דעם דאָרף, און מען לאָזט אים אויך אין שטאָט נישט אַריין:

— ניע פּוסטשאַיוט!

אים, וואָס אַלע קענען אים! נישטאָ קיין איין טאָג, ס'זאָל נישט פאַרפאָרן צו אים אַ סאָלדאַט, אַ זשאַנדאַר און מ'עסט באַ אים און מ'טרינקט באַ אים. אומזיסט פאַרשטייט זיך... ס'הייסט, האָבן האָט ער זיי טיף אין דר'ערד, אַז ער באַדאַרף בייטיק אין שטאָט אַריין, גיט ער זיך אַן עצה, איז אַריינגעוואָרפן זיך אין אַ פור היי און ער איז אין שטאָט... קאָסט עס אים אַ האַלב פונט טערקישע בלעטער... אָבער זאָרגן דאַרפן מיר זיך נישט. אָט דער גראַנאָווסקי איז אַ לייטישער קריסט, אַז ער וועט וועלן, וועט ער עפּעס קאָנען טון פאַר אונז... ער האָט אַ יידישן קאָפּ, אַליין איז ער... נו, מיר דאַרפן שוין אַליין פאַרשטיין, וואָס ער איז... אַזאַ מענטשעלע קאָן עפּעס טון, פאַרשטייט זיך, נישט אומזיסט, און אַז ער זאָגט צו, איז דאָס:

סוויאַטאָי שב'שוויאַטיך!

מיר האָבן אַלע געלאַכט און נאָך זיין אַרויסלויפן האָט דער גרוזין געזאָגט:

— נו, אי זאַמעטשאַטעלני טשעלאָוועק עטאָט לייבאַ!

ס'איז געווען אַן אמתע סעודת־פּורים. אָנגעהויבן באַ גרויסן טאָג און אַריינגעצויגן טיף אין אָוונט אַריין...

אין שטוב איז געווען הייס און פון עסן און טרינקען איז נאָך היי־סער געוואָרן, ס'האָט באַ אַלעמען געפלאַמט די פּנימער, אין מיטן סאַמאָ־וואַר האָט זיך דאָך נישט געגלוסט צו שיידן. לעבן יעדן איינציקן איז געשטאַנען אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און אַליין זיך אָנגעשפּאַרט אָן די ביי־

ביקע ווענט פון די סאָפּקעס, האָט מען געוויקלט איין ציגאַר נאָכן אַנ־דערן, פון דער „בודיליע", וואָס איז געלעגן אויפן טיש אין אַ גרויס שטיק צייטונגס־פּאַפּיר. און מ'האָט גערייכערט און גערעדט פון דעם היציקן פּאָליאַק, און יעדער באַזונדער האָט דערציילט, וואָס ער האָט דורכגע־לעבט, געפינענדיק זיך דאָרט באַ יענעם אין צימער און וואָס מען האָט געטראַכט דעם גאַנצן וועג צוריקפאָרנדיק. מער פון אַלעמען האָט געהאַט צו דערציילן דער קרעמעניצער. ער האָט דערציילט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען יענער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן רעוואָלווער, האָט זיך דער באָדן אונטער אים אַ וואַקל געטון און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפן פינצטערן אָפּגרונט.

דער גרוזין האָט תמימותדיק אַ פרעג געטון

— אי טשעוואָ אָן טאַק איז קאָזשי ליעז?

איוואַן וואַסיליטש האָט מיט שנאה און פאַרביטערטקייט געענטפערט, אַז אָט אַזעלכע זענען זיי די פּאָליאַקן, זיי האָבן אַלע מענטשן פיינט, אַז זיי וואָלטן געוואָלט בלייבן אַליין אויפן ערד־קויל און פאַרענדיקט:

— קעפּסקי נאַראָד!

און דער גרוזין האָט גוטמוטיק צוגעגעבן:

— שליאַכטאַ!

מיר האָבן פרי נאַכט געמאַכט. פרי זי אויפגענומען מיט לאָמפּן אויס־לעשן און מיט לייגן זיך. פינף פאַרשוין אין איין צימער זיך געלייגט און לייבאָס מוטער — אַ זעקסטע, אין בעט. מיר האָבן זיך געלייגט אויף די צוויי סאָפּקעס, אויף צוויי האַלבע טירלעך און אויפן טיש. די צוויי סאָפּקעס זענען „געבעטע" און טירלעך און טיש איז אויסגעבעט געוואָרן מיט גלייכן, שטייפן שטרוי.

די נאַכט איז געווען צו גרויס, מ'זאָל זי קאָנען אויסשלאָפן. אַמאָל צען האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און פון איין מאָל אויפן אַנדערן פאַר־געסן ווו איך געפין זיך און אין געדיכטער פינצטערניש געטאַפּט מיט אויג און בליק, פענצטער און ווענט. וואָס איז שווער געווען אָפּצוטיילן איינס פון דאָס אַנדערע. נישט געקאָנט זיך משער זיין, ווי ווייט איז איין וואַנט פון דער צווייטער.

אין שטוב איז געווען גוואַלדיק הייס. די לופט האָט זיך געשלונ־גען ווי וואַטע... געלעגן אין פיר פאָר גאַטקעס און צוויי פאָר הויזן, האָב

איך ערשט אין דער וואַרעמקייט דערשפּירט, ווי שווער און איבעריק זיי זענען אויפן לייב. און צייטנווייז, געפינענדיק זיך אין האַלב-וואַכעדיקן און האַלב-שלאָפנדיקן צושטאַנד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איין טייל פון מיין קערפּער שטעקט אין אַ וואַרעמער, זומפּיקער בלאָטע...

זיך אויפגעכאַפּט און נישט געוווּסט וויפיל איך בין געשלאָפן און געלעגן. און עד היום ווייס איך נישט, צי ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די אַלטע האָט אָנגעהויבן צו הוסטן, אָדער ס'איז נאָך גאָר פרי געווען: איך ווייס נאָר, אַז פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין ביז טאָג קיין אויג נישט צוגעמאַכט און זי האָט פון דעמאָלט אָן נישט אויפגעהערט צו הוסטן. געהוסט און געכראַקעט, געכראַקעט און געהוסט. און מיט עקלדיקן שוידער געהערט, ווי עס האָט אַלע מאָל געגעבן אַ ליאַפּ אויף דער פּאָדלאָגע...

אַ קוק געגעבן איינדערפרי אויף זיך און אויף מיין געלעגער און אויף אַלעמען און אויף זייערע געלעגערס, איז מיר נישט גוט געוואָרן. פון די טירלעך און טיש איז אַראָפּגעהאָנגען שטרוי. באַ וועמען אַ פּאַלטאָ צוקאָפּנס, באַ וועמען אַ קויטיק קישן פאַרשפּרייט מיט אַ האַנטוך. פון הויזן האָבן אַרויסגעשטעקט באָרוועסע פיס... באַרוועסע פיס, באַוואַקסענע פנימער. אין אייגן און פּ־עמדן שמוץ איז מען געלעגן, אין איבעריקער, איבלדי־קער וואַרעמקייט אונטער פאַרקלעפּטע פענצטער. און אַן אַלטע יידענע מיט אַן ערדיק פּנים אויף אַ באַרג מיט קישנס, אַזוי שוואַרץ ווי דאָס פּנים, און אַרום איר אויף דער פּאָדלאָגע...

לייבאַ האָט זיך פון אַלקער באַוויזן: גלייך פון בעט אַרויס, איז ער שוין געווען אַזוי אָנגעטון, ווי מיר האָבן אים באַטאָג געטראָפן: אין שטיוול, אין צעריסענעם רעקל און מיטן היטל אויפן קאָפּ. אָפּגע־געגעבן אַ גיט־מאָרגן, מיט פּאַרטיקייט עפּעס צו טון פאַר אונז, מיט זעלבסטווירדע און ערנסטקייט, אָן משרתדיקער אונטערטעניקייט, נאָר מיטן עול פון שטוב, מיטן עול פון פּרנסה, מיטן עול פון באַלעבאָס צו געסט. און נישט געטראַכט האָט ער אַריינגעבראַכט אַ צעבערל, אַן עמער וואַסער און אַ גרויסע קופּערנע קוואַרט מיט צוויי הענטלעך. דער גרוזין, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן ווי אַ טעלעגראַפישער סלופּ, האָט געשמייכלט צו לייבאַן:

— ספּאַסיבאָ, לייבאַ!

4.

דינסטיק, 27־סטער יאַנואַר.

מ׳האָט שוין גערעדט וועגן דעם, אַז פאַרלאָזן זיך איזגאַנצן אויף גראַנאָווסקין טאָר מען נישט.

גראַנאָווסקי איז פאַר אונז געווען דאָס זעלבע, וואָס אַ שטיק האָלץ פאַר איינעם, וואָס טרינקט זיך. און פּונקט אַזוי ווי יענער איז נאָך נישט אינגאַנצן געראַטעוועט מיט דעם שטיק האָלץ, אַזוי זענען מיר ווייט געווען פון הילף, וואָס גראַנאָווסקי האָט אונז פאַרשפּראָכן... די לאַגע פון „אַהין נישט פאַרפאָרן און צוריק נישט קומען", איז שוין געווען זייער ערנסט. און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ׳טאָר נישט זיצן פאַרלייגט די הענט און וואַרטן אויף גראַנאָווסקין, אַז מ׳דאַרף איינצייטיק נאָך וועגן זוכן.

אַריינגערופן לייבאַן, אים איינגעבעטן ער זאָל זיך אָוועקזעצן, און איינער און אַ צווייטער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אונזער פאַרצווייפלטע לאַגע.

— טשטאָזש ווי כאָטיטיע! — האָט זיך לייבאַ אויפגעהיצט. פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל ווייטער זאָגן, האָט איינער פון אונזעריקע איבערגעשלאָגן:

— אָבער מ׳טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף איין מענטש.

לייבאַ איז שטאָל און אייזן געשטאַנען פאַר גראַנאָווסקין — אַז גראַנאָווסקי זאָגט, איז הייליק!

— יאָ, מיר וואַרפן זיך נישט אָפּ פון גראַנאָווסקין, נאָר טאָמער גיט זיך אים נישט איין עפּעס צו טון פאַר אונז? מוזן מיר דאָך באַצייטנס אַנדערע וועגן זוכן.

— טשטאָ דיעלאַט?

און אַ רייב געטון באַק און באָרד, האָט ער געזאָגט, אַז איין עצה האָט ער פאַר אונז ער וועט אונז צושיקן דעם סטאַראָסטאַ. דער סטאַ־

ראַסטאַ איז זייער אַ פיין מענטשל און מיר זאָלן דעם סטאַראָסטאַ בעטן (פאַרשטייט זיך, אים באַפרידיקן), ער זאָל זיך אַריבערכאַפּן קיין אָליעווסק און זאָל זאַיאַווען דער זשאַנדאַרמעריע, אַז באַ אים אין דאָרף געפינען זיך עפּעס מענטשן, „קאַקיע טאָ ליודי״, ער ווייסט נישט ווער זיי זענען און פונוואַנען זיי קומען. דעריבער בעט ער די זשאַנדאַרמעריע, זי זאָל קומען און אונז פאַרנעמען פונדאַנען.

— כשר זענט איר? פעסער האָט איר? וואָס האָט איר מורא, וואָס?

אַ וואָרף געטון זיך און אַריינגערופן זיינס אַ יינגל פון אַ יאָר צען.

— גיב אַ שפרונג אויף איין פוס צום סטאַראָסטאַ און זאָג אים, אַז דער טאַטע, באַטקאַ פראָסיוו, ער זאָל איוו טרי שאַגאַ קומען אַהערצו.

און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינאיינעם מיטן צען-יעריקן זון.

און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז דעם גרוזינס לאַגע איז ערגער פון אַלעמענס, דער גרוזין האָט עס אונז אַזוי דערקלערט. אַלע פאָרן מיר צו זיך אַהיים, און דער גרוזין פון גרוזיע, וווהין פאָרט? כאָטש ער איז לכתחילה נישט געפאָרן צו פאַרבלייבן, ער וואָלט דאָרטן אָפּגעווען אַ וואָך, צוויי און וואָלט זיך אומגעקערט צוריק. אָבער דאָרטן, פאַרשטענדלעך, וואָלט יעווגעניאַ ס. געקריגן פאַר אים באַ דער פוילישער מאַכט די נייטיקע פאַפּירן אויף צוריקצופאָרן, און אָן אַזעלכע פאַפּירן, פאַרשטייט זיך, שטעלט ער דאָס לעבן זיינס אין געפאַר. אַנדערש וואָלט ער זיך אפילו נישט פאַרטראַכט און וואָלט זיך אומגעקערט צוריק.

— נאַדאָ בילאָ פאָדומאַט, באַדאַרפט געווען זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם — האָט געזאָגט איוואַן וואַסיליטש — ווען די דאַמע האָט געוואָלט בעטן פאַר דיר, האָסטו געזאָגט: ספּאַסיבאָ, ניע נאַדאָ.

דער גרוזין האָט געשמייכלט: ער האָט שוין דווקא עס אין זינען געהאַט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט האַנדלען, ווי די רוסישע באַרינעס. ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין אַנדערש. וואָס הייסט? צוזאַמען געפאָרן, וועט מען צוזאַמען אַריבער. אָבער אונז לאָזן, דאָס נישט! אַזוי האַנדלען קאָנען נאָר רוסישע דברים-אחרים.

דאָ האָט דער קרעמעניצער אַרויפגעלייגט די האַנט זיינע אויפן גרוזינס אַקסל און האָט פייערלעך אויסגערופן:

— וואָט דרוג אי טאָוואַרישטש!

נישט לאַנג געוואַרט, און דער סטאַראָסטאַ איז געקומען. אַ ריין

פּויערל, מיט אַן ארומגעשוירן בלאָנד בערדל, מיט גרויסע אָרנטלעכע אויגן, ווי בא אַ שאָף. מיר האָבן געהייסן אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר און די פרוי מיינע האָט אים צום ערשטן אָנגעגאָסן אַ שיין גלאָז טיי און אַריינגעוואָרפן דריי קלעצלעך צוקער אין גלאָז אַריין. דער סטאַראָסטאַ האָט אויף זיין שטייגער, זייער איידל געטרונקען און אונז אויסגעהערט. פון צייט צו צייט האָט זיך לייבאַ אַריינגעכאַפּט, האָט אויך צוגעשמאַלצן עטלעכע ווערטער און אַלע מאָל פאַרענדיקט:

— עטאָ טשעסטניע ליודי, פּאַני סטאַראָסטאַ. — און דער לעצטער האָט שוין גאָר נאָך אַלעמען מיט פּויערשער תמימות אַ פרעג געטון:

— אי זאַשטאָ איך אַרעסטאָוואַטי?

מיר האָבן זיך אַלע צעשמייכלט און איוואַן וואַסיליטש האָט אים אין אַ ריינעם אוקראַיניש קלאָר געמאַכט וואָס דאָ האַנדלט זיך.

— קעפּסקאַ! — האָט דער סטאַראָסטאַ געזאָגט, און אויסגעטרונקען דריי גוט־פאַרצוקערטע גלעזער טיי, האָט ער מיטן אַרבל פון דער „פּאַראַדי־נער" סערמיגע אָפּגעווישט דעם שווייס פונם שטערן, איידל באַדאַנקט דער פרוי מיינער פאַר דעם כּיבוד און געזאָגט:

— באַלד פאָרט אַ פור קיין אַליעווסק, זעצט ער זיך אויף דער פור און פאָרט.

אין תוך כּדי דיבור האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צו אַ פור, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן:

— קודי ידעש?

און פון יענער זייט איז געקומען אַן ענטפער:

— דאָ אַליעווסקאָ! און דער סטאַראָסטאַ איז פאַרשוווּנדן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער סטאַראָסטאַ צוריקגעקומען, גע־קומען מיט גאָרנישט.

מ'האָט דאָרטן געפרעגט בא אים, צי מיר האָבן דאָקומענטן, האָט ער געזאָגט אז יאָ; מ'האָט געפרעגט, צי מיר זענען אָרנטלעכע מענטשן, האָט ער געזאָגט, אַז מיר זענען זייער אָרנטלעכע מענטשן. נו, קאָן מען אונז נישט אַרעסטירן.

און דער קלוגער שליח אונזערער איז שוין גאָר געווען צופרידן:

— טאַש יאַ טאָ סאַמאָ קאַזאַו, זאַשטאָ וואָס אַרעסטאָוואַטי? — און לייבאַ האָט מיט איראָניע צוגעגעבן:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: פעסער האָט איר, דאָקומענטן האָט איר, האָט איר נישט וואָס מורא צו האָבן.

און שוין פאַרן סטאַראָסטאַס ווענן אונטערגעשטראָכן:

— אָרנטלעכע מענטשן איז אַלעמאָל ערגער.

ווען דער סטאַראָסטאַ איז אַוועק, האָט דער קרעמעניצער געזאָגט:

— פּערווי פּוזיר לאַפּנול!

— אַ טי ווטאָרים בודיעש! — האָט איוואַן וואַסיליטש געזאָגט.

* *

*

בײַ לײבאַן אין שטוב האָט זיך געפונען אַן אַליעווסקער בחור, אַ יאָר פופצן. אַ סימפּאַטיש בחורל. מיט גרויסע, שוואַרצע מיידלשע אויגן. דאָס בחורל האָט געלערנט מיט לייבאַס קינדער דריי שפּראַכן: רוסיש, העברעיש און יידיש. איך האָב אים אַרײנגעבעטן צו זיך, אָט דעם דריי־שפּראַכיקן לערער:

— איר זענט אַן אַליעווסקער?

— יאָ, פון אַל עווסק.

— קענט איר אַלעמען אין אַליעווסק?

— יאָ, איך בין אַ געבוירענער אַן אַליעווסקער.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי זענען דאָרט פאַראַן בחורים, וואָס לייענען ביכער?

ס׳איז אַרײנגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ סטויפּ לייבאַס אַ קרובה, אַ הויכע, דאַרע מויד, מיט אַ קליי, צעפּעלע און מיט גרויסע שטיוול אויף די פיס. איך האָב בײַ איר גאָרנישט געפרעגט, נאָר איר האָט זיך פאַרגלוסט אָנטייל צו נעמען אין אונזער שמועס:

— איך בין אויך אַן אַליעווסקער און מיך וויל מען נישט קיין אַליעווסק אַרײנלאָזן.

— איר קאָנט עמעצן אין אַליעווסק?

— וועמען באַדאַרפט איר?

איך האָב מיך ווידער געווענדט צום בחורל:

איז וואָס זשע זאָגט איר, איז דאָרטן פאַראַן יונגעלייט, וואָס לייענען ביכער?

לייבאַ איז אַריינגעלאָפן מיט אַ פּאַליש:

— וואָן פונדאַנען! — און באַ מיר אַ פרעג געטון: — איר באַדאַרפט זיי דאָ?

— הערט, ר׳ לייב. איך וויל שרייבן אַ בריוו קיין אַליעווסק.

— איר האָט דאָרטן עמעצן?

איך האָב אים געענטפערט, אַז האָבן האָב איך דאָרטן קיינעם נישט. אָבער איך בין זיכער, אַז מיך קען מען דאָרטן:

— איך בין אַ שרייבער... איך שרייב אין די גאַזעטן...

דער קלוגער לייבאַ האָט זיך דאָ באַוויזן מיט זיין גאַנצער דאָרפישער גראָבקייט. מיין נאָמען איז אים אינגאַנצן אומבאַקאַנט, און ער האָט מיר שוין גאָר געעצהט, אַז אויב שוין יאָ שרייבן קיין אַליעווסק, זאָל איך שרייבן צום רב; אָבער דאָס בחורל האָט זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט מיר און איבערגעפרעגט מיין נאָמען און פאַמיליע, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, געעפנט אַ שופלאָד, לאַנג געבלעטערט אַ העברעישע כרעסטאָמאַטיע, און איך האָב פאַר דער צייט זיך דורכגעשמועסט מיט דער קויטיקער מויד אין די שטיוול, און צו מיין גרויסן פאַרדראָס, האָט זי מיר אויף קיין זאַך, וואָס מיך האָט אינטערעסירט, נישט געענטפערט. זי ווייסט נישט פון קיין יידישע קהילהס, פון קיין אָרגאַניזאַציעס — נישט פון קיין ציוניסטישע און נישט פון קיין סאָציאַליסטישע. ענדלעך האָט זי זיך געכאַפּט:

— אַן אַמעריקאַנער קאָמיטעט איז דאָרטן דאָ.

געפרעגט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט, האָט זי מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ קאָמיטעט, וואָס צעטיילט די זאַכן, וואָס קומען אָן פון אַמעריקע פאַר אָרימע יידן.

— וואָלטן זיי אפשר טאַקע עפּעס געקאָנט טון?

זי ווייסט נישט, זי קאָן מיר וועגן דעם גאָרנישט זאָגן; זי ווייסט נאָר אַז:

— זיי זענען גרויסע גנבים, די קאָמיטעטשיקעס.

דאָס בחורל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר און געזאָגט:

— מ. ראָזענפעלד האָט ער דאָרטן געפונען.

איך האָב מיך אָפּגעדרייט אַ דענערווירטער פון די צוויי ווילדע חברה. ס'האָבן ביידע קריסטן אויף אונז דרייען געקוקט און נישט געוווסט אין וואָס ס'האנדלט זיך; האָט דער גרוזין געפרעגט:

— או טשאָם דיעלאָ?

און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב טאַקע גענומען אַ פּאָר נע־מען פון די „קאָמיטעטסקע גנבים" און אָנגעשריבן אַ פּאָר בריוו, אַלע מיט איין נוסח: איך בין דער און דער, פּאַר מיט מיין פרוי פון קיעוו אהיים קיין קאָזעל און מ'לאָזט אונז נישט דורך... נעמט אָן מיטלען מ'זאָל אונז דורכלאָזן, אַנדערש איז אונזער לעבן אין געפאַר.

מיטוואָך, 27 סטן יאַנואַר.

— וואָס קאָן אַ שטייגער לייבאַ זאָגן דערצו, וואָס מ'הערט נאָך אַלץ פון גראַנאָווסקין גאָרנישט?

לייבאַ האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אונז.

— יאַ וואַם גאָוואָריו שטאָ אָן פּרידיאָט!

— וואָט פּאַלאָזשעניע! — דער אוקראַינעץ, ער קאָן עס גאָרנישט מוחל זיין די פּאָליאַקן: טאַקאָיע סאַמאָליוביע!

נאָר אין דעם איז אים געגאַנגען.

לייבאַ האָט צו אונז געזאָגט אויף יידיש:

— איר זענט יידן און ווען איך וואָלט עפּעס געווען אין אַ צווייפל, וואָלט איך אייך נישט פאַרזיכערט, איך קען דעם גוי און איך זאָג אייך, אַז זיינס אַ וואָרט איז קודש־קדשים.

דער גרוזין האָט זיך צעלאַכט:

— טשטאָ עטאָ טאַקאָיע קאַטשע־קאַטשע?

לייבאַ האָט אַוועקגעוואָרפן די יידן און צוגעלאָפן צום קריסט.

— עטאָ זנאַטשיט טשטאָ סלאָוואָ טאָ סוויאַטאָ — האָט לייבאַ דערקלערט.

— גראַנאָווסקי איז אַ פּאָליאַק? — האָט דער גרוזין געפרעגט.

לייבאַ האָט געענטפערט, אַז ס'איז אַלץ איינס... אַלע מענטשן זענען

מענטשן און אַלע מענטשן זענען פֿון גאָט פֿאַרשאָלטן... מענטשן הייסן דען וואָס זיי טוען איצט?

— בראַט בראַטא ביאָט!

— די פּאָליאַקן, — האָט לייבאַ שטיל געזאָגט, — זענען אַזוי ווי־קעץ, זיי האָבן קיינע באַשעפענישן נישט ליב און צווישן זיך דראַפּעט מען זיך אויך...

— לייבאַ מעטקאָ סקאַזאַל, — האָט איוואַן וואַסיליטש געזאָגט און באַ גאַליטיאַן געסטראָוויטשן האָט זיך אַן אומעט אין די אָדלער־אויגן צעגאָסן.

ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז מ'וועט אים אויפֿן וועג נישט הרגענען, וואָלט ער דאָ אַפֿילו קיין מינוט נישט געזעסן.

— זאַוויערנוּלסיאַ בי ליצאָם אוק יוגו אי פּאַשאָל־בי...

אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ גאַסט, אַ זעלנער. געהייסן זיך וויַיזן די פּעסער, האָט ער אַריינגעקוקט אין זיי, ווי אַ האָן אין בני־אדם און האָט שוין אויף אונז מער ג׳קוקט, ווי אין די פּעסער אַריין.

מיר האָבן אים באַזעצט באַם טיש און געבעטן לייבאַן אויפֿשטעלן דעם סאַמאָוואַר. מיר האָבן צוזאַמען געטרונקען טיי און צוגעביסן. דער פּאַרשוין, פֿילנדיק אונזער הילפֿלאָזיקייט, האָט נישט געקאָנט אָוועקשטעלן קיין געהעריק טאָן, קענטיק דערפֿאַר, וויַיל ער איז באַ אונזער טיש געזעסן. אָט האָט ער גערעדט צו אַלעמען ווי צו זיין גלייכן און פּלוצלינג געביטן דעם טאָן און גערעדט ווי אַ נאַטשאַלניק. דער בעל־דברן איז געווען דער קאָמעניצער, ער האָט געקאָנט רעדן פּויליש, ער האָט פֿאַר אונז אַלעמען גערעדט, און דער זעלנער האָט מיט פֿאַרדרוס געקוקט אויף די שווייגנדיקע און איינמאָל און אַ צווייט מאָל געפֿרעגט פֿאַרוואָס מיר שווייגן, און מיר האָבן זיך איינמאָל און אַ צווייט מאָל פֿאַרענטפֿערט, אַז מיר קאָנען קיין פּויליש נישט רעדן, דערפֿאַר שווייגן מיר, און דעם פּאָליאַק האָט עס שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס מיר קאָנען נישט קיין פּויליש רעדן.

ער עסט און טרינקט, און ס'איז געווען צו זען, אַז ווען ער האָט געגעסן, האָט ער זיך נישט אַזוי שטאַרק היימלעך געפֿילט, און האָט ער אויפֿגעהערט צו עסן, האָט ער זיך גאַר אַנדערש געשפּירט. אָבער די פּרוּמיינע האָט אים רוען נישט געלאָזט:

— פראָשע פאַנאַ.

ער זאָל עסן.

און דער קרעמעניצער האַלט אין איין פלאַפלען. מיר האָבן שוין אַלע באַמערקט, אַז ער רעדט צופיל, אַז ער פאַרקריכט אָפט אין זייטיקע שמועסן. האָט זיך אַריינגעמישט די פרוי מיינע מיט אַ צעקאַליעטשעטן רוס׳ש, מיינענדיק, אַז דאָס איז פויליש. דער זעלנער קוקט זי אָן, קענטיק פאַרשטייט נישט אַלץ, וואָס זי רעדט, אָבער ער הערט זי דאָך אויס. זי לייגט אים אַריין יעדעס וואָרט אין מויל אַריין. זי גיסט פאַר אים אויס דאָס גאַנצע האַרץ אירס... צעבראָכן זיך... געבליבן היל, נאַקעט, און איצט לאָזט מען נישט דורך... ס׳וועט אויסקומען צו שטאַרבן דאָ. דער פאַן זעט, אַז זי איז אַ שוואַכע פרוי...

און אַלע גערירט פון אירע ווערטער:

— פראָשע פאַנאַ, פראָשע פאַנאַ!!

פלוצלינג האָט זיך דער סאָלדאַט אַ הייב געטון, אויגן און פנים מיט בלוט פאַרגאָסן, אַ כאַפ געטון די ביקס אין די הענט און אַ געשריי געטון צום קרעמעניצער:

— אידזש זאַמנאָי... קורווא!

אַריינגעיאָגט זיך לייבאַ מיטן גאַנצן הויז־געזונט און פויערים אַ פולע שטוב און אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם זעלנער פון אַלע זייטן און דער סאָלדאַט האָט אַלעמען געוואָרפן און געשטויסן פון זיך. פרעגט מען בא אים, וואָס איז געשען, ענטפערט ער נישט. פרעגט איינער באַם צווייטן, קיינער ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן.

אַ כאַאָס, אַ טומל, געשרייען און געוואַלטן. דער זעלנער איז רויט. די אויגן גלאַנצן, דער קרעמעניצער איז טויט־בלאַס און שטאַמלט עפעס און לייבאַ איז לעבן יעדן און צווישן אַלעמען און בייזערט זיך אויף יעדן און אויף אַלעמען, עס זאָל זיין שטיל און רעדט דערביי: ער קען דעם פאַן, דער פאַן איז אַ ווילער, דער פאַן איז אַ גוטער, און, גאָר אומגעריכט, פאַלט לייבאַ אָן אויפן קרעמעניצער. ער זידלט און טופעט מיט די פיס ער זאָל אים גלייך זאָגן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אנישט שלאָגט ער אים, אַנישט פאַטשט ער אים, אַנישט טרייבט ער אים פון שטוב אַרויס. ער קען דעם פאַן פאַר אַ לייטישן מענטש, דער פאַן וועט אומזיסט נישט אָנפאַלן...

און אָנגעכאַפּט דעם קרעמעניצער פאַר די לאַצן, פּעסט מיט ביידע הענט אים אַ טרייסל געטון און געמיטלעך אַ פרעג געטון באַם סאָלדאַט:

— פאַניע, זאָג מיר, וואָס האָט ער דיר אַזעלכעס געזאָגט?

דער זעלנער ענטפערט נישט, ער שפּרינגט פון דער הויט אַרויס, ער האַלט די ביקס אין איין האַנט און מיט דער צווייטער שלעפּט ער דעם קרעמעניצער, ער זאָל מיט אים גיין. לייבאַ האַלט אים פּעסט באַ די לאַצן און האַלט מיט אים אין איין מאַרדעווען מיטן קרעמעניצער, ער זאָל אים נאָר זאָגן, וואָס איז דאָ אַזעלכעס געשען, און לויבט דעם גוי, דעם פאַן, ביזן הימל אַריין. און דאָ גיט ער אַ זאָג אויף יידיש, ער זאָל דעם פּריץ פאַלן צו די פיס. דער קרעמעניצער טוט עס גלייך, אָבער יענער ווערט נאָך אויפגערעגטער, צעשרייט זיך שוין אויף אים לייבאַ, ער זאָל די מינוט אויפשטיין. און הייבט אים אַליין אויף און לאָזט אים אַלץ נישט אָפּ און ווידער שטיל געמיטלעך אַ פרעג געטון באַם סאָלדאַט:

— זאָג מיר, פאַניע, וואָס האָט ער דיר אַזעלכעס געזאָגט?

דער זעלנער האָט ענדלעך געענטפערט לייבאַן, אַז ער, דער קרעמעניצער, האָט צו עמעצן פון אונזעריקע אַ פינטל געטון מיט אַן איג. דער קרעמעניצער האָט אויסגעשאָ:ן מיט אַ געוויין:

— זאָל ער שטאַרבן, זאָל ער הענט און פיס ברעכן, אויב ער ווייסט פון וואָס צו זאָגן.

לייבאַ האָט ווידער אָנגעטופּעט אויף אים מיט די פיס: — שוויג, קרעמעניצער! — און געבראָכן, שטיל, געזאָגט צום סאָלדאַט:

— ער שווערט זיך דאָך, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט.

דער זעלנער האָט זיך ווידער אָנגעצונדן. דער קרעמעניצער האָט זיך ווידער גענומען פאַרענטפערן און לייבאַ טראַכט נישט פיל, און טראָגט דעם קר:מעניצער אין באַק אַריין.

די פרוי מיינע האָט אָנגעהויבן ספּאַזמירן. קולות מיט געלעכטער צוזאַמענגעמישט. אייניקע פויערים האָבן זיך איבערגעצלמט און דער היי־ציקער זעלנער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיט דער ביקס און איז גע־בליבן שטיין ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער אָפּגעגאָסן און געקוקט האָט ער מיט צוויי סטויפּעוואַטע אויגן און עפּעס געמורמלט און ס׳איז קענטיק געווען, אַז דער העלד וואָלט געוואָלט איינגעזונקען ווערן מיט דער ביקס צוזאַמען...

איך האָב אַראָפּגענומען דאָס דאָפּלטע פענצטער, געעפנט דאָס צווייטע, און אַ גאַנצער שטראָם פרישע, קאַלטע לופט האָט זיך אַ יאָג געטון אין שטוב אַריין. די פויערים האָבן מיט רעליגיעזן פאַנאַטיזם זיך איינגעהערט אין די קולות און פול מיט אומרויקייט און אַבערגלויבן געקוקט אויף דעם אָפענעם פענצטער, ווי ס'וואָלט געעפנט געוואָרן נישט צוליב דעם, וואָס ס'איז געעפנט געוואָרן, נאָר צוליב עפּעס אַ טיף פאַרבאָרגענער זאַך. דער זעלנער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, געהאַלטן ביידע הענט אַנגעלענט אויף אײַזן און לעכל פון דער ביקס. ער האָט אַריבערגעקוקט איבער מענטשן און קעפּ און שולדיק און נאַריש געשמייכלט.

מיר, אייגענע שטעטיקע, האָבן זיך אַרום דער שטעטיקער פרוי מיט שטאָטישער קרענק געפּאָרעט, און דאָס דאָרף מיט פויערים האָבן אויף אונז אַלעמען געקוקט מיט דאָרפישן און פויעריש פינצטערן אַבערגלויבן און צווישן זיך אין דער שטיל עפּעס געבאַליאַקעט; און פון אָפענעם פענצטער האָט שוין אָנגעיאָגט אַזוי פיל קעלט, אַז מ'האָט שוין אָנגעזען די פאַרע פון נעז און מײַלער.

לייבאַ האָט אַריינגעשלעפּט דעם סאָלדאַט צו זיך אין אַלקיר אַריין, אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן און אַ ווונק געטון צום קרעמעניצער:

— קרעמעניצער!

געשטאַנען אַ פּאָר מינוט בײַ דער טיר און מיט אים איינגעטענהט. ער האָט אים געקלאַפּט אין שטערן אַריין און געזאָגט, אַז ער האָט קיין שכל נישט דער קרעמעניצער, און אויף לעצט באַפעלעריש געזאָגט:

— גייט אַריין און בעט אים איבער, און גוטמוטיק צוגעגעבן: באַלוואַן!

דער קרעמעניצער האָט דאָרטן זייער לאַנג פאַרבראַכט באַם סאָלדאַט, און לייבאַ איז פאַר דער צייט עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו מיין פרוי און זי באַזוכט. ענדלעך האָט זיך דער קרעמעניצער געוויזן מיט אַ שמייכעלע, נאָך אים דער זעלנער. דער לעצטער איז געבליבן שטיין אין דער טיר און קיין דרייסט נישט געהאַט ווייטער צו גיין און גלייך געפרעגט אויף מיין פרוי ווי זי פילט זיך. די פרוי האָט געבעטן מ'זאָל אים, דעם סאָלדאַט, צורופן צו איר. יענער איז גלייך צוגעגאַנגען, צוגעגאַנגען און זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ קינד אַנטקעגן אַ מוטער פאַר דער

„ניעפשיעמנאָסט", וואָס ער האָט איר פאַרשאַפן און האָט זיך גלייך גענימען פאַר איר פאַרענטפערן און די פרוי מיינע האָט גליקזעליק אַ שמייכל געטון. דאָס איז געווען איינער פון יענע שמייכלען, וואָס ווייזן זיך בײַ יחידים אין געוויסע מאָמענטן נאָך אַ קאַטאַסטראָפישער איבערלעבונג, ווען די נשמה קומט צוריק צום גוף מיט דורכגעלייטערטער ליכטיקייט פון גרויס ליבשאַפט און ניי־געבוירענער באַהעפטונג צווישן קערפער און נשמה...

זי האָט קיים גערעדט, קיינער האָט נישט געהערט וואָס זי רעדט, אָבער דער זעלנער איז געווען גוואַלדיק געווירקט. יעדע מינע, יעדער שטילער טאָן, וואָס זי האָט אַרויסגעלאָזט, האָט בײַם זעלנער אַרויסגערופן אַ נייע מינע, אַ נייעם אויסדרוק אויפן פּנים. און פּלוצלינג האָט ער געטון אַ שלעפּ צו זיך און צו מיין פרוי דעם קרעמעניצער און אים אַ שטעק געטון די האַנט:

— מוחל!

און אויגנבליקלעך האָבן זיך ביידע צעקושט.

פון גרויס גדולה האָט זיך די פרוי מיינע אויפגעזעצט און מיט גלאַנציקע אויגן געבעטן דעם זעלנער ער זאָל זיך צוריקזעצן בײַם טיש. ער האָט געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט, האָבן מיר אים אַלע געבעטן, האָט ער אַלעמען געדאַנקט און אַלעמען אָפּגעזאָגט און פאַרוואָרפן די ביקס אויפן אַקסל, האָט ער זיך מיט יעדן איינציקן געזעגנט און גלייך נאָך זיין אַוועקגיין האָט דער קרעמעניצער ענטוזיאַסטיש אויסגערופן:

— פינף אַ זייגער פאַרטאָג קומט ער נאָך אונז!

די פרוי מיינע איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט געקרעכצט, אויפן געלעגער זיך געוואָרפן און דאָס שטרוי האָט אָן אויפהער געשורשעט אונטער איר. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז הונדערטער שדים שושקען זיך צווישן זיך וואָס נאָך פאַר אַ שלעכטס אונז אָפּצוטון. בײַ אונזערע באַלעבאַטים איז מען אויך נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זייערס אַ מיידעלע געוויינט און טאַטע־מאַמע זענען אַלע מאָל צום

קינד געלאָפן מיט ברענענדיקע ליכט. די מוטער פון קינד האָט אויף אַ
גאַנץ הויך קול גערעדט, אַז זי האָט לכתחילה געזאָגט דעם מאַן אירן, ער
זאָל אונז אין שטוב נישט אַרײַנלאָזן. די באָבע איז אויך אַ פּאָר מאָל פון
בעט אַראָפּגעקראָכן צו די קינדער אין אַלקיר אַרײַן, דאָרטן זיך באַוויזן
אין ווײַסן און אויסגעזען, ווי זי וואָלט צו חלום געקומען פון „יענער
וועלט" צו קינדער און אײניקלעך. פון העמד אָפּער האָט אַרויסגעשטעקט
אַ געשווירענער קאָפּ און נאַקעטע פיס. זי איז פּאַמעלעך אַרײַנגעקראָכן
אין אַלקיר אַרײַן מיט באַרוויסער שטילקייט און בײַ ליכט און פײַער דאָס
קינד געשפּראָכן. לעבן דער אַלטער איז אַמאָל דער זון, אַמאָל די שנור,
אַמאָל בײדע. געשטאַנען מיט ליכט און פײַער צווישן זיי, און גערעדט
האָט מען צווישן זיך עפּעס ווילדע רייד, גערעדט מיט „אַ נישט דאָ גע-
דאַכט", „נישט פאַר אונז געדאַכט". זיי האָבן גערעדט וועגן מײַן פרוי ווי-
וועגן עפּעס אַן אַבסטראַקט באַשעפעניש, מיט רמזים וועגן איר לאַכן און
ווײַנען גערעדט... מיט פײַער און ליכט און שאָטן, אין אײגענער און אין
זייטיקער שטילקייט, געהילט אין שרעק פון פּאַרצײַטיק אַבערגלויבן, איז
מען געשטאַנען אין צווייען און דרייען בײַם קינדער-בעטל אין אימהדי-
קער שטילקייט פון דאָרפישער שטוב און פון דאָרפישן דרויסן. דאָס קינד
האָט געשלוכצט און דאָס שלוכצן איז ענלעך געווען אויף דעם ווי אַ הון
לערנט זיך קרייען... און פּלוצלינג דערהערט זיך אַ ריס, און געוווסט פון
דער „סגולה", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען דעם סטאַן פון
העמדל אויפן קינד צעריסן... אַזוי איז מען זיך עס עטלעכע מאָל דורך
דער גרויסער נאַכט צונויפגעקומען און אין צווייען און דרייען מיט ליכט
און פײַער זיך צונויפגעגאָסן און געשפּראָכן און געשפּיגן, מיט אַ מעסער
און אָן אַ מעסער, און איך בין געלעגן אויף מײַן טירל און אין פינצטע-
רער אומרויקייט געטראַכט פון מײַן פרוי, געטראַכט וועגן דער גרויסער פאַר-
אַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען... מײַן לאַגע איז
געווען גלײַך צו אַ שווימער, וואָס נעמט אויף זײַנע אַקסלען אַ קינד אַ
געפערלעך אָרט איבערצושווימען און דער שווימער הייבט זיך אָן צו
טרינקען מיטן קינד... איך האָב שוין געזען, אַז מיר זענען זייער מיאוס
אַרײַנגעפאַלן, און דאָ האָט מען באַדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס, צי זאָלן
מיר מיטפאָרן מיטן זעלנער, צי נישט, ווײַל נאָך דער גאַנצער איבערבע-
טעניש און קושעניש איז מיר דאָך געבליבן עפּעס אַ פאַרדאַכט וועגן דעם

פארשוין, און בכלל האָט זיך מיר נישט געגלייבט, אַז דאָס זאָל גלאַט קאָנען צוגיין אויף אַזאַ איינפאַכן אופן. אַ פּראָסטער סאָלדאַט זאָל קאָנען נעמען און איבערשוואַרצן מיט פינף מענטשן אַ גרענעץ...

— הייסט עס, פינף אַ זייגער! — האָב איך שטיל אַ רעד געטון צו מיין פרוי.

זי האָט נישט געענטפערט:

— מיר קאָנען נישט פאָרן אויך.

זי האָט אָבער פאַרן נישט פאָרן פונקט אַזוי געציטערט ווי פאַרן יאָ פאָרן.

איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז רעכט, אַז איך מיט איר זאָלן נישט מיטפאָרן און דעם סאָלדאַט וועט גאָרנישט איינפאַלן, ווייל ער האָט דאָך געזען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער האָט זי געלאָזט.

די פראַגע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן. פאַרלאָזט זיך אויפן גורל, ווי אַזוי עס וועט אויסקומען, אַזוי וועט מען טון.

איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, געלעגן אויפן שטרוי און אויפן טירל מיט אַ פאַלטאָ צוקאָפּנס, אָנגעטון אין פיר פאָר גאַטקעס און צוויי פאָר הויזן, געלעגן, נישט געשלאָפן און געטראַכט וועגן דער ציפער 5, וואָס האָט זיך איינגעוועבט אין נאַכט־גרויסקייט און נאַכט־פינצטערניש. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געדאַכט איז פינף אַ זייגער און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך איינגעהערט צום פענצטער, צום שטילן פינצטערן דרויסן און אַמאָל צוואָנציק, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, הער איך בײַ דער שטוב בײַ וואַנט און פענצטער, די טריט פונעם זעלנער. . . פון גאַנץ נאָענט, אַמאָל פון וויט, האָט זיך מיר געדאַכט, הער איך זיינע טריט.

ס'איז געווען הייס אין שטוב, געפילט די היץ, וואָס האָט געזעצט פון דער הרובע. פון אייגן לייב און וועש געשפּירט אַ נישט־פרישקייט, און נישט וויט פון מיר איז געלעגן די אַלטע און געהוסט און געכראַקעט און נאָך איבלדיקע זאַכן האָט די אַלטע געטון... און די נאַכט האָט זיך אומברהמנותדיק לאַנג געצויגן, מיר האָט זיך אַמאָל געדאַכט, אַז איך האָב זיך מיט אייביקער פינצטערניש פאַרבונדן, מיט פינצטערניש פון פאַר-

גאַנגענהייט און מיט פינצטערניש פון אַן אומקלאָרער צוקונפט — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך געפין זיך אין אַ שטוב מיט פיל פענצטער און מיט אַ סך טירן און אַלע פענצטער און אַלע טירן זענען אָפן און פון אַלע זייטן בלאָזן ווינטן, וואַרעמע און קאַלטע ווינטן, און איך האָב זיך נישט ווו צו באַהאַלטן... און פּלוצלינג... אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפן, טיפן אָפּגרונט, ווו ס'איז שוין נישט געווען נישט קיין טיר, נישט קיין פענצטער און ס'שטיקט מיך און ס'ווערגט מיך ענגשאַפט און פינצטערניש... געזוכט וועהין פון דאָרט צו אַנטלויפן און דערזען, אַז מיינע פיס געפינען זיך אויף אַ גלעזערנעם באָדן, אויף דין גלאָז שטיי איך... דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק, טיילט זיך אויס מיט בלאַסקייט, וואָס בלייכט זיך אויס פון אונטן טיף, טיף אונטערן גלאָז... איך שטיי אין פאַרגליווערונג, האָב מורא דאָס גלאָז זאָל זיך נישט אונטערברעכן אונטער מיר... און אָט ווייזט זיך דאָרט עמעצער אונטערן גלאָז און קלאַפּט מיט פינגער אונטער מיינע פיס — — — — — — — — — —

זיך אויפגעכאַפּט און דערזען קאָפּ און אַקסל בײַ אַ פענצטער און אַ האַנט מיט פינגער אויף אַ שויב... — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

5.

דאָנערשטיק, 29־טן יאַנואַר.

גאַנץ פרי האָט זיך לייבאַ אַריינגעיאָגט, אַ פּאַטש געבנדיק איין האַנט אין דער צווייטער פון דרויסנדיקער קעלט:

— האָב איך עס פון אייערטוועגן אַן אַלקערל, אַ צאַצקע.

און אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען שוין די פּעקלעך אונזערע געלעגן אויף אַ שליטעלע, וואָס ס'האָבן געשלעפּט דער דריי־שפּראַכיקער

לערער מיט זיין תלמיד, און איך און די פרוי מיינע זענען נאָך דעם שליטעלע נאָכגעגאַנגען און איבערגעגאַנגען אַ שטיק דאָרף, אַ שטיק גאַס, אַ צענדליק הייזער. האָבן זיך די ייִנגלשע פּערדלעך אָפּגעשטעלט לעבן אַ ייִדישער שטוב, וואָס מ׳האָט דערקענט, אַז זי איז אַ ייִדישע, ווייל זי האָט אויסגעזען אַנדערש ווי די גוייִשע...

אין דער נייער דירה האָבן מיר געטראָפן אַן אַלט פּאָר פֿאָלק, אַן אַלט מיידל, און אַלע דריי צוזאַמען האָבן אונדז אין אַלקער אַריינגעפֿירט, וווּ עס איז געשטאַנען אַ רויט געפֿאַרבט בעט, אַ קאַנאַפּע און אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך. אויף איין וואַנט זענען געהאָנגען עטלעכע אַמעריקאַנער פֿאָטאָגראַפֿיעס, משה רבינו און אהרן הכהן, ענלעך אויף קריסטלעכע גייסטלעכע.

אויסגעפּאַקט אונזער בעטגעוואַנט, געבעטן אַרויסנעמען זייערס, האָט די פֿרוי מיינע אונזער בעטגעוואַנט אין פֿרעמדן בעט אַריינגעוואָרפֿן. טאַטע-מאַמע און טאָכטער זענען געשטאַנען און גערעדט צו אונדז. זיי האָבן אַלע דריי געוווסט וועגן אונדז, אונדזער נעכטיקע געשיכטע, און אַלע דריי האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן זייער גוט געטון, וואָס מיר זענען מיט דעם „דעזערטיר" נישט מיטגעפֿאָרן. דער פֿרוי מיינער האָט שוין אָבער זייער באַנג געטון, וואָס מיר זענען נישט געפֿאָרן:

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיי טאַקע אַריבערפֿירן?

— אַלץ מן השמים, — האָט דער אַלטער געזאָגט, און די אַלטע האָט צוגעבאָמקעט:

— מסתמא איז אייך אַזוי באַשערט. און דאָס מיידל האָט אויך עפּעס ענלעכס אויף דעם געזאָגט. זיי האָבן דריי כמעט איינס און דאָס זעלבע גערעדט, און דערביי אונדז געקוקט אין די הענט אַריין, ווי מיר פּאַקן אויס די זאַכן. איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק האָט גערעדט, און די גאַנצע שטוב מיט די פֿרומע מענטשן האָט מיר פֿיל עריגנערט אין לאַנג-פֿאַרגאַנגענער, אין אַלט-באַקאַנטער היימישקייט. אין דעם פּשטות פֿון זייערע ווערטער האָט זיך באַ מיר אויסגעפֿלאָכטן פֿילאָזאָפֿיש-מיסטישע געדאַנקען, אַז אייגנטלעך זענען זיי דאָך גערעכט דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק, מענטשן זענען דאָך ווירקלעך נישט באַ זיך אין די הענט, און אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט: „מן השמים". און דאָס האָט אַ ביסל באַרויִקט די נערוון מיינע.

זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער דירה, בין איך געזעסן און גע־שטאַנען בײַ זיך אין אַלקיר, בײַ די באַלעבאַטים אין שטוב; צוגעגאַנגען פון איין פענצטער צום צווייטן, געקוקט אינדרויסן, געזען דאָרף און היי־זער, געזען פויערים גיין, פויערים פאָרן, דאָ אַ גויע, דאָרט אַ שיקסע מיט ליידיקע און פולע עמער וואַסער, וואָס האָבן זיך אַריבערגעגאָסן פון פולקייט און באַוועגונג, און אַזוי שטענדיק האָב איך מיר געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט אומגליק גאָר קיין גרענעץ נישט, אַז וויפיל ס'איז נישט שלעכט, קאָן זיין ערגער... אומגליק האָט טיפע, טיפע אָפּגרונטן, און אין די אָפּגרונטן ווערן געשפּעסטער געשאַפן, וואָס באַגלייטן דיך אויף יעדן שריט און טריט און וואַרפן די נשמה פון איין אָפּגרונט אין צווייטן. גליק איז באַגרענעצט, פון גרויס גליק ווערט מען טעמפּ און פון גרויס אומ־גליק קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכע שלייפעריי פון געדאַנקען. גליק ווערט באַשיינט מיט בריליאַנטן, אומגליק מיט טויזנטער אויגן, וואָס קוקן דיר נאָך און זעען יעדן נערוו דיינעם און האַלטן אין שטענדיקער אומ־רויקייט דאָס האַרץ דיינס און די נשמה צאַפּלט... יאָ, אויב איך האָב ביז נעכטן קן צופאַל נישט דערוואַרט, אַז ס'קאָן זיין ערגער, האָב איך זיך נעכטן אָוונט אין דעם איבערצייגט, און ווער ווייסט וואָס מאָרגן קאָן געשען...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זיך די דריי חברה געוויזן מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס.

זיי האָבן זיך געלאָזט אַריינגיין צו לייבאַן אין שטוב אַריין און נישט באַוויזן צו עפענען די טיר, איז זיי לייבאַ אַקעגנגעקומען פון שטוב אַרויס. איך האָב געזען, אַז זיי רעדן עפּעס צווישן זיך און געזען, ווי ער ווייזט זיי מיט אַ פינגער אַהערצו אין שטוב אַריין. איך האָב געזאָגט צו מיינע באַלעבאַטים:

— קענטיק, אַז לייב ווייזט זיי אָן זיי זאָלן גיין אַהערצו.

אַלע דריי זענען צוגעגאַנגען צו די פענצטער און גערעדט לשון הרע אויף לייבאַן, מיט קנאה פון זיין חיונה גערעדט, און שוין דערפאַר אַליין, וואָס לייבא האָט יענע דריי חברה טראַנספּאָרטירט אַהער צו זיי, האָבן שוין דערפאַר אַליין די באַלעבאַטים אונזערע באַשלאָסן יענע נישט אַריינצולאָזן, און די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן אַרויסגעשיקט דעם

אַלטן אַנטקעגן זיי, ער, דער אַלטער, זאָל גיין זאָגן, אַז דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ווייערטוועגן.

אינדרויסן זענען זיי אין פירן געשטאַנען, דער אַלטער מיט אַ פּעקל־דיקער פּלייצע פון יאָרן, און דריי יונגע חברה מיט וואַנדער־פּעקלעך אויף די פּלייצעס אונטערגעבונדן מיט שטריקלעך אונטערן אָרעם און איבערן אַקסל. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך. איך האָב געזען ווערטער אין פּאַרע געטיילט... זיי זענען געשטאַנען די דריי מיט זייער גאַנץ האָב־און־גוטס אויף די פּלייצעס און איינגעטענהט מיט דעם אַלטן, וואָס איז לעבן זיי געשטאַנען און וואָס האָט מיר אויסגעזען גליקלעכער פון זיי... מיט פאַרצווייפלטע בליקן האָבן זיי באַטראַכט דאָרף און הייזער און איינס באַם צווייטן האָט אַ ציגאַר גענומען, און איינער באַם אַנדערן פאַררייכערט און אַרויסגעלאָזט פון מויל און נאָזלעכער רויך מיט פּאַרע צוזאַמען.

איך האָב געזאָגט צו דער מוטער און טאָכטער:

— זאָלן זיי אַ טראַכט טון, אפשר וועט זיך פאַר זייערטוועגן אויך געפינען פּלאַץ דאָ!

נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט די אַלטע אַרויסגעשיקט די יונגע זי זאָל זאָגן דעם אַלטן, אַז מ׳קאָן נאָך איינעם אַריינלאָזן אין שטוב אַריין. די איבעריקע צוויי, האָט די אַלטע געזאָגט, זאָל די יונגע טאָכטער אוועק־פירן צו דער עלטערער טאָכטער.

דער אַלטער איז אַריינגעקומען מיטן קרעמעניצער, און אַ קוק געגעבן אויפן קרעמעניצערס פּנים, האָט מען שוין באַ אים גאָרנישט געדאַרפט פרעגן. ער האָט שווייגנדיק אַראָפּגעהאַרפּן פון זיך דעם קלומעק, זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צום פענצטער, אַרויסגעשלעפּט אַ טיכעלע פון קעשענע און זיך צעוויינט שטיל, שטיל פאַר זיך, מיט אויגן און טרערן אין טי־כעלע אַריין, מיטן פּנים צו פענצטער און גאַס און מיט פּלייצע צו פרעמ־דער שטוב און פרעמדע מענטשן...

איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַלקיר, געטראָפן מיין פרוי ליגן אין בעט אויפן נאַכטיקן שטייגער מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און געזאָגט צו איר.

דער קרעמעניצער וויינט...

אין אַ שעה אַנדערהאַלבן אַרום זענען געקומען צו אונז צו גאַסט גאַליטיאַן נעסטעראָוויטש און איוואַן וואַסיליטש. דער לעצטער, ווי ער איז נאָר אַרייַנגעקומען, האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

וואָט פּאַלאָזשעניע!

און ער מיטן קרעמעניצער האָבן דערציילט ווי דער סאָלדאַט האָט זיי געהייסן וואַרטן אויף זיך אין דער „באָינע" (אַזוי האָט געהייסן דאָס שטעטל, וווּ דער פורמאַן האָט אונז אַראָפּגעוואָרפן, ווייל דאָרט איז אַמאָל אַ שעכט־הויז געווען). אַליין געגומען באַ זיי צו הונדערטער איז ער אַוועקגעפאָרן, ווי ער האָט זיי געזאָגט, איבעררעדן מיט וועמען מ׳באַדאַרף און דערנאָך וועט ער קומען נאָך זיי און וועט זיי אַריבערפירן. זיי האָבן געוואַרט און געוואַרט און זיך נישט דערוואַרט אויף אים...

דער גרוזין האָט געשוויגן. די אויגן האָבן באַ אים געגלאַנצט ווי באַ אַן אָדלער, ווען מ׳פּאַקט אים אַריין אין שטייג אַריין. ער איז מיט מאַסיווער שווערקייט געזעסן אין אַ ווינקל סאָפע און איין מאָל און אַ צווייט מאָל אַ גלעט געטון מיט דער גרויסער האַנט די לאַנגע געדיכטע שטייפע האָר אויף זיין גרויסן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— טשטאָ נאַם דיעלאַט?

איוואַן וואַסיליטש האָט אַרומגעשפּאַנט און שוין גאָרנישט ווי אַ קריסט געאויקעט און געקרעכצט, און פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן און זיך פאַרטראַכט אויפן קרעמעניצער.

— מיטיאַ, טי פּלאַקאַל?

און נאָכדעם האָט דער זעלבער איוואַן וואַסיליטש מיר דערציילט, אַז מ׳האָט זיי דאָרטן אין באָינע איבערגעגעבן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום נאָך אונזער אָפּפאָרן פון דער באָינע איז געקומען איינע אַ הויכע טונקעלע דאַמע נאָך אונז.

— עטאָ נאַוערנאָ יעוגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ! — האָט דער קרעמעניצער געזאָגט און אַ באַדייטנדן קוק געוואָרפן אויפן גרוזין, און דער לעצטער האָט פּלוצלינג באַ מיר אַ פרעג געטון אויף כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ, ווי אַזוי פילט זיך כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ? און נאָך אים האָבן שוין געפרעגט אויף איר דער קרעמעניצער און איוואַן וואַסיליטש. און באַקומען פון מיר אַן ענטפער, אַז זי ליגט אין בעט, האָט דער ערשטער אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג אַריינצוגיין זי באַזוכן. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַלקיר און

בעפרעגט באַ מיין פרוי, צי זי דערלויבט אַריינצוגיין מאַרק גריגאָראָוויטשן.

זי האָט אים גלייך אַ רוף געטון:

— מאַרק גריגאָראָוויטש!

איך האָב פאַרבעטן די קריסטן, אַז אויב זיי ווילן, קאָנען זיי אַריינגיין.

זי האָט אַלעמען געבעטן זיצן, און די דריי געזונטע מענער האָבן זיך קינדעריש געפילט אין דער געגנוואַרט פון דער שוואַכער פרוי. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט ווי די דריי מענער זענען באַאיינפלוסט פון איר טאַקטיש האַלטן זיך, פון איר צערטלעכקייט, וואָס זי האָט צו יעדן פון זיי באַוויזן, צו זייער מאַנסבילשער הילפלאָזיקייט, און די דריי הילפלאָזע גבורים האָבן עס קענטיק געשפירט און זיך פאַרהאַלטן צו איר מיטן גרעסטן רעספּעקט און שטאַרק זיך געקימערט פון איר שוואַכן געזונט־צושטאַנד.

— מיר האָבן באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק, — האָט דער גרוזין געזאָגט צו מיין פרוי, און אין אַ ווײַלע צוגעגעבן:

— אובּיוט! קאַק סאָבּאַקוּ אובּיוט!

און איוואַן וואַסיליטש האָט געאויקעט און געקרעכצט:

— וואָט פּאַלאָזשעניע!

— יערונדאַ! — האָט דער קרעמעניצער פּלוצלינג אויסגערופן.

איוואַן וואַסיליטש האָט מיט פאַרדראָס געקוקט אויף מיטיען:

— דו, מיטיאַ, ביסט ווי אַ קינד אַקוראַט. אָט ווייסטו און אָט איז באַ דיר גאָר יערונדאַ! לאָמיר זען דו זאָלסט מיטגיין מיט אונז?

— אָ, מיך וועט מען זיכער הרגענען אויפן וועג. אייך, אַלס קריסטן, וועט מען לאָזן לעבן, און מיך וועט מען הרגענען.

און איז האַרט צוגעגאַנגען צו איוואַן וואַסיליטשן און געזאָגט, אַז אייגנטלעך האָט ער, איוואַן וואַסיליטש, שוין גאָר קיין רעכט נישט זיך צו בייזערן, ווייל אויף אים, איוואַן וואַסיליטשן, ליגט די גאַנצע שולד פאַר אַלע צרות און יסורים וואָס מיר לעבן דאָ איבער:

— טי, איוואַן וואַסיליטש, ווינאָוואַט!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ביידע האָבן זיך צעקריגט, און דער גרוזין האָט זיי ביידע אָנגענומען פאַר די קעלנער און זיי אַרויסגעשטופּט פון אַלקיר אַרויס. איך בין אַרויסגעגאַנגען נאָך זיי, זעענדיק, אַז די פרוי

מייגע האַלט באַם אַנטשלאָפן ווערן, און הינטער זיך פאַרמאַכט דאָס האַלבע טירל. געלאָזט זיי זאַלבעדריט אין שטוב, בין איך אַליין אַריינגע־גאַנגען צו די באַלעבאַטים אין אַלקיר אַריין.

אַ געמיטלעכע רויקייט פון עלטער און יאָרן. איך האָב מקנא גע־ווען דאָס אַלטע פּאָר פאָלק, וואָס זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעלעבט, וואָז זייערע אָפּגעלעבטע יאָרן קאָן שוין באַ זיי קיינער נישט צונעמען. איך האָב זיי מקנא געווען, וואָס זיי זענען באַ זיך אינדערהיים, באַ זיך אין שטוב, מקנא געווען, וואָס זיי זענען פון ערגעץ נישט געקומען און באַ־דאַרפן אין ערגעץ נישט פאָרן.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק איז געזעסן אויף די בעטן איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, און צווישן זיי און צווישן די בעטן איז געשטאַנען אַ טישל באַם פענצטער, אויפן טישל אַ מאַשין און אויף דער מאַשין האָט די טאָכ־טער זייערע געניט „גוישע אַרבעט״.

אַלע דריי האָבן מיך געבעטן זיצן. אַלע דריי האָבן זיך געכאַפּט פאַר מיינעטוועגן פּלאַץ צו מאַכן. אַוועקגעזעצט זיך לעבן אַלטן אויפן בעט, געקוקט אויף אים, הנאה געהאַט פון זיין אַלט יידיש פּנים מיט דער ווייַ־סער גרויער באָרד און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס:

— באַ אייך איז דאָ אַ בהמה?

יאָ, זיי האָבן געהאַט צוויי בהמות, האָבן איינע די פּאָליאַקן באַ זיי אויפן „פּאָדוואָר״ געקוילעט און די איינע, וואָס איז זיי געבליבן, איז קעלביק...

זיי האָבן געהאַט — וואָס האָבן זיי נישט געהאַט? שענערע באַלע־באַטים פון לייבאָן געווען... דער אַלטער האָט מיט וואַלד געהאַנדלט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געהאַט אין וואַלד צוויי הונדערט קלאַפטער האָלץ גרייט צום אַרויספירן. דאָס האָלץ איז פאַרבליבן אין וואַלד און די פּאָליאַקן און די גויים פירן אַלע טאָג דאָס האָלץ זיינס אין שטאָט, אין דאָרף. ס'איז שוין מסתמא גאָרנישט געבליבן.

— איר זענט דאָך דורכגעפאָרן דעם וואַלד, האָט איר נישט זאַמע־טיעט אויסגעלייגט האָלץ אין קאַסטרעס ליגן? דאָס איז מיין האָלץ! — האָט דער אַלטער מיט זאָרג און גרויסקייט פאַרענדיקט, און די טאָכטער האָט דרייענדיק די מאַשין באַ מיר אַ פרעג געטון:

— ס'וועט אַמאָל נעמען אַ סוף צו דעם?

דאָס אַלטע פּאָר פּאַלק האָט פאַר מיר געענטפערט:

— דאָס ווייסט נאָר „ער״... דער חי וקים! — און גאָר פלוצלינג האָט מען זיך ווידער צערעדט פון לייבאָן, פון לייבאָס חייב און פון זייער „מחיה״.

— ער איז אַ פּראָסטער, אַ פּראָסטאָק, — האָט דער אַלטער מיט אַ דגש אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט — און זי איז אַ פּאָראָסקא.

— אַלא וואָס, די מחיה זייערע?... די נשמות זייערע זענען שטענ־דיק צו די גויים פאַרקויפט.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן איידעלן ייד, פאַר אַ למדן, און דערוווּסט זיך, אַז ער איז אַ מנקר, האָב איך מיך צערעדט מיט אים וועגן „גיד הנשה״, ווי ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו באַווייזן פאַר מיר זיין גאַנצע בקיאות אין דער אַרבעט פון „זאַדקעס״ טרייבערן... ער האָט אָבער איינצייטיק נישט געוואָלט, אַז איך זאָל מיינען, אַז ער האָט זיך ווען־עס־איז מיט דער אַרבעט פאַרנומען. ס׳האָט אים קיינמאָל נישט געאַרט, זאָלן די ערלים הנאה האָבן פונם אחור, און איצט?

— איצט קושן יידן אין אחור...

ס׳איז נאָך געווען גרויסער טאָג ווען דער אַלטער, נישט־האָבנדיק וואָס צו טון, האָט זיך געשטעלט דאַווענען. דערהערט דעם באַקאַנטן נוסח, האָט אַ פיינלעכע בענקשאַפט דורכגענומען דאָס גאַנצע ווזן מיינס... איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאַוון איך אויך נישט... איך גלייב נ״שט?... און אַז ס׳האָט ווער אַ שטימע און גיסט אויס געפילן זיינע אין זינגען, גלייבט ער דען אין עפּעס?... ווען ס׳שטאַרבט בײַ עמעצן אַ נאָענטער, און ער דערמאָנט טאָג־טעגלעך זיין נאָמען, מיינט ער דען דער־מיט אים פון קבר אויפהייבן? און אַז בײַ מיר איז דער גלויבן געשטאָרבן און פון גלויבן זענען געבליבן ווערטער, געבליבן אין די טיפסטע טיפע־נישן פון מיין נשמה איינגעקריצט, טאָר איך זיי די ווערטער נישט זאָגן?

וידבר ה׳ אל משה לאמר...

מיין שטימע מיטן אַלטנס באַהעפט... מיט איין נוסח, און אַוועקגע־טראָגן האָט עס מיך אין אַ גאַנצער וועלט פון מיר לאַנג פאַרשוווּנדע־נער, איבערגעטראָגן צו צייט פון קינד און יוגנט, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מיין קערפּער האָט ווינציקער וואָג באַקומען און מיין נשמה איז דורכזיכטיק געוואָרן, פּונקט ווי אַ שטוב ווען מען צעעפנט נאָכן ווינטער־

שיר און פענצטער... מיט ליבע פון נאָענטע ווערטער פרייע געדאַנקען פאַרשלעפּערט ...ון הארץ איינגעהילט אין וואַרעמען גלויבן פון אומפאַר־שטענדלעכער געטלעכער גרויסקייט...

אָפּגעדאַוונט, בין איך אַריין אין שטוב, געטראָפן די דריי לייט שפּילן „אין פינף הונדערט איינס". איך האָב געקוקט אויף זיי ווי אויף ווייטע פרעמדע פון מיר, דערנאָך בין איך אַריינגעגאַנגען צו מיין פרוי און ווי א טאַטע ארויפגעלייגט מיין האַנט אויף איר הייסן קאָפּ:

— זאָרג נישט, חיהלע, מיר וועלן אַריבער, איך גלייב, אַז מיר וועלן אַריבער...

* *
*

ס'האָט געברענט אין הרובע, איך בין געזעסן אויף א שייט האָלץ און אין פייער געקוקט. לעבן מיר איז געזעסן די פרוי מיינע מיט א פאַר־בונדענעם קאָפּ און האָט מיר א לאַנגן חלום אירן דערציילט. איך האָב זי אויסגעהערט, און אַלץ צום גוטן פותר חלום געווען. זי האָט געוואָלט גלייבן און געגלייבט, אַז ווען די מוטער אירע קומט צו חלום, איז א סימן צום גוטן.

בין איך געזעסן אַנטקעגן וואַרעמקייט און ליכטיקייט, מיט דער פּלייצע צו פינצטערניש, מיט העלדישער באַשלאָסנקייט, אַז וואָס עס זאָל נישט טרעפן מיט אונז, זאָל רעכט זיין... איינמאָל לעבט מען און איינמאָל שטאַרבט מען.

ס'איז שוין געווען רעכט פינצטער און אין שטוב האָט מען נאָך אַלץ קיין פייער נישט אָנגעצונדן. עס האָט קיינער נישט געהאַט וואָס צו טון און מען האָט זיך אין פייער נישט גענייטיקט. א שטיק פּאָדלאָגע איז געווען פון דער הרובע באַלויכטן און מען האָט געזען פיס פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט הין און צוריק אויף דעם ליכטיקן שטיק פּאָדלאָ־גע. אויף א באַנק איז געזעסן דאָס מיידל נישט ווייט פון אונז און גע־שיילט קאַרטאָפליעס אויף וועטשערע, און דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק זענען איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן געזעסן און געוואָרקעט צווישן זיך. דער קרע־

מעניצער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב אין אַלקער און גע־שוויגן, און איך בין געווען צופרידן, וואָס ער שווייגט.

מיט ווינט און קעלט האָט זיך די טיר פון גאַס געעפנט און אַראָפּ־געשפּרונגען זענען פון דער הויכער שוועל איינס, צוויי.

איינער אַ הויכער, מיט אַ ראַזירטער באָרד און וואָנסעס, דער צווייטער, אַ יונג בחורל, קירצער מיט אַ קאָפּ פון דעם ערשטן. דער הוי־כער האָט אונז אַלע דריי די האַנט געגעבן, ווי ער וואָלט אונז שוין לאַנג געקענט, און דער קלענערער האָט אים נאָכגעטון. מיר האָבן זיך גלייך דערוווּסט פון זיי, אַז די זעלבע צרה, וואָס אונז האָט געטראָפן, האָט זיי אויך געטראָפּן. ערשט אַ פּאָר שעה, אַז זיי זענען געקומען פון דער „זאַ־סטאַווע". דער גרויסער בחור איז אַ וואַרשעווער און פּאָרט קיין וואַרשע, דער קלענער איז אַ ראַוונער און פּאָרט קיין ראַוונע.

אַנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָבן מיר זיך מיט די נייע געסט באַזעצט באַם טיש. דער וואַרשעווער האָט אונז גלייך באַוויזן זיינס אַ פּוילישן פּאַס, ווו עס שטייט שוואַרץ אויף ווייס געשריבן, אַז ער איז אַ וואַרשעווער, אַז ער איז אַ פּוילישער אונטערטאַן, און פילע שטעמפּלען אויפן פּאַס באַוויזן פון פאַרשידענע קאָנסולן, פון פאַרשידענע מלוכות און מלוכהלעך.

— און מעך האָט מען עס נישט אַדורכגעלאָזט!

מיר האָבן אים באַוויזן אונזערע פּאַפּירן, נאָר וואָס פּאַר אַ פּאַפּירן איז עס געווען אין פאַרגלייך מיט זיין פּוילישן פּאַס, מיט די שטעמפּלען, גרויס ווי לבנהס.

ער האָט געליאַרמט אָט דער פּוילישער מיט זיין פּוילישן אַקצענט, און באַ יעדער פראַזע באַנוצט דאָס וואָרט:

— פּאָנימאַיעטע?

געזען אונז אין דרייען, האָט ער געפרעגט, ווו זענען נאָך צוויי אונזעריקע. נאָך איידער ער איז געקומען צו אונז, האָט ער שוין געוווּסט, אַז מיר זענען אין פינפן.

— יענע צוויי זענען קריסטן?

ער האָט זיך געפילט אין דער פרעמדער שטוב ווי באַ זיך אין דער היים, און מיט די נאָר וואָס באַקאַנטע מענטשן ווי ער וואָלט זיי שוין יאָרנלאַנג געקענט. ער האָט גלייך געקלאַפּט דעם קרעמעניצער אין אַקסל

אריין, ער זאָל נישט זאָרגן, דער קרעמעניצער, מיר וועלן אריבער, מיר וועלן אַלע אַריבער.

ער האָט צו אַלעמען גערעדט און צו יעדן באַזונדער, געוואָלט אַלע זאָלן אים אויסהערן. ער האָט זיך פאַר יעדן זיין שפּראַך געהאַט. ער האָט באַ אַלעמען געוואָלט אויפנעמען און זיך געפּלייסט אָפּצוגעבן כבוד דעם אַלטן פאַר פאָלק, וואָס זענען אויך באַם טיש געזעסן. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב דרך־ארץ פאַר עלטער!

און דאָס איז שוין באַ אים אַ טעמע געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז עלטערע מענטשן זענען קליגער, און אַ ביישפּיל געבראַכט פון אַן אַלטן דאָקטאָר מיט אַ יונגן; אַלע ווייסן, אַז אַן אַלטער דאָקטאָר ווייסט מער פון אַ יונגן, דערפאַר וואָס דער אַלטער דאָקטאָר האָט מער פּראַקטיקע, און פאַרענדיקט וועגן דעם, האָט ער אַ פרעג געטון באַם אַלטן:

— נישט אַזוי, זיידע?

מיך האָט שוין זייער אָנגעהויבן צו נודען פון דעם פאַרשוין. אָפּגעגאַנגען פון טיש און פאַרקוקט אין הרובע אריין, האָב איך געזאָגט:

— דאָס פייער האָט אויסגעפּראַקטיקירט דאָס האָלץ, דאָס האָלץ האָט אויסגעפּראַקטיקירט דאָס פייער, דאָס האָלץ האָט שוין אויסגעברענט און דאָס פייער גייט אויס.

איך האָב פּשוט געוואָלט מאַכן אַ פּאַראָדיע אויף זיין נודנער פילאָזאָפיע, אָבער דער וואַרשעווער האָט אין די ווערטער געפונען טיפע רמזים און ער האָט ווירקלעך עפּעס אויסגעדרייט דערפון. דאַן האָב איך מיך פאַרטראַכט און געמאַכט אַן ערנסט פּנים, האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ מעפיסטאָפלשער פּאָזע און געזאָגט:

— קוקט: וועגט, פענצטער... סטעליע, פון אויבן אַ דאַך... און דאָס הייסט אַ שטוב... איצט דערקלערט מיר, פּאַניע וואַרשעווער, וואָס הייסט אַזעלכעס אַ בוידעם?... פון אויבן, ווייסן מיר, איז דאָ אַ דאַך מיט קראַקוועס, אַ קוימען אין דער לינקער זייט פון אונזער סטעליע; אַ יאָ, מער איז דאָרטן גאָרנישטאָ? און דאַך זענען מיר אַלע זיכער, אַז איבער אונדז איז דאָ אַ בוידעם... עפּעס גאָר אַ באַזונדערע זאַך... אַ בוידעם... אַז איר טראַכט וועגן בוידעם, טראַכט איר נישט וועגן דאַך און וועגן די קראַקוועס... בקיצור: וועגן בוידעם האָט איר גאָר אַ באַזונדערן באַגריף, ווי

וועגן אַ גאַנץ באַזונדערער זעלבשטענדיקער זאַך... ריכטיק? נו, טאָ דערקלערט־זשע מיר, וואָס איז דאָס? . .

ער האָט געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט וואָס איך מיין. אַז איך מיין אייגנטלעך נישט דעם בוידעם, אַז איך מיין דאָ גאָר עפּעס אַנדערש, אָבער ער וועט מיר איצט נישט זאָגן, וואָס איך מיין, ווייל איצט איזשוין שפּעט און מ׳וואַרט דאָרטן, אויף דער סטאַנציע, אויף זיי מיט „קאָליאַציע". ער וועט מיר שוין אַ צווייט מאָל דערויף ענטפערן.

נאָך זייער אַוועקגיין האָט דאָס מיידל פאַרשפּרייט אַ האַלבן טיש מיט אַ גראָב טישטוך און דערלאַנגט דריי שיסעלעך מיט קאַרטאָפליעס. אונזערע באַלעבאַטים האָבן באַזונדער געגעסן בײַ זיך אין אַלקיר און טיי האָבן מיר געטרונקען צוזאַמען. מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ ביסעלע ווי־סאָצקיס טיי און בראָדסקיס צוקער. וואָס איז שוין אַ פּאָר יאָר געלעגן בײַ אונז. געטיילט אַלעמען צו שטיקלעך צוקער, האָבן די באַלעבאַטים געדאַנקט און דער קרעמעניצער, באַפּאַרבט פון עסן און טרינקען, האָט איינמאָל און אַ צווייט מאָל באַטראַכט דאָס שיינע פּירקאַנטיקע שטיקל צו־קער און געזאָגט:

„טשאַי וויסאָצקאַהאָ, סאַכאַר בראָדסקאַהאָ, באַלשעוויזם טראָצקאַהאָ".

פרייטיק, 30־סטן יאַנואַר.

אָנגעשריבן אַ פּאָר בריוו קיין אָליעווסקי. נעמען געכאַפּט און גע־שריבן. אויף דער נייער דירה האָט מען אונז געראָטן שרייבן צו איינעם פריילעכמאַן, בײַ וועמען איז שטוב עס געפינט זיך די זשאַנדאַרמעריע. דאָס מיידל האָט געזאָגט, אַז דאָרטן אין שטוב, בײַ דעם ישראל פרעה־ליכמאַן, איז פאַראַן מיידלעך און אַז די מיידלעך קאָנען מיט דער חברה אַלץ מאַכן. מיר האָבן וועגן דעם איבערגעגעבן יענע צוויי בחורים און יענע האָבן אויך אָנגעשריבן צוויי בריוו צו דעם זעלבן פרעהליכמאַן און אַלע צוזאַמען האָבן מיר געדונגען אַ ספּעציעלן שליח און אַוועקגעשיקט די בריוו אונזערע צו ישראל פריילעכמאַן.

באַטאָג זענען זיך אַלע צונויפגעקומען, די צוויי קריסטן און די צוויי

בייע געסט. די ערשטע האָבן שוין גאָרנישט געטראַכט וועגן אַריבערגיין די גרענעץ. זיי האָבן שוין דורכויס געטראַכט וועגן אומקערן זיך צוריק קיין קיעוו. זיי האָבן, הייסט עס, געטראַכט וועגן אַזעלכעס פון וואָס מיר, יידן, האָבן נישט געקאָנט טראַכטן און דערפאַר אַליין האָבן מיר, יידן, געמוזט אָנשטרענגען די גאַנצע ענערגיע ווייטער צו פאָרן. דאָס האָט געהייסן אַזוי: זיי, די קריסטן, האָבן געמוזט פאָרן צוריק, ווייל זיי האָבן דאָך ווייטער נישט געקאָנט דערגרייכן, און מיר, יידן, האָבן געמוזט פאָרן ווייטער, ווייל מיר האָבן נישט געקאָנט דענקען וועגן „צוריקצוג". האָבן מיר מקנא געווען די קריסטן און די קריסטן האָבן מקנא געווען אונז, די יידן. מיר זענען געווען זיכער, אַז זיי, אַלס קריסטן, וועלן זיך קאָנען בשלום דערשלאָגן צוריק קיין קיעוו, אין וואָס זיי אַליין זענען נישט זיכער געווען, און זענען געווען זיכער, אַז מיר, אַלס יידן, וועלן זיך מיט דער הילף פון די יידן פון שטעטל זיך קאָנען ווייטער דערשלאָגן, אין וואָס מיר, יידן, זענען נישט געווען גאַנץ זיכער. אַזוי צי אַזוי, איז דער סך הכל געווען אַזעלכער: די יידן קערן זיך נישט צוריק און די קריסטן זענען זיכער, אַז זיי וועלן זיך ווייטער דערשלאָגן, און די יידן זענען געווען איבערצייגט, אַז די קריסטן וועלן בשלום קומען צוריק צהין פון וואַנען זיי זענען געקומען.

ס'איז נישט געווען וואָס צו טון, האָט מען געשפילט אין קאָרטן. מ'האָט געשפילט פאַרשידענע שפילן אין קליין געלט, אַבי די צייט צו פאַרטרייבן, דערביי פיל גערעדט און פיל גערייכערט. נמאס געוואָרן איין שפיל, געשפילט אַ צווייטע. נמאס געוואָרן אַלע אין איינעם, האָט מען געשפילט אין פירן, האָט מען געשפילט אין דרייען, אין צווייען, ביז ס'איז אַלעמען מיט אַלעמען און יעדן באַזונדער מיט יעדן באַזונדער נמאס געוואָרן צו שפילן, נמאס געוואָרן די קאָרטן, ביז זיי זענען געבליבן באַם וואַרשעווער אין די הענט, און ער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן פאַרשידענע קונצן, וואָס האָבן בא אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פאַרוווּנדערונג און דער קרעמעניצער איז גאָר דערפרישט געוואָרן לעבן וואַרשעווער. ער האָט דערציילט פיל אַנעקדאָטן און עפעס אַ לאַנגע נודנע געשיכטע פון איינעם אַ „קלוגן" „דיאַדיאַ", וואָס האָט אַמאָל געגעבן אַ טעלעגראַמע צום פאָטער צו זיינעם אין קרעמעניץ.

— דער דיאַדיאַ דיינער — האָט איוואַן וואַסיליטש געזאָגט, — איז אַזוי קלוג, ווי דער פּלימעניק זיינער.

דער גרוזין האָט געזאָגט, אַז די געשיכטע מיט זיין דיאַדיאַ האָט אים דערמאַנט אָן אַ רעטעניש, וואָס אַן אַרמענער פרעגט: גרין געפאַרבט, ס'הענגט אויף אַ בוים און ס'קוויטשעט, וואָס איז דאָס? מיר האָבן אַלע געטראַכט און נישט געוווסט וואָס דאָס איז.

— אַ הערינג!

— אַ הערינג הענגט אויף אַ בוים?

— קאָן מען אים אויפהענגען.

— אַ הערינג איז געפאַרבט?

— קאָן מען אים אָפפאַרבן.

— אַ הערינג קוויטשעט?

— עהע, דאָס איז די גאַנצע קונץ, נישט טרעפן דאָס רעטעניש!

און סוף כל סוף איז דאָס אויך נמאס געוואָרן און מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו צעקריכן, דער אַהער, דער אַהין. איינער איז געשטאַנען, אַ צווייטער איז געזעסן, אַ דריטער — האָט זיך אַרומגעדרייט. דער וואַרשעווער איז האַרט צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט, וואָס איך שווייג. ער האָט באַמערקט, אַז איך בין אַ שווייגער און געוואָלט מיך אַריינשלעפּן אין אַ געשפּרעך. האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן מיר זאָגן, וואָס איך האָב גערכטן געמיינט מיט דער שטוב און מיטן בוידעם, אָבער געזאָגט האָט ער מיר נישט, און געוואָלט האָט ער איך זאָל וויסן, אַז ער מאַכט זיך נאַר נאַריש פון לאַנגווייליקייט און אויב איך האָב עפּעס צו זאָגן, בעט ער מיך איך זאָל זאָגן, ער וועט מיך פאַרשטיין.

איך האָב געשוויגן און ער האָט זיך אַזוי פאַמעלעכקע אָפּגערוקט פון מיר, איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיין פרוי אויף דער ברייטער באַנק. וואָס איז געשטאַנען מיטן ברעג טיף איינגעשניטן אין דער הרובע. זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער פאַרפירט מיט איר אַ געשפּרעך און ווידעראַמאָל וועגן מיר — וואָס איך בין אַזאַ שווייגער און צי בין איך תמיד אַזאַ שווייגעדיקער.

פון די שטוב-מענטשן האָט זיך נאָר דער אַלטער פון צייט צו צייט באַוויזן. באַם אַלטן זענען געווען רויט די באַקן פון דעם הייסן קאַרענעם פּלעצל, וואָס ער האָט אויפגעגעסן. ער איז אַמאָל צו איינעם, אַמאָל צום

צווייטן פון אונזעריקע צוגעגאַנגען מיט אַ שטיקל ציגאַר־פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט די פינגער פון ביידע הענט און געבעטן מ'זאָל אים אָנשיטן טאַבאַק, וואָס יעדער איינציקער האָט אים גערן געגעבן, ווייל די מציאה איז אין דאָרף געווען איבער גענוג. אַזאַ טאַבאַק האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געררייכערט; גרינג צום פּאַרציען ווי שטרוי, און אויף דער מראה האָט ער אויסגעזען ווי סיטשקע. אין דינעם ציגאַר־פּאַפּיר האָט מען אים נישט געקאָנט איינוויקלען, ווייל וויקלענדיק האָט געמוזט ווערן עטלעכע לעכלעך פון די האַרטע, שטייפע שטיקלעך און מ'האָט געמוזט וויקלען אין צוויי שטיקלעך ציגאַר־פּאַפּיר, און צום גלייכסטן איז געווען גאָר אין אַ פּראָסט שטיקל פּאַפּיר. דער מין טאַבאַק ווערט גערופן „בודיליע". דאָס ווערט געבראָקט פון די סטויפּעס, אויף וועלכע עס וואַקסן די מאַכאָרקע־בלעטער. און דערפאַר, ווייל ער איז לייכט געווען צום פּאַרציען, האָט עס בא קיינעם נישט געזעטיקט דעם דורשט פון רייכערן און דערפאַר האָבן אַלע אָן אויפהער געררייכערט.

דער גרוזין איז, קענטיק, קיינמאָל נישט געווען אין קיין יידישער שטוב און אין זיין לעבן מסתמא נישט געזען אַזעלכע יידן, ווי דער אַלטער. ער האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אים און האָט אַלעמאָל געזוכט צו פּאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אויפמערקזאַם אים אויסגעהערט און איינגעקוקט זיך אין אים מיט אויסדרוק פון גוטמוטיקייט און שמייכלענדיקע אויגן.

— דיעדושקאַ, יעסט באָך? — האָט ער איינמאָל בא אים אַ פרעגעטון.

דער אַלטער האָט ברוגזדיק געענטפערט:

— בא מיר איז דאָ, בא דיר ווייס איך נישט.

— טאָ פּאַרוואָס זשע לאָזט ער מענטשן אַזוי זיך מוטשען אויף דער וועלט.

— אַ קינד פּאַרשטייט קיינמאָל נישט דעם פּאָטער, פּאַרוואָס ער שמייסט עס?

דער גאַנצער עולם איז אַזוי לאַנג געזעסן, ביז דאָס מיידל איז אַריינגעקומען מיט אַ בעזים און מיט אַ טאָפּ פּאַרבלויטן קאַלך, פונוואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ בערשטל, און גענומען שבת מאַכן אין שטוב: אויסגעקערט אַ גאַנצן באַרג מיסט מיט שטיקלעך ציגאַרן, האָט די „אונ־

טערגעשמירט" איין וואנט און א צווייטע, צוגעשמירט די הרובע, וואס איז פאר דער וואך אפגעריבן געוואָרן פון הענט און פלייצעס. דער אַל־טער האָט אין דער צייט אויסגעשפרייט אַ גראָב טישטוך אויפן טיש און אוועקגעשטעלט פיר מעשענע לייכטער און אַנגעשטעקט ליכט. פאַרנאַכט זענען זיך צונויפגעקומען אַלע יידן פון דאָרף אין שבתדיקע קאַפּאָטעס און מ'האָט מיך מכבד געווען מיט „עמוד". נישט געטראַכט קיין סך, האָב איך אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם טלית, וואָס איינער אַ ייד האָט מיר אונטערגעטראָגן, צוגעגאַנגען צום טיש, צו די לייכטער מיט די ליכט און מיט קנאַק אַ זאָג געטון:

— הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו!

אין אַנצן זיך צונויפגעגאָסן מיטן סידור, מיט באַקאַנטע, נאָענטע, ליבע אותיות, מיט שבת, מיט לייכטער, מיט ליכט, מיט יידן, מיט מיינס, מיט אייגנס. איך האָב געדאַווענט פאַר זיך און פאַרן עמוד...

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען קידוש מאַכן אויף ברויט, דאָס האָט מיך שטאַרק געקרענקט, אָבער דעם אַלטן האָט עס, זעט אויס, שוין נישט געאַרט. ער האָט מיט גרויס כוונה און התלהבות גע־זאָגט יעדעס וואָרט און פונקט ווי אַמאָל פון חלה, געטיילט המוציאס פון ברויט, דעם ווייב, דער טאָכטער, נאָכדעם אונז, מיין פרוי און דעם קרע־מעניצער המוציא...

שבת, 31־סטער יאַנואַר.

נאָך האַלבן טאָג האָט בא מיר די שבתדיקע שטימונג אָנגעהויבן צו פאַלן, אַ גרויסער אומעט האָט מיך באַהערשט... ווי אַ נשמה, וואָס מ'טרייבט שבת פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרויס צוריק אין גיהנום אַריין אויף פיין און יסורים, אַזאַ מין אומעט האָט מיין נשמה דורכגענומען שבת נאָך האַלבן טאָג... אין מיר האָט זיך אַ טיפער אָפּגרונט געעפנט, ווי פון וועלטן חרוב־געוואָרענע, אַן אָפּגרונט פון ליידן און נשמה־יסורים. אין דער ברייט־קייט און טיפקייט פון אָפּגרונט האָב איך געטאַפּט אייביקייט און אומזין, צונויפגעגאָסן זיך מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער אומ־ענדלעכער צוקונפט. ס'האָט מיך געפיבערט. פון זיך אַליין איז די קעלט געגאַנגען טיף ערגעץ פון מיין נשמה, און האָט זיך איבערן לייב צעגאָסן. קאַלט. נישט געקאָנט זיך באַם הייסן אויוון דערוואַרעמען. ס'האָט מיר

מיינע פיס געטרייסלט, ווי די נשמה וואָלט מיך פאַרלאָזט און ווי ס'וואָלטן זיך אין מיר נישט-גוטע אַריינגעכאַפּט. ס'האָט מיט מיר געוואָרפן.

איינער אַליין אין אַ שטוב מיט נאָך האַלב-טאָגיקן שבת. קאַלטע לייכטער אויפן טיש. ס'איז שטיל. אַלע שלאָפן און מיך אַליין מיטן פאַרנאַכטיקן שבת געלאָזט. איינער אַליין אין אַ שטוב, איינער אין אַ דאָרף, איינער איבער אַ גאַנצער געגנט...

און ס'איז קיינער נישט געקומען, ווייל ס'איז שבת, ווייל שבת קאָן מען נישט רייכערן און נישט שפּילן אין קאָרטן, ווייל ס'איז שבת זענען די קריסטן נישט געקומען און דער קרעמעניצער איז אַוועק צו זיי.

אין שבתדיקן שלעפעריקן אומעט אין שטוב איז דער שבת געווען פאַרזונקען און האָט מיך אין דעם אומעט געפאַנגען, האָט מיין נשמה אין שווערע קייטן געבונדן. מיר האָט זיך געגלוסט אַ פּאַפּיראָס צו רייכערן, אָבער איך האָב מיך דערפון אָפּגעהאַלטן. ווי פרייגעזאָגענע האַלטן זיך איין נישט צו רעדן הויך געפינענדיק זיך לעבן אַ טויטן, און ווייסן נישט פאַרוואָס זיי טוען עס, אַזוי האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, וואָס מיך האַלט אָפּ פון נישט צו רייכערן.

זונטיק, 1-טן פעברואַר.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך איבערן דאָרף אַרומגעדרייט פּוילישע זעלנער, אַרומגעדרייט זיך ווי בײַ זיך אינדערהיים, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געכאַפּט וואָס ערגעץ האָט זיך געלאָזט געניסן. אייניקע פון זיי האָבן אויך אין אונזער שטוב פאַרבלאָנדזשעט און יעדער פון זיי האָט געפונען פאַר אַ הייליקן חוב זיך אויסצופרעגן בײַ אונז ווער מיר זענען, פונוואַנען מיר פאָרן און וווהין מיר פאָרן. מיר האָבן געוויזן אונזערע פּאַספּאָרטן און פּאַפּירלעך, און דער וואַרשעווער, וואָס איז בײַ אונז מער געזעסן ווי בײַ זיך, האָט מיט זיי אויף פּויליש גערעדט, פאַר זיך גערעדט און פאַר יענע, וואָס האָבן נישט געקאָנט רעדן פּויליש. באַוויזן זיי זיין פּוילישן פּאַס מיט די לבנהס און גערעדט דרייסט מיט זיי אויף זייער שפּראַך, זענען אייניקע פון זיי מבולבל געוואָרן און שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען.

ס'איז געווען זייער אַ שיינער טאָג. די זון האָט געשיינט און האָט שוין געוואַרעמט. ס'האָט גערונען פון די שטרויענע דעכער, ס זענען געפאַלן די „צאַפּליאַקעס" פון די סטריכעס און מיט גלעזערנעם קלאַנג צע-

בראָכן און צעשיט געוואָרן. אייניקע ביימער זענען געווען פול באַשיט מיט פייגעלעך און ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַזוי ווי די שוואַרצע, טויטע ביימער זענען באַשאָטן מיט לעבעדיקע, באַוועגלעכע, פּישטשענדיקע פּירות.

אין דאָרף איז געווען אַ פּאָר חתונות און נאָך פון פאַרטאָג אָן האָט מען געהערט פון דרויסן אַן איינטאָניק האַליאַקעריי, דאָס סקריפּען איין מאָטיוו אויף כריפּענדיקע פידלען און דאָס באַראַבאַנעווען אין די פּייק־לעך געמישט מיטן צוקלאַנג פון די מעשענע טעצלעך.

מחותנים און מחותנטעס זענען געפאָרן הין און צוריק אויף שליטנס, געזעסן אָדער געשטאַנען אין שליטן געפּלאַכטן איינס אין דאָס אַנדערע מיט די הענט אויף די אַקסלען. די שליטנס זענען אָממייסטן געווען גע־שפּאַנט מיט אָקסן, אָלץ, אָנהייבנדיק פון די אָקסן, איז געווען באַצירט און באַפּוצט מיט פאַרשידנפאַרביקע פּאַפּירלעך, כלומרשט אויסגעאַרבעט ווי קווייטן. יונגע גויקעס און שיקסעס באַהאָנגען און באַקלאַנגען מיט פאַרשידענע פּאַצערקעס און קאָרעלן פון פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן און הינטן איז נאָכגעהאָנגען פילפאַרביקע סטענגעס, וואָס האָבן זיך ווי שלענג געוואָרפן אין דער לופט.

זיי זענען געפאָרן הין און צוריק מיט זייער דאָרפיש פאָרעכטס, דאָרפיש זינגען און דאָרפיש שפּילן, געזונגען און געשפּילט איין מאָטיוו, צווויפנגאָסן פידל־קול מיט מענטשן־קול, כריפּענדיקע, הייזעריקע, צוגע־קילטע, שכורע. נאָך די שליטנס, נאָך דער חתונה זענען נאָכגעלאָכן גרע־סערע און קלענערע שקצימלעך און אין זייערע פּנימער איז געווען צו דערקענען, אַז זיי ווילן גאַרנישט פון יענע, וואָס זיצן און שטייען אין די שליטנס, אַז זיי ווילן נאָר נאָכלויפן.

אַ פּאָר פוילישע אורחים האָבן זיך צוגעשאַרט צו איינער און אַ צווייטער חתונה און אינדרויסן געטאַנצט מיט די שיקסעס. די פּויערים, סיי די יונגע, סיי די עלטערע, האָבן זיך געהאַלטן פונוויטנס פון די אומגעבעטענע געסט, האָבן זיי נאָכגעגעבן, וואָס זיי האָבן געוואָלט און זיך געהאַלטן פונוויטנס, ווי פילאָזאָפיש באַטראַכט די פוילישע היליאַקעס, וואָס זענען געקומען זיך אָנזויפן און אָנטרינקען און כאַפּן אַ „האָצקע" מיט אַ „דיווקאַ", דערביי זייענדיק נאָכגעביק און גלייכגילטיק צו דער אייגענער שפּראַך און זיך געבראָכן די צינגער צו רעדן מיט דער שפּראַך,

וואָס די אורחים רעדן און ס'האָט זיך באַקומען אַ געמיש פון אוקראַיניש, פויליש און רוסיש. איך האָב רחמנות געהאַט אויף די פויערים, וואָס זיי זענען געבליבן אָן אַ פירער, געבליבן פריי אָן אַ פירער און דאָך די זעלבע קנעכט.

מיר זענען אַלע געווען אינדרויסן, צוגעגאַנגען פון איין שטוב צו דער צווייטער און געקוקט ווי מ'פּראַוועט די חתונות אונטערן פרייען הימל, באַ זיך אויפן „פּאָדוואָר" (ווייל די שטיבלעך זענען קליין, מוז מען די חתונה פּראַווען אינדרויסן). דער גרוזין האָט אַנגעקוואָלן און געשטוינט. ער האָט געזאָגט, אַז ס'דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך ערגעץ באַ אַן אינדיאַנישן שבט אין דאָרף און אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, און אויף יעדן ברעקל געפרעגט באַ איוואַן וואַסיליטשן. איוואַן וואַסיליטש, פילנדיק זיך אין דאָרף ווי באַ זיך אין דער היים, האָט אים אַלץ דערקלערט, דערקלערט אַלס אַזעלכער, וואָס איז שוין אַליין לאַנג אַוועק דערפון, אָבער מיט דער אַכטונג צו זיין פאָלק... אַליין שוין אַ שטאָטיקער, מיט אַ שטאָטישער קולטור פון מיטעלער אינטעליגענץ און מיטל-קלאַס, ענג-נאַציאָנאַליסטיש פאַר דער שפּראַך פון פאָלק און פאַרן פאָלק (נאָך זיין רעדן איז געווען צו זען אין אים, אַז ער איז אַ הייסער אָנהענגער פון באַטקאַ פּעטלוראַ). איך האָב געזען ווי באַ דעם קריסט גליען די אויגן, צוקוקנדיק ווי זיינע „נאַשי ליודי" באַלאַקען מיט די פּוילישע סאָלדאַטן אויף פּויליש און ווי „זייבע „דיוועטשאַטעס" האָפּקען זיך מיט זיי, מיט די פּאָליאַקן. אין קענטיק, אַז אונטער דעם איינדרוק האָט איוואַן וואַסיליטש אָנגעוויזן אויף דער געוואַלטיק פאַרפלאָנטערטער לאַגע, וואָס הע־שט אין דאָרף אין באַצוג צו דער פּוילישער הערשאַפט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם דאָרף און נאָך אויף פיל דערפער, וואָס געהערן כלומרשט צו די באָלשעוויקעס, און פאַקטיש געפינען זיי זיך אונטערן פּוילישן יאָך. די דערפער ווערן טעגלעך באַזוכט פון פּאָליאַקן און ווערן באַהאַנדלט אויפן ערגסטן אופן, ד. ה. ווי באָלשעוויסטישע דערפער. טאָג-טעגלעך ווערט פון די דערפער אַרויסגעשלעפּט צענטליקער פורן היי, האָלץ און תבואה, נעמען צו ערגעץ אַ חזיר, ווו ערגעץ עס געפינט זיך אַן עוף און קלאָגן זיך איז נישטאָ פאַר וועמען. פאַר דער פּוילישער מאַכט קאָן מען זיך נישט קלאָגן דערפאַר, וואָס די דערפער, וואָס ווערן טאָג-טעגלעך סיסטעמאַטיש באַרויבט, גע-

הערן דאָך כּלומרשט צו די באָלשעוויקעס. צענטליקער דערפער זענען געבליבן אָן אַ וועלכער עס איז מאַכט. די פּוילישע ממשלה האָט אײַבער געוויסע סטראַטעגישע טעמים נישט געפונען פאַר נויטיק די דערפער צו פאַרנעמען און דערפאַר אַליין, הייסט עס, זענען די דערפער געבליבן באָלשעוויסטישע, די פּויערים באָלשעוויקעס און מ'באַהאַנדלט זיי ווי באָלשעוויקעס.

און איוואַן וואַסיליטש, אײַנגאַנצן אַ צעקאָכטער, האָט ברייט אָנגעוויזן אויפן דאָרף מיט אַ האַנט:

— אַט זאָל נאָר גאַליציאַן נעסטאָראָוויטש אַ קוק וואַרפן איבערן דאָרף. מ'זעט דאָך קיין חזיר נישט, קיין עוף... הערסט דאָך אפילו פאַרטאָג קיין קריי פון אַ האָן... באַ אַ פּויער אין דאָרף אַ האָן אין שטוב איז פּונקט ווי אַ זייגער באַ אַ שטאָטישן. אַ פּויער אָן אַ האָן איז בלינד, אַ פּויער האָט פאַרגעניגן ווען ס'קרייעט אים אַ האָן אין שטוב... אַלץ איז געוואָרן אויסגעכאַפּט און אויפגעגעסן...

מיר האָבן געשפּאַצירט אין דער לענג פון דאָרף פאַרלעכווייז. פאָרויס זענען געגאַנגען גאַליציאַן נעסטאָראָוויטש און איוואַן וואַסיליטש. הינטער זיי, איך מיט מיין פרוי, און הינטער אונז, דער קרעמעניצער מיטן וואַרשעווער (דעם ראָוונער האָט מען נישט געזען אויף דער ליכטיקער שיין). אַלע זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג, געווירקט פון דער זון און פון די חתונות, נאָר איוואַן וואַסיליטש האָט זיך געקאָכט

— אפילו קיין הונט נישט געבליבן!

— אי סאָבאַק סאָזשראַלי? — די הינט אויך אויפגעפרעסן? — האָט מיט אַ געלעכטער געפרעגט דער גרוזין.

איוואַן וואַסיליטש, ווי ער וואָלט נישט געהערט דעם שפּאַס, האָט מיט אַ פּאַטעטיש דיכטערישער בענקשאַפט גענומען דערציילן ווי ער האָט אַמאָל אין דער יוגנט ליב געהאַט צו הערן אין אַ דאָרף, אין אַ פינצטערער נאַכט ווי אַ הונט צעוואָיעט זיך. די כּודאָבע שלאָפט, עופות שלאָפן, אַלע די באַשעפעניש, וואָס רינגלען אַרום די כאַטע אַ גאַנצן טאָג און שפּאַרן זיך אין שטוב אַריין — דער חזיר מיט דער מאָרדע אין טיר, עופות פליען אין די פענצטער און קאַטשקעס און גענז, — די אַלע באַשעפעניש שלאָפן, פאַרריגלט אין קאָמאָרקעס, און דער הונט, ער

שלאָפט קיינמאָל נישט, תמיד באַ דער שטוב, באַ דער טיר, און פלוצלינג — אַ וואַיעריי!

גענענדיקט פאַנטאַזירן, האָט ער פלוצלינג מיט אַ פריילעך און כונטערן טאָן פאַרבעטן גאַליציאַן נעסטאַראָוויטשן אַריינצוכאַפּן זיך אויף אַ חתונה און אַ הוליע טון. דער גרוזין האָט זיך אָפּגעזאָגט און איוואַן וואַסיליטש האָט דאָס זעלבע גלייך פאַרגעלייגט דעם קרעמעניצער:

— מיטקאַ, אידיאָם!

מיטקאַ האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. יענער האָט אים אָנגענומען אונטער דער האַנט און האַסטיק האָבן זיך ביידע אַריינגעשניטן צווישן פויערישן עולם און פייערלעך אויפגענומען געוואָרן. באַזעצט דאָס פּאָרל באַם טישל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך, מיט אַ רויטן, איינגעוועבטן פּאַס אינדערמיט, האָט מען זיי געגאָסן איין גלעזל בראָנפן נאָכן צווייטן און יונגע גויעס און שיקסעס האָבן געטראָגן פון שטוב גאַנצע שיסלען מיט פאַרבייסעכץ און געשטאַנען אַרום זיי אין געקוואָלן און געלאַכט פון יעדן וואָרט, וואָס אַמאָל איינער, אַמאָל אַ צווייטער האָט אַ זאָג געטון צו זיי און וועגן זיי; געכאַפּט איינער אין אַ צווייטער באַם האַנט און סטאָן שכור פון בראָנפן און פון תאווה אַ פרעג געטון אויף דער כלה — „זיס צי ביטער?“ און גאָר פלוצלינג זיך צעקושט מיטן חתן און לאַנג געסמאַקעט זיך מיט דער כלה, ביידע, דער ייד און דער קריסט, דער אין איין באַק און יענער אין דער צווייטער, און די כלה האָט געלאַכט, און דער חתן האָט געלאַכט, און אַלע האָבן געקוקט און געלאַכט. און נאָכדעם זענען אַלע געגאַנגען אַ ראָד. פאַרשידן-פאַרביקע סטענגעס זענען געפלויגן אין דער לופטן און פאַצערקעס און קאָרעלן האָבן זיך געוואָרפן אויף העלזער און ברוסטן, זיך געהויבן מיט ברוסטן צוזאַמען אין דער לופטן, און איין שנירל גלאָז פון איין פאַרב האָט אין אַ צווייטן פון אַן אַנדער פאַרב געקלאַפּט און געקלונגען מיט אַ גלעזערנעם קלאַנג און אַ פידל האָט צוגעפּעט און אַ פייקל האָט צונגעקלאַפּט און פון צייט צו צייט האָט זיך פון דרייענדיקן מענטשן-ראָד געלאָזט הערן: האָפּ! האָפּ!

צוזאַמען האָט עס געדויערט אַ דריי-פערטל שעה. ביידע זענען צו אונז אַרויסגעלאָפן פאַרפלאַמטע, מיט פאַרגאָסענע אויגן, רויטע ליפּן און גלאַנציקע מאָרדעס. איוואַן וואַסיליטש האָט צעשפּרייט די הענט צו אונז,

ווי ער וואָלט געוואָלט אונז אַלעמען אַרומנעמען, האָט מיט עקסטאַז אויסגערופן:

— וואָט טשטאָ זנאַטשיט סוואָאי! — אַרומגעכאַפּט מאַרק גרי־גאָריעוויטשן באַם האַלז און נאַקן און אים געגעבן אַ שטיק צו זיך: — פּראַוודאַ, מיטיאַ?

— פּראַוודאַ, וואסילי!

מאָנטיק, 2־טן פעברואַר.

אַ גאַנצן טאָג איז דער גרוזין געלעגן באַ אונז. ער איז געלעגן אויף דער סאָפע. איבערגעדעקט מיט דער שאַל, וואָס אים האָט געלאָזט יעווגעניאַ ס.. און איוואַן וואַסיליטש האָט אים נישט געלאָזט רוען:

— טשטאָ בודיעט?

באַ זיי איז שוין פעסט געווען באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק און וואָלטן שוין געווען ביז דער צייט דעם באַשלוס אויסגעפירט. האָבן זיי אָבער דעם וועג נישט געוווּסט און וועמען פון די פויערים מ׳האָט אָנגע־באָטן ער זאָל זיי צופירן ביז אַ געוויסן פּלאַץ, פון וועלכן זיי וואָלטן שוין ווייטער אַליין געטראָפן דעם וועג, האָט קיין איינער פון זיי זיך נישט גע־וואָלט איינשטעלן צו גיין אין דעם וועג אַריין.

— טשאָוש מי ב דעם זדיעס טאַרטשאַט? — האָט איוואַן וואַסיליטש געהאַלטן אין איין מנטערן דעם גרוזין.

דער גרוזין איז געלעגן אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער לענג אויף דער האַרטער רויט־געאַרבעטער סאָפקע. צוקאָפּנס אונטערגעלייגט דעם בעקעש זיינעם און איבערגעדעקט מיט דער שוואַרצער שאַל.

ער איז זיך שטיל געלעגן און סאַטיריש אונטערגעשמייכלט, און בלויז פון צייט צו צייט האָט ער אונטערגעמורמלט:

— ובּיוט, קאַק סאָבאַקי אוביוט.

ער האָט עס געזאָגט אַזוי רויק און געלאַסן, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן זיין לעבן; ער האָט זיך בלויז פון צייט צו צייט אויפ־געזעצט און פאַרוויקלט אַ ציגאַר און אים פאַררייכערט, זיך צוריק אויס־געצויגן, שלינגענדיק טיף אין זיך אַריין דעם רויך פון דעם ביליקן טאַ־באַק. אויפגעצט האָט ער זיך גאָר פלוצלינג געטון האַמעטע אַ הייב אויף און מיט אַן אויסדרוק פון מוט און אַנטשלאָסנהייט זיך פאַרנומען אַ בריוו

צו שרייבן, און פאַרטיק געוואָרן מיטן שרייבן, האָט ער דעם בריוו איבער־געגעבן דעם קרעמעניצער, אַז דער קרעמעניצער וועט קומען קיין קרע־מעניץ זאָל ער איבערגעבן דעם בריוו צו עווגעניע ס.

פאַר דער צייט, וואָס דער גרוזין האָט דעם בריוו געשריבן, איז איוואַן וואַסיליטש, דער פירער אונזערער, אַרויס אויפן דאָרף זוכן אַ פֿי־רער פאַר זיי און געקומען צוריק מיט אַ האַלבן פּוד זאַלץ אויף די פּליי־צעס און מיט אַ שייגעץ, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זיי דורכפירן ביז אַ געוויס אָרט, צען וויאָרסט פון דאָרף, און נישט ווייטער, און דאָס נישט אַנדערש, ווי שפּעט באַנאַכט, און שכר הליכה דערפאַר, זיך אָנגעבאָטן דריי הונדערט קאַרבאָווינצעס, צאַרסקע.

אונזער זקן האָט גערעדט מיטן שייגעץ, זיך אויסגעפרעגט באַ אים דורך וואַגען ער וויל זיי פירן. איינער מיט דעם צווייטן פאַרשידענע, פאַר אונז אומבאַקאַנטע נעמען פון ערטער אָנגערופן און דער אַלטער האָט דעם יונגן שייגעץ צוגערעדט, ער זאָל זיי פירן ווייטער, אָבער דער לעצטער האָט זיך אָפּגערופן:

— צום טייוול, צו וואָס נוצט עס אים ריזיקירן מיטן לעבן.

און באין ברירה האָבן די צוויי קריסטן איינגעשטימט אויף די צען וויאָרסט, וואָס יענער וויל זיי פירן, און באַקומען אַן אויפגאָב, האָט דער שייגעץ געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק.

דער אָוונט איז געווען אַן אומעטיקער. מיר האָבן איבערגעלעבט דאָס זעלבע, וואָס מענטשן אין אַ תפיסה לעבן איבער, ווען מ שלעפּט איי־נעם און אַ צווייטן פון זייער קאָמפּאַניע אַרויס און די אַרויסגעשלעפּטע ווייזן זיך נישט מער, און זיי, די איבערגעבליבענע, ווייסן נישט וואָס מיט יענע איז געשעען און ווייסן נישט, וואָס מיט זיי וועט געשעען. מיט די באַלעבאַטים מיט אונזערע זענען צען פּערזאָן מיר געווען אין איין שטוב און אַלע צען האָבן כמעט ווי נישט גערעדט. ס'האָט שוין קענטיק אויף אַלעמען געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אָט דאָס מאַסיווע, אומבאַוועגלעכע זיצן פונם גרוזין. ער האָט באַ אַלעמען נושא חן געווען און קיינער איז נישט געווען זיכער אין דער טאָלעראַנץ פון די פוילישע ראַזוועדקעס. אַז זיי וועלן אים לאָזן אַ לעבעדיקן, אויב ער וועט נאָר אויף אַזעלכע אָנטרעפן. ס'איז געווען שטיל. ס'איז קענטיק געווען, אַז אַלע טראַכטן וועגן איין זאַך — וועגן אומבאַוווסטן גורל פון אַ מענטש, וואָס איצט איז ער דאָ

און מאָרגן אין דער צייט וועט שיין קיינער נישט וויסן ווו ער איז. ס'האָבן אים אַלע ליב געהאַט, דערפאַר האָט עס אַלעמען געקרענקט.

מיר, יידן, האָבן צווישן זיך אויף יידיש גערעדט און באַרעדט אונ־זער פירער איוואַן וואַסיליעוויטש, אַז ער איז אַ גרויסער דבר־אחר, אָט דער איוואַן וואַסיליטש, אַז ער וואָלט אים, דעם גרוזין, נישט באַדאַרפט אַזוי יאָגן אין קאַרק און צוּוואַרטן נאָך אַ פאָר טעג. אָבער דער כיטראַק האָט זיך קענטיק געהאַט זיין חשבון באַ זיך. ער האָט מיט גאָרנישט ריזיקירט. די גאַנצע נסיעה האָט ער דורכגעמאַכט אויף אונזערע קעשענעס, א העלפט געלט פאַר זיין „פירן" האָט ער באַ אונז אָפגענומען, און די גאַנצע צייט, ווי אַן אמתער קאָמוניסט, אויפן גרוזינס מיטלען. דערשפירט, אַז באַם גרו־זין טאָגט שוין, האָט ער שוין דאָ נישט געהאַט וואָס צו טון. ער אַליין פון יענער זייט גרענעץ, האָט דאָך נישט גדאַרפט האָבן דאָס אַריבער־כאַפן זיך. פון יענער זייט וואָלט פאַר אים פערזענלעך געווען גינסטיק אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס געלט וואָלט געקאָנט פאַרגרינגערן זיין אומקערן זיך צוריק, און אויב ס'לאָזט זיך נישט, איז אַזוי אויך רעכט. ער האָט זיך פאָרט געפילט באַ זיך אינדערהיים און ער וואָלט זיך קאָנען אויסדרייען, ווען די פאָליאַקן וועלן אים כאַפן. וואָס וועט אָבער קאָנען ענטפערן דער גרוזין פון גרוזיע? אַזוי האָבן מיר עס אַלע איינגעזען און ביין געווען אויף אים דערפאַר, וואָס ער שלעפט דעם גרוזין מיט זיך. דער וואַרשעווער, וואָס איז דורכויס געווען אָפטימיסטיש און זיכער, אַז אונז וועט זיך איינגעבן אַריבערצוגיין די גרענעץ, איז צוגעגאַנגען צום גרוזין, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און געזאָגט:

— אפשר וואָלט ער, גאַליטיאַן נעסטאָראָוויטש, נאָך צוגעוואַרט אַ טאָג אָדער צוויי?

אויף אים איז אָנגעפאַלן איוואַן וואַסיליטש:

— נו, טשטאָ מי בודיעם זשדאַט? קאַושיט טשעוואָ?

אויפן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ און אויף די ווענט האָבן זיך באַוועגט שאָטנס פון מענטשן, וואָס האָבן שטענדיק איבערגעגעבן דעם כאַ־ראַקטער פון יעדן איינציקן אָריגינאַל, איבערגעגעבן באַוועגונגען און שטימונגען. די אונטערשטע העלפטן פענצטער זענען געווען פאַרשאַרט מיט די פאָרהענגלעך און פון די איבערשטע העלפטן האָט אַריינגעקוקט די נאַכט, אויף דעם לאָמפּ און אויף דער שטובּיקער ליכטיקייט בעקוקט

און די מענטשן באטראכט, און געדאכט האט זיך מיר, אז הינטער די פענצטער, פון יענער זייט, אין פינצטערניש און אין שטילקייט איז שוין פארהאן א קלארע באשטימטקייט וועגן א פארטאג און דעם גורל פון צוויי מענטשן, וואס וועלן זיך אין דעם פארטאג אוועקלאזן אין פרעמדקייט פון ארט און געגנט.

און שוין גאר שפעטער האט איוואן וואסיליטש אייפערזיכטיק א זאג געטון:

— אויב גאליטיאן נעסטאראוויטש וויל בלייבן, קאן ער בלייבן.

* *

*

דער גרוזין האט די נאכט בא אונז גענעכטיקט. מיר האבן אים אלע געבעטן ער זאל בא אונז נעכטיקן, און ליגנדיק אין צווייטן אלקיר, האב איך געהערט ווי ער האט זיך א גאנצע נאכט געווארפן מיט זיין מאסיווער פיגור און א פאר מאל דורך דער נאכט אנגעצונדן פייער. דורכן אפענעם טירל האב איך אים געזען און דעם שאטן זיינעם אויף דער וואנט, ביידע אומבאוועגלעך — דער אריגינאל פארזונקען אין שטילקייט, דער שאטן אין שווארצקייט. דאס סאפקעלע האט פון צייט צו צייט א טרעשטשע געטון און געמאכט אן איינדרוק, אז ס'טרעשטשעט אונטערן שאטן. ער האט געררייכערט, דער גרוזין, אן אויפהער גערייכערט, געשריבן, געשריבן אין געריסן און ווידער געשריבן. איך האב דייטלעך געהערט דאס סקריפען פון דער פען אויפן פאפיר און מאמענטן־ווייז, אין א צושטאנד פון דרעמל, האט זיך מיר געדאכט, אז א ווארים זיצט ערגעץ און טאטשעט און טאטשעט די שטילקייט. דורכן שלאף האב איך געהערט ווי ס'איז אריינגעקומען איין מענטש און א צווייטער... האבן שטיל מיט שטיוול אויף דער פאדלאגע געטראטן און שטיל גערעדט צווישן זיך... דורכן שלאף האט מיך באהערשט די אומרויקייט פון די מענטשן, וואס האבן זיך געקליבן אין וועג אריין. ווען די טיר האט זיך צוגעמאכט, האב איך זיך אויפגעכאפט, דערזען א געדיכטע פינצטערניש ארום זיך און א געדיכטע שטילקייט — יענע שטילקייט, וואס מענטשן לאזן נאך זיך אין א פרעמדער שטוב, אוועקלאזנדיק זיך אין א פרעמדער,

אומבאקאנטער סביבה מיט נישט זיכערהייט פון צו פארגיין אהין, וווהין מ'האט זיך אוועקגעלאזט.

דינסטיק, 3-טער פעברואר.

גאנץ פרי איז געקומען פון אליעווסק א יידיש זעלנערל און גע־פרעגט בא מיר:

— דאס זענט איר, ה' ראזענפעלד?

און ווען איך האב אים געענטפערט, אז דאס בין איך, האט ער מיר דערציילט, אז ער האט שוין דארטן געהערט, אז איך בין דא און האט זיך שטארק צום הארץ גענומען, וואס מ'לאזט מיך דא אזוי לאנג זיצן און איך בין געוועזן אויסערסט גערירט, וואס דער, וואס איז אזוי גערירט פון מיין פארצווייפלטער לאגע, איז א פוילישער זעלנער אין א פויליש־זעלנערישער אוניפארם. אט די פארמע, וועלכע האט דאס גאנצע וועזן מיינס מיט אזוי פיל שרעק אנגעפילט, און דא שטייט פאר מיר אזעלכער, און דאס יידישע זעלנערל האט מיר אנגעגעבן א פאר נעמען פון אליעווסק, און איך האב צו זיי, צו די אומבאקאנטע מענטשן פון די אנגעגעבענע נעמען א פאר בריוו אנגעשריבן און זיי איבערגעגעבן, האט ער זיי ארייג־געלייגט אין היטל אריין, הערצלעך זיך געזעגנט און איז אוועק איך האב אים ארויסבאגלייט ווי אן אלטן באקאנט גוטן פריינט. געשטאנען אינדרויסן אזוי לאנג, ביז ער האט זיך דארטן לעבן לייבאס שטוב ארויפגעזעצט אויף א הויכער פור היי, ווו עס זענען געזעסן נאך צוויי סאלדאטן און איז מיט זיי אוועקגעפארן.

ארייגגעכאפט זיך אין שטוב אריין א דורכגעפרוירענער. דער קרע־מעניצער איז געלעגן אויף דער סאפע און איך האב אים מקנא געווען, וואס ער קאן שוין פון גאנץ פרי אן ליגן. ער איז געלעגן, דער קרעמע־ניצער, און עפעס א בריוו געלייענט און איך האב מיך ארויפגעכאפט מיט די פיס אויף דער באנק און זיך געזארעמט בא דער הרובע ווי גרויס איך בין. שטייענדיק מיטן קאפ אונטער דער סטעליע, האב איך געשפירט דעם גרויסן אונטערשיד פון דער טעמפעראטור פון אויבן ביז אונטן און געזען, וואס ס'טוט זיך אויבן אויף דער שאפע. ווי א טונקעלער גרויער, פוכקער שניי איז א געדיכטער שטויב געלעגן און באדעקט אלץ, וואס דארטן אויף דער שאפע האט זיך געפונען. שמות, שטיקלעך רציעה,

אַ פסולע ציצה, אַ פאַרטריקנטע הושענה, אַ לולב און וואָס איז דאָרטן נישט געווען. און אַלץ צוזאַמען האָט דערציילט פון יידישקייט, פון יידישער אָרימקייט און פון אָרימער אומריינקייט, געקוקט און געטראַכט, אַז אַזוי זעט אויס דאָס יידישע לעבן די לעצטע פאַר יאָר — פסול... פסול פאַר זיך, פסול פאַר אַנדערע... און פסולערהייט — הייליק... אברים צעריסענע, אברים צעוואָרפענע פון הייליקייט און הייליקער גאַנצקייט.

דער קרעמעניצער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין לייענען. איך האָב פונוייטנס געקוקט אויף אים און באַוווּנדערט די גרויסע פאַרענדערונג, וואָס איז אויף דעם בחור געקומען פון דער צייט, וואָס איך קען אים. די באַקן איינגעפאַלן, פון דער ראָזער פאַרב זענען בלויז געבליבן בלויליכע אָדערלעך. די אויגן זיינע, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט פרישקייט און יוגנט, האָבן אויסגעזען ווי צוגעלעגערטע קאַרשן.

— גאַליציאַן נעסטאָראָוויטש האָט איבערגעלאָזט צוויי בריוו אויף איבערצוגעבן יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ ווען איך וועל קומען קיין קרעמעניץ, אַ גליק, וואָס איך האָב זיי איבערגעלייענט — האָט ער פלוצלינג, ווי פאַר זיך אַליין, אָפּגעמורמלט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און איבערגעלייענט פאַר אונז די בריוו און פון צייט צו צייט אַ קוק געוואָרפן הינטער זיך צום פענצטער און, באַקענענדיק זיך מיטן אינהאַלט פון די בריוו, איז טאַקע געווען אַ גרויס גליק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט זיי איבערצולייענען... יענער האָט דאָרט געוואַלדיק באַליידיקט די פּאָליאַקן און בתוכם נישט געשאַנעוועט די רוסישע דאַמען. ער וואַרפט זיי דאָרטן אַלעמען פאַר ווי שפּלדיק זיי האָבן געהאַנדלט קעגן אונז, באַזונדערס זיין דאַמע, צו איר האָט ער מער טענות, יענע, וואָס גייען אים יענע דאַמען אָן? אויף איר, אויף זיינער, פאַרדריסט אים. „רוסקאַיאַ דאַמאַ“, רופט ער זי אין די בריוו איטלעכס מאָל אָן, ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זיך געקאָנט „איינבייסן“ אָט דעם היציקן „באַראָן“ און מען וואָלט אַלעמען געווען אַדורכגעלאָזט... יאָ, זי וואָלט עס אפשר געווען געטון, ווען זי וואָלט פון אים געווען דערוואַרט דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן... (וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווייל מיר זענען געבליבן פון דער זייט). און זאָל זי נישט מיינען, אַז ער האָט עס געטון מיט אַ גרינג האַרץ, אָבער דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט האָט אים דיק-

טירט, אַז ער מוז אַזוי טון און נישט אַנדערש... ער האָט נישט אויסגערעכנט און געוווּסט, וואָס אים דערוואַרט... מעגלעך, אַז ביז דער בריוו וועט אָנקומען צו איר, וועט ער שוין ערגעץ ליגן מיט אויסגעפּיקטע אויגן אין וואַלד.

ווייטער האָט ער דאָרטן געשריבן, אַז די פלאַש אָדעקאָלאָן לאָזט ער איבער דער קלייניקער און צאַרטער כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ און דאָס וועט שוין דער רוסישער דאַמע טאָפּלט פאַרדריסן. ער וואָלט איר אָט דער צאַרטער פרוי איבע געלאָזט די שאַל אויך, וואָס זי האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויפן שליטן, אָבער צום באַדויערן קאָן ער עס נישט טון, ווייל ער האָט פאַר זיך אַזאַ וועג... נאָר זאָגן זאָגט ער איר צו, אַז ווי נאָר ער קומט בשלום קיין קיעוו, וועט ער די שאַל אירע אַוועקגעבן דער ערשטער קאָמוניסטקע, וואָס ער וועט באַגעגענען אין גאַס און דעם גענעראַלס בעקעש וועט ער אַוועקגעבן דעם ערשטן, בעסטן קאָמוניסט.

געחוּמעט זענען געווען די בריוו „וואַש אופּראַוול׳איושטשי״ אין געבנזן-פּילעך.

מיר זענען ביידע, איך און דער קרעמעניצער, אַריינגעגאַנגען אין קיך און הינטערן קוימען אונטערגעצונדן די צוויי בריוו און באַלויכטן פון פלאַם פּאַפּיר און שריפט, האָב איך באַמערקט, געדיכט פאַרשטראָכענע שורות, און איך ווייס נישט פאַרוואָס איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז די פּאָר אויסגעמעקטע שורות זענען די שפּאַנענדסטע פון גאַנצן בריוו.

צוריקגייענדיק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט באַ אונזערע באַלעבאַטים אין אַלקיר. דער קרעמעניצער האָט זיך מיט בענקשאַפט צערעדט פון זיין היים, פון זיינע עלטערן און פון זיינס אַ שוועסטערל, וואָס שפּילט זייער גוט קלאַוויר. פאַר זיי, פאַר די דאָ־פּסלייט, דערציילט, וואָס ער האָט געפילט ווען ער האָט זי געהערט שפּילן. ער האָט זייער פיל גערעדט וועגן די גאַרענפעלדס (זיינע קרובים), וואָס זענען באַוווּסט איבער גאַנץ וואָלין, וואָס האָבן ביז דער מלחמה זייער אַ גרויס אָרט פאַרנומען מיט זייער פילאַנטראָפּישער אַרבעט, מיט זייער צדקה און מיט נאָך פיל מעשים טובים. ער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט פון זיינעם אַ דיאַדיאַ (נישט פונם חכם), וואָס האָט אַ יאָר פאַר דער מלחמה ערגעץ לעבן קרעמעניעץ אָפּגעקויפט אַ גרויסן שלאָס באַ אַ גראַף און דער דיאַדיאַ זיצט

עס נעבעך אין קיעוו און הונגערט; ווי אַזוי די באָלשעוויקעס שלעפּן אים אַלע טאָג אויף אַרבעט און די „טיאַטיע" זיינע, וואָס האָט זיך אויף איר לעבן קיין שטיקל ברויט נישט אָפּגעשניטן, האָט מען איינמאָל באַנאַכט אַרויסגעשלעפּט פון בעט און זי אַוועקגעשלעפּט ערגעץ אין אַ קאַזאַרמע אַ־ יין די פּאַדלאָגעס וואַשן.

אַלע דריי האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דער אַלטער האָט געקרעכצט, די אַלטע האָט געזיפצט און דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו נייען און געקוקט אָט־דעם גרויס־שטעטיקן בחור אין די אויגן אַריין און קענטיק מיט אים גרויס מיטלייד געהאַט, און גאָר פּלוצלינג אים געפרעגט צי איז ער אַמאָל געווען אין אָדעס, קענטיק געפרעגט צוליב דעם, כּדי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט אים צו דערציילן, אַז זי איז אין אָדעס געווען און זייער אָפּט באַזוכט קאַוועל און ראָוונע.

זי איז געשטאַנען אין קורצן מולטענעם אונטער־ראָק און גרויסע שטיקער פּיס האָבן פון דעם אונטער־קלייד אַרויסגעקוקט, ווייטלעך אָפּגעטיילט איין פוס פונם אַנדערן... זי איז שוין מיט איר גאַנצער פּעדערשטקייט געשטאַנען צו אים, צום קרעמעניצער, און דער האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעשפּרט צווישן די בעטן און צווישן די דריי מענטשן, האָט אַ דריי געטון די מאַשין און געבעטן באַם מיידל זי זאָל אים עפּעס אַן אַרבעט געבן און פון זיין נאָענטקייט צו איר און פון איר נאָענטקייט צו אים האָבן זיך באַ ביידן די פּנימער אָנגעצונדן און דאָס מיידל האָט אים ווידער און גאָר פּלוצלינג דע־ציילט פון צווי יידן, וואָס האָבן געפירט פון אַ נאָענטן דאָרף אַ מת מקבר צו זיין, האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט דורך אַן אַנדער זייט, מסתּמא ערגעץ דאָרטן ווו זיי האָבן אונטערגעקויפט די סטראַזשע און זענען אַריין אין שטאָט, האָט מען זיי געכאַפּט און מ׳האָט זיי מיטן מאַן ערגעץ אַוועקגעפירט און מ׳ווייסט עד היום נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

און צוגעגעבן, אַז די גאַנצע שטאָט ווייסט עס אויף זיכער, אַז מ׳האָט די לעבעדיקע ערגעץ אויפן פעלד מיטן מת באַגראָבן...

אָבער דאָס איז פאַר איר קענטיק ווינציק געווען. זי האָט נאָך מיט עפּעס געוואָלט איבערראַשן דעם בחור:

— באַהיט זאָל מען ווערן היינט צו שטאַרבן!

און דערציילט, פאַרוואָס זי וויל אַזוי באַהיט ווערן, ווייל מ'מוז היינט באַהאַלטן הינטערן פענצטער. געשטאָרבן באַ אַ דאָרפס־ייד דאָס ווייב, האָט ער זי אויפן גאָרטן הינטערן פענצטער מקבר געווען.

— מאַרק גריגאָרעוויטש! — האָב איך צום קרעמעניצער געזאָגט — אויב איר זוכט ווירקלעך עפּעס אַן אַרבעט פאַר זיך, קאָנט איר אַרויסגיין אויפן „פּאַדוואָר" און אָנהאַקן אַ ביסל האָלץ...

נאָכמיטאָג איז געקומען צו אונז אַ קריסט, אַ פּאַליאַק פון אָליעחסק. ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרדינען באַ אונז און געוואָלט עפּעס טון פאַר אונז. איז ער געזעסן און גערייכערט איין גראָבן ציגאַר נאָכן צווייטן, געוויקלט דעם טאַבאַק אין צוויי שטיקלעך ציגאַר־פּאַפּיר, ווייטער גערייכערט און האָט זיך דערטראַכט.

— מאַלענקאָיע אָבוויניעניע...

וואַרפן אויף אונז אַ חשד, אַז מיר זענען נישט מער און נישט ווייניקער פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש און מ'וועט אונז אַרעסטירן און אַוועקפירן קיין סאַרנע אין הויפּט־שטאַב...

מיר האָבן זיך מיט שרעק אָפּגעוואָרפן פון אַזאַ אָריגינעל מיטל צו „באַפרייט" ווערן און דער קריסט האָט גלייך אַליין צוריקגעצויגן דעם אויפגעגעבענעם פּלאַן:

— אמת, ס'טויג נישט... מיר זענען יידן...

פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, אַז מיר, אַלס יידן, וואָלטן פון אַזאַ קונץ שוין נישט אַרויס קיין ריין־געוואַשענע און דאָך האָבן מיר דעם קריסט נישט געוואָלט אָפּלאָזן, דערקענט אָן אים, אַז ער האָט דערביי נישט געהאַט קיין שלעכטע כוונה.

אין דרייען גערייכערט, אין פירן גערעדט, זענען מיר צוגעקומען צו אַ גאַנץ איינפאַכן באַשלוס, אַז מיר זאָלן אָנשרייבן בריוו און ער זאָל די בריוו אַליין אַוועקפירן צו די אַדרעסאַטן און דערפאַר באַקומט ער פון יעדער פערזאָן פינף הונדערט רובל ניקאָלאַיעווסקע.

מיר האָבן אים מיטגעגעבן דריי בריוו: איך, דער קרעמעניצער און דאָס ראָוונער בחור. איך קיין קאָוועל, דער קרעמעניצער קיין קרעמעניץ און דאָס ראָוונער בחורל קיין ראָוונע. נאָר דער וואַרשעווער האָט נישט געפונען פאַר נייטיק דער קריסט זאָל פאַר זיינעטוועגן פאָרן קיין וואַרשע.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט שטאַרק מיט זיין פוילישן פּאַס און מיט די לבֿות, וואָס זענען געווען געשטעמפּלט אויף אים.

מיטוואָך, 4־טער פעב־ואַר.

די היימישע אַלט־באַקאַנטע זון האָט פון גאַנץ פרי אָן געשיינט אויפן דאָרף, צעגאָסן אין ווינטערדיקן אַויר וואַרעמקייט און ליכטיקייט. איך האָב געקוקט אויף דער זון, ווי אַ קינד אויף דער מוטער, וואָס איז פון ערגעץ געקומען צו אים אין געפענגניש... געזעסן אינטער ווענט און פינצטער אין אַ שטוב, אין אַ דאָרף אָפּגעריסן פון שטאָט און וועלט איז מיר אַלץ פרעמד געווען און איבערדריסיק.

און ווייל ס'איז נישט געווען וואָס צו טון, איז עסן געווען אַ צייטפאַרטרייב; אַרויסקוקנדיק אויפן עסן, האָב איך מיך נישט געקאָנט אָריענטירן, צי קוק איך אַרויס אויפן עסן אַלס אכילה, צי צוליב אַוועקצוהרגענען אַ שטיקל ליידיקייט, אַ שטיקל פוסטקייט פון טאָג. אַזוי צי אַזוי האָבן מיר זיך צוועלף אַ זייגער שוין ספּראַוועט מיטן „מיטאָג" אָבער ס'איז געווען „אַ יצא שכרו בהפסידו", ווייל מ'האָט אַזוי פרי אָפּגעגעסן מיטאָג, האָט זיך ערשט נאָכדעם גענומען ציען אַ טאָג לאַנג ווי דאָס יידישע גלות...

דעם טאָג, ווען וועלכן ס'רעדט זיך דאָ, האָבן מיר נאָך פאַר צוועלף אָפּגעגעסן. ווייל די זון האָט געשיינט, האָט זיך געדאַכט, אַז דער פרימאָרגן ציט זיך לענגער.

אונזער מיטאָג איז ווי אַלעמאָל פון אונזער דאָרפישער באַגרעבענישׁ באַשטאַנען פון קאַרטאָפליעס מיט פאַסאָליעס און וואָס האָט נאָך אַ צוגאָב דערצו געהאַט אַ טעם פון טשאָלנט, ווייל עס איז געשטאַנען אַן איבעריקע שעה אין אויוון, וואָס איז איינגעהייצט געוואָרן גאַנץ פרי. אָפּגעגעסן אָט דעם שיינעם וואַרעמס, האָט מען זיך צעלייגט, מיין פרוי אין בעט, איך באַ דער הרובע און דער קרעמעניצער אויף דער סאָפע. געלעגן אין באַטאַגיקער דאָרפישער שטילקייט, געדרעמלט, און אַזוי זיך געלעגן און זיך איבערגעוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער און ווי־

פיל מאָל איך האָב זיך איבערגעוואָרפן, האָב איך אַלץ געטראָפן די זון אין שטוב, אַוועק פון איין פענצטער האָט זי אַריינגעשיינט אין אַ צווייטן. דרויסן מיט שטוב האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט זון און ליכטיקייט, מיט ווינטערדיקער דאָרפישער שטילקייט, ווי אַן אומעטיקער וואָכעדיקער שבת און פון דאָרט. פון אַלקיר, האָט זיך אַן אויפהער געלאָזט הערן מאַשין און נאָדל און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז וואָכעדיקע שטילקייט. וואָכעדי־קער אומעט און בייזע האַרטע לאַנגווייליקייט האָבן זיך איבערגערעדט מיט איין שפּראַך, זיך איבערגערעדט וועגן דעם, וואָס די אַלע דריי צו־זאַמען זענען געזעען, און אַזוי גאָר פּלוצלינג האָט זיך די טיר אין שטוב אַריין אָן עפן געטון, און אַריבערגעוואָרפן אַ פוס איבער דער הויכער שוועל, איז גראַנאָווסקי אַריינגעפאַלן.

— פּאַן גראַנאָווסקי!

אין איין מאָמענט זענען מיר אַלע דריי געשטאַנען לעבן אים און זעקס הענט האָבן אים געגלעט און זעקס הענט האָבן אים אַריינגעשלעפּט צו אונז אין אַלקיר און באַזעצט.

— וואָס זשע הערט זיך, פּאַן גראַנאָווסקי?!

ער שמייכלט. וואָס זאָל זיך הערן? ס'וועט אַלץ רעכט זיין... אַלץ איז אין אָרדנונג... פרייטיק... פרייטיק ווערן מיר געהאָלפן... אַלץ איז שוין צוגערעדט און אָפּגעפּאַרטיקט... פרייטיק. פרייטיק זאָלן מיר ציפאָרן צו דער „באַינע" און ער וועט שוין דאָרטן וואַרטן אויף אונז און ער וועט אונז שוין פון דאָרטן אַריבערפירן.

ער איז געזעסן און מיר דריי זענען געשטאַנען אַרום אים ווי קליי־נע קינדער אַרום זייער פאָטער, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אינדערהיים נישט געווען און איז ענדלעך געקומען צו זיינע קינדערלעך. מיר האָבן אים גע־גלעט און געקלאַפּט אין די אַקסלען:

— ליבער און טייערער פּאַן גראַנאָווסקי!

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט. דער קרעמעניצער האָט זיך פון גרויס פרייד צעכליפּעט. די פרוי מיינע האָט די גאַנצע צייט, וואָס גראַ־נאָווסקי איז בא אונז געזעסן, נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון זיין אַקסל און די גאַנצע צייט געטענהט, אַז זי האָט טיף אין האַרץ געגלייבט, אַז ער וועט קומען.

געלאָזט אונז זיך „אַנליובקען" מיט אים וויפיל אונז האָט זיך גע־

גלוסט, איז גראַנאַווסקי צוגעטרעטן צו דער פּראַקטישער זייט פון זיין אונ־טערנעמונג: די זשאַנדאַרמעריע באַקומט דערפאַר פופצן הונדערט רובל, פינף הונדערט פאַר אַ פּאַרשוין (פּאַרשטענדלעך צאַרסקע). די סומע געלט מוזן מיר אים שוין געבן... פאַר זיין טרחה פאַרלאָזט ער זיך אויף אונ־זער יושר.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די סומע איז געווען אַ קאָלאָסאַלע, האָבן מיר זיך קיין מינוט נישט פאַרטראַכט און אים גלייך אָפּגעצאָלט דריי ת"קערס „קנאַק". באַקומען דאָס געלט, האָט גראַנאַווסקי אונז אי־בערגעגעבן דעם ווייטערדיקן פּלאַן, וואָס אונז איז נאָך פאַרגעשטאַנען דורכצומאַכן דאָרטן, אַז מיר וועלן שוין זיין אין אַליעווסק. מיר האָבן געמיינט, אַז באַלד, ווי מיר וועלן קומען אַהין, וועלן מיר גלייך קאָנען ווייטער פאָרן און מיר האָבן זיך זייער פיל אַנטוישט. הערנדיק פון אים, אַז מיר וועלן דאָרטן מוזן זיצן אַ פּאָר וואָכן (פאַרשטייט זיך, אומלעגאַל), אַז דאָרט וועלן מיר מוזן פאַר זיך שאַפן נייע פּעסער, פּעסער, אַז מיר זענען אַליעווסקער תושבים און אויף די פּעסער וועלן מיר ערשט באַקו־מען פּראָפּוסקעס וווהין יעדער פון אונז בּאַדאַרף און מיט די פּראָפּוסקעס וועלן מיר ערשט קאָנען ווייטער פאָרן.

פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר אַ הוצאה דאָס שמעקט, איז די שטי־מונג בּאַ אונז געוואָרן זייער אַ געדריקטע. בּאַ אונז איז נאָך געבליבן אַ פּאָר הונדערט רובל. גראַנאַווסקי האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבּה פון אונזער פּלוצלינגדיקן אומעט און אונז פאַרזיכערט, אַז פאַר דעם אומ־לעגאַלן זיין אין אַליעווסק האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שרעקן. די זשאַנ־דאַמעריע וועט דאָך וויסן פון אונז. און מיט דעם אַליין זענען מיר שוין בּעזיכערט. מיר וועלן קאָנען אַרומגיין פראַנק און פריי אין גאַס און אפילו אין טעאַטער אַריין. איך מיט מיין פרוי וועלן בּאַ איינעם פון די זשאַנ־דאַרן האָבן סטאַנציע, דעם קרעמעניצער נעמט ער, גראַנאַווסקי, צו זיך. אין קורצן:

— באַיאַטסיאַ נאָם ניעטשעוואָ!

באַגלייט אים ביז דער טיר, געדריקט אים די האַנט פאַרן אַוועק־גיין, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענער און מיר זענען געבליבן מיט אַ נייער זאָרג:

— ווו וועלן מיר נעמען אַזוי פיל געלט?

פיל וועגן דעם נישט געטראַכט: מ'ר האָבן געהאַט מיט זיך אַ ביסל באַלעבאַטישקייט: צוויי קישנס, אַן איבערבעט, אַ זילבערנעם רידיקול און נאָך קלייניקייטן, אפילו גאַנץ נייטיקע זאַכן, אָבער וואָס מ'קאָן אין אַ שווערער נויט פאַרקויפן...

דאָנערשטיק, 5-טער פעברואַר.

אין אָוונט איז צו אונז געקומען לייבאַ. ער איז גלייך פון דער פור, וואָס איז געקומען פון אָליעווסק, געקומען צו אונז מיט אַ פריילעכער בשורה, אַז מאָרגן קומען נאָך אונז צוויי זשאַנדאַרן. ער איז געווען בײַ פריילעכמאַנען. ער איז אומישנע געגאַנגען אַהין, צו פריילעכמאַנען, הערן וואָס ס'הערט זיך, און דאָרטן האָט מען אים געזאָגט, אַז מאָרגן קומען נאָך אונז צוויי זשאַנדאַרן.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט...

יאָ, די בשורה איז געווען זייער אַ גוטע, אָבער איינצייטיק זענען מיר געבליבן שטיין ווי הינטער אַ בלינדער וואַנט: וואָס איז דאָס? צי חעלן עס יענע קומען בהסכם מיט גראַנאָווסקין? און אויב איינער פונם אַנדערן ווייסט נישט, קאָן זיך דאָ פאַרפּלאָנטערן אַ געשיכטע מיט גאַרנישט קיין ליכטיקע פערספּעקטיוון פאַר אונז.

מיר האָבן דערציילט לייבאָן, אַז גראַנאָווסקי איז דאָ געווען און וואָס מיר האָבן מיט אים געמאַכט, און געפרעגט בײַ לייבאָן, וואָס ער דענקט וועגן דעם. לייבאַ האָט אונז פאַרזיכערט, אַז גראַנאָווסקי איז אַן אָרנטלעכער מאַן, אַז ער איז נישט געקומען בײַ אונז אויסנאַרן דאָס געלט. יאָ, ער פאַרשטייט אַליין אויך, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיק, אָבער ער קאָן אַזוי קלוג נישט זיין...

— מויד! — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון צום מיידל, — וואָס מאַכסטו עפּעס?

ס'איז אָנגעקומען דער וואַרשעווער מיטן ראָוונער. זיי צווייען זענען שוין פיל גליקלעכער געווען פון אונז דרייען, ווייל זיי האָבן געהאַט איין וועג און מיר צוויי, און נישט געוווסט אויף וועלכן צו גיין.

און ס'איז שוין טאַקע אויסגעקומען, אַז קלוג איז דער וואַרשעווער. ער האָט זיך נישט צעוואָרפן אויף עטלעכע וועגן. אויף עטלעכע וועגן מוז מען בלאָנדזשען, און ער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט געוווּסט פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט גראַנאָווסקין. דער ראָוונער יאַט האָט זיך געריסן צו אונז גיין, נאָר ער, דער וואַרשעווער, האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— בעסער איין שלעכטער וועג, איידער צען גוטע... — און ער האָט שוין זייער פיל געשמייכלט, געוויזן די פאָדערשטע צוויי גאָלדענע ציין.

אַ גאַנצן אָוונט האָט מען גערעדט וועגן דעם און מען איז צו גאָרנישט געקומען. איינער האָט געזאָגט, מיר זאָלן וואַרטן אויף די זשאַנדאַרן. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט וואַרטן און פאָרן צו דער באַנע, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט גראַנאָווסקין. דערפאַר איז באַזונדערס לייבא געשטאַנען:

— איך הייס אייך פאָרן!

— און וואָס וועט זיין, אַז די צוויי זשאַנדאַרן וועלן קומען אַהער און אונז דאָ נישט טרעפן, ווו זענען מיר אַהינגעקומען?

ס'איז שלעכט! אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שלעכט, אַז אונז דריי איז שלעכט...

— נו, גוט: גראַנאָווסקי האָט נישט געמיינט אויסצונאַרן בא אונז דאָס געלט. אָבער אַז מיר וועלן מיט אים נישט פאָרן, וועט דאָך זיין אַ כשרער לעפל און אַ כשרער טאָפּ. ער וועט האָבן אַ טענה, פאַרוואָס זענען מיר נישט געקומען, און מען וועט אים מוזן גלייבן, ווען ער וועט זאָגן, אַז דאָס געלט האָט ער שוין אָוועקגעגעבן. אַנדערש וואָלט געווען, ווען מיר קומען און אים גיט זיך נישט איין אונז אַריבערצופירן.

— קומט אויס, אַז מיר דאַרפן טאַקע יאָ פאָרן צו דער באַנע?

און די לייט, וואָס וועלן קומען נאָך אונז, וועלן עס אויך נישט טאָן צוליב עולם הבא...

דאָ זענען די באַלעבאַטים אונזערע אַרויס מיט אַ סך לשון וועגן דעם פריילעכמאַנען; ער איז אַ הויט-שינדער, אָט דער פריילעכמאַן. ער איז אַמאָל פאַר ניקאָלאַיען געווען אַ סטאַראָסטאַ. אָט דער פריילעכמאַן, קענען זיי אים פאַר אַ באַרייסער. פאַר אַ לאַדע שטיקל פאַפיר, וואָס מען האָט בא אים באַדאַרפט באַקומען, האָט ער די הויט געשונדן.

פרייל̈עכמאַן מיט די טעכטער! ...

ער האָט זיך שוין פון אַזעלכע געשעפטן אַ גרויסע שטוב אויסגע־בויט, מיט פיל צימערן און קאָרידאָרן.

לייבע, דער נישט־שטאַרק פרומער לייבע, האָט זיי צוויי מאָל, בנשימה אחת, געזאָגט:

— מ׳טאָר נישט רעדן, מ׳טאָר נישט רעדן...

איך האָב שוין באַמערקט, אַז אונזערע שטוב־לייט האָבן אַ שוואַכ־קייט אויף יעדן מלשין צו זיין און אין די אויגן צו חנפענען. זיי האָבן געחנפעט לייבאַן:

— לייבוניו!

ער האָט געבראַכט מיט זיך פון שטאָט אַ זאַדיק פלייש אין אַ זעקל. געבראַכט צום אַלטן אויסצוטרייבערן. לייבאַ איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער איז געפאַ״ן און האָט עס געבראַכט, אַנישט וואָלט דאָ קיין ייד נישט געהאַט קיין פלייש אויף שבת.

— מאָלט אייך, אַז איך וועל שוין אין דעם גאָרנישט פאַרדינען!

ער האָט אַרויסגעשלעפט דעם זאַדיק פלייש פון זעקל און דער־ציילט, אַז די סטראַזשע האָט עס געוואָלט צונעמען בא אים, האָט ער אים אויסגעקויפט, דעם זאַדיק, מיט אַ פונט צוקער און אַ האַלבן צענד־ליק הערינג.

— דאָס באַט אייך, און דאָס לאָזט פאַר מיר. — אַזוי האָט ער גע־זאָגט צו דער סטראַשע.

מ׳האָט שוין וועגן אַנדערע זאַכן גערעדט. און אָן אונז דריי האָבן שוין אַלע פאַרגעסן.

מיר האָבן אַלע אים דאַך געדאַנקט פאַרן אַוועקגיין פאַר דער גוי־טער בשורה זיינער, און ווי ער האָט נאָר הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר, האָט די אַלטע געזאָגט:

— אַנישט איז דאָס אמת. אַז מ׳האָט אים דעם זאַדיק פלייש גע־וואָלט צונעמען. דאָס זאָגט ער שוין אום שנע, כדי ער זאָל קאָנען שינדן די הויט.

— ס׳איז שוין איינמאָל אַ לייבעלע! — האָט די אַלטע אַ בורטשע געטאָן.

— אזוי פיל מכות זאָל זיך אים זעצן, וויפיל פינפער רובלען ער וועט אינם זאַדעק פאַרדינען, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

דער אַלטער האָט איבערגעקערט די דעק פון טיש אויף דער לינ־קער זייט, אַרויפגעלייגט דעם זאַדיק, אָנגעטון די ברילן, און ווי אַן אַפּע־ראַטאָר צוגעגאַנגען מיטן מעסער און זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַ שניט דאָ, אַ שניט דאָרטן, און געשלעפּט איין אַדער נאָכן אַנדערן. מיר זענען אַלע געזעסן אַרום טיש און געקוקט דעם אַלטן אָפּעראַטאָר אין די הענט אַריין.

פרייטיק, 6־טער פעברואַר.

דער קרעמעניצער האָט גאַנץ פרי אויפן ניכטערן האַרצן געזאָגט:

קאַק נאַם ניע וועזיאָט!

בײַ אונז איז נאָך אַלץ נישט געווען באַשלאָסן וואָס צו טון, און נישט באַשלאָסנערהייט האָבן מיר פאַרפּאַקט דאָס וואַרעמע געלעגער און זיך אוועקגעשטעלט קוקן אין די פענצטער. אַלע דריי האָבן מיר געקוקט. די צייט האָט זיך אומרחמנותדיק לאַנג געצויגן. מיר האָבן געקוקט אין די פענצטער אַ שעה, צוויי און דריי. ס׳איז צוועלף, ס׳איז איינס. די זשאַנ־דאַרן קומען נישט, און מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שעה זיי דאַרפן קומען. ס׳איז שוין צוויי אַ זייגער.

— מ׳מוז פאָרן, — האָב איך געזאָגט.

איך האָב דערקלערט פאַרוואָס מיר מוזן פאָרן: די זשאַנדאַרן קאָ־נען נישט קומען אויך. מיט גראַנאָווסקין אָבער איז אַ זיכערע זאַך. גראַ־נאָווסקי וועט דאָרטן אין דער באַנע וואַרטן אויף אונז. קומען מיר נישט, איז דאָס געלט אונטערס פאַרפאַלן, און אָן געלט וועלן מיר דאָך מיט יענע, אפילו ווען זיי וועלן קומען, אויך נישט קאָנען פאָרן, און מיר וועלן דאָ ווייטער זיצן אָבי געזונט...

ווייטער אָפּציען איז אוממעגלעך געווען. מיר האָבן געכאַפּט אַ פור און אוועקגעפאָרן. געקומען אין באַנע, האָבן מיר געטראָפן דעם אַלטן קריסט אין דאָס ווייב זיינס, וואָס איז געלעגן קראַנק אויף טיפוס. דער אַלטער האָט אונז גלייך איבערגעגעבן, אַז גראַנאָווסקי איז דאָ געווען און געוואַרט אויף אונז, געוואַרט און אַוועקגעגאַנגען, און פאָרן אַוועקגיין אָנ־געזאָגט, מיר זאָלן וואַרטן אויף אים.

מיר זענען אַלע דריי געשטאַנען, מורא געהאַט צו שטיין און מורא געהאַט זיך אַוועקצוזעצן. די קראַנקע האָט אָן אויפהער גערעדט פון היץ. אונז פרעמדע האָט זי אָנגענומען פאַר אירע נאָענטע פריינט, האָט אונז גערופן מיט די נעמען, וואָס אירע פריינט הייסן. דער אַלטער האָט זיך געקלאָגט פאַר אונז, אַז ער האָט איר נישט מיט וואָס דאָס לעבן צו דערהאַלטן, אַז ער האָט איר מער נישט צו געבן ווי הייס וואַסער און שוואַרץ ברויט. מיר האָבן אים געגעבן פינף אין צוואַנציק רובל. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיט אונז פון גרויס גדולה און דאַנקבאַרקייט, און האָט שוין זייער פיל שלעכטס גערעדט אויף זיינע גלויבנס-גענאָסן, אויף די פּאַליאַקן. דאָס איז אים אַזוי שלעכט, זינט די פּאַליאַקן האָבן זיך דאָ אונטער זיין נאָז באַזעצט... ער איז בא זיי פאַרדעכטיקט. זיינע צוויי טעכטער זענען אַרעסטירט. ער האָט אַזש געלאַכט פון ווייטיק. דער רוסי-פיצירטער פּאָליאַק: די קלענערע זיינע איז אינגאַנצן זעכצן יאָר אַלט, אַ קינד, און ווייסט אַזוי פיל באָלשעוויזם, פּונקט ווי ער ווייסט אין בוכ-האַלטעריע... זיצן זיי אין סאַרנע אַרעסטירט, די צוויי טעכטער, און ער הערט נישט פון זיי און ווייסט נישט פון זיי.

דערציילנדיק זיין ביטערע לאַגע, האָט ער דאָך אָן אונז נישט פאַר-געסן און האָט פון צייט צו צייט אַ קוק אין פענצטער געוואָרפן, און דער-זען גראַנאָווסקין, האָט ער אין זיינע אייגענע צרות פאַרגעסן און מיט שמחה אויסגעשריען:

— אָט גייט גראַנאָווסקי!

אין זיין אַריינגיין איז שוין געווען צו דערקענען, אַז ס'איז עפּעס נישט פריילעך. אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעשפּאַרט בײדע עלנבויגנס אויף די קני, מיט בײדע הענט אַ רייב געטון דאָס פּנים און נאָך אַ לאַנגער פּויזע, האָט ער געזאָגט:

— ניטשעוואָ!

און דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער סטראַזשע האָט גע-זאָגט, אַז ער קאָן פאַר אַזאַ זאַך, ווי דורכלאָזן מענטשן אומלעגאַל די גרענעץ, ריזיקירן מיט זיין קאָפּ. ער האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען דעם בײטל און אונז אומגעקערט דאָס געלט מיט אַ חיסור פון צוויי הונדערט רובל. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די סומע וואָס פעלט, האָט ער גע-פּטרט אויף משקה, וואָס ער האָט מכבד געווען די זשאַנדאַרן. נאָכדעם

האָט גראַנאָווסקי אַרויסגערופן אינדרויסן דעם קרעמעניצער און דאָרטן מיט אים אַ לאַנגע צייט געשמועסט. אַריינגעגאַנגען צוריק איז שוין גראַנאָווסקי נאָר צו געזעגענען זיך. ער האָט זייער שטאַרק באַדויערט, וואָס פון זיין אונטערנעמונג איז גאָרנישט געוואָרן און האָט זייער מיטלייד געהאַט מיט אונז. ער האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— ווסיאָ פּראָסטיוו וואָס.

נאָך זיין אַוועקגיין, האָט דער קרעמעניצער אונז דערציילט, אַז גראַנאָווסקי האָט אים פאָרגעשלאָגן אַריינצוטרעטן אין דער געהיים-פּאָליציי, און אויף אַזאַ אופן, הייסט עס, וואָלט ער אים געקאָנט אַריבערנעמען אין שטאָט אַריין. דער קרעמעניצער, פאַרשטייט זיך, האָט זיך פון אַזאַ מיטל אָפּגעוואָרפן.

זענען מיר געשטאַנען אין ענגן שמוציקן שטיבל, וווּ עס איז געלעגן אויף ברודיקע קישנס אַ טיפוס-קראַנקער און האָט גערעדט פון היץ. מיר זענען געשטאַנען מיט מורא צו שטיין דאָרטן און נישט געהאַט קיין פוח צוריקצופאָרן. ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואָרט אויף אַ פּאָר אָקסן, געשפּאַנט אין אַ שליטן, אַרויפגעוואָרפן אונזערע זאַכן און השיבנו!...

די זאַכן זענען געלעגן אין שליטן און מיר זענען נאָכגעגאַנגען, נאָכגעגאַנגען ווי אבלים נאָכן קאָטאָפאַלק... דעם גאַנצן וועג קיין וואָרט נישט גערעדט. צווישן שטילקייט פון אַ וואַלד און סאָסנע-ביימער, וואָס האָבן מיט זייער גרויקייט דערמאַנט אַ ווייט, ווייט פאַרגאַנגען שטיק לעבן. אַ זומער... מיט ביימער... מיט דיר און פאַר דיר... איצט איז עפּעס אַזוי ווי דער וואַלד וואָלט קיין וואַלד נישט געווען און די ביימער וואָלטן קיין ביימער נישט געווען, און דו נישט דו... פאַרפרעמדט איינס פון דאָס אַנדערע פון לאַנג-יעריקער אָפּגעריסנקייט... וואַלד און ביימער, וואָס שטייען מיט גרויסקייט, טיפקייט און ברייטקייט, זענען ברוגז אויף מיר, און איך גיי מיט רוגז, גיי פאַרביי מיט אַ מורא צו גיין ווו איך גיי און מיט נאָך מער שרעק אַראָפּצוקריכן פון וועג... זיין גרויסקייט און ברייטקייט איז — ענג פאַר מיר. מיט שרינט אָפּגעטיילט ביימער פון ביימער, וואַלד פון וואַלד, מיט אַ שליאַך אויף אַרומצודרייען זיך הין און צוריק און ערגעץ נישט צו קומען... ווו נישט ווו האָט זיך אַ פויגל-געזאַנג געלאָזט הערן, אַ געזאַנג פון גרויסער פרייהייט, פון פרייהייט אין וואַלד און איבערן

וואַלד, פון ברייטער מעגלעכקייט אַריבערצופליען פון איין אָרט אויפן אַנדערן.

מיר זענען געגאַנגען צוריק, נאָכגעגאַנגען שליטן און זאַכן, צוריק אין דאָרף אַריין, פונוואַנען מיר זענען אַרויסגעפאָרן מיט דער זיכערקייט שוין צוריק זיך נישט אומקערן... צוריק אין דער זעלבער שטוב אַריין, מיט די ווערימדיקע מענטשן, וואָס האָבן אונז אַזוי אומברחמנותדיק באַריסן.

מיטן זעלבן געפיל, ווי עס קומט אַריין אַן אבל אין שטוב אַריין נאָך דער לויה, אַזוי זענען מיר אַריין אין שטוב, נישט געענטפערט אויף דער נייגיריקייט פון מענטשן, און אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן געפרעגט, האָבן מיר געשוויגן.

ס'איז שוין געווען נאָך ליכט-בענטשן. אַ פּאָר יידן פון דאָרף זענען שוין געק מען דאַווענען, געזעסן מיט קויטיקע העלזער און שבתדיקע קאַפּאָטעס, און איך האָב זיך צווישן די שבתדיקע יידן דערפילט ווי אַ גר, וואָס ווייסט אַ סך פון יידישקייט און פילט זיך נאָך אַלץ פרעמד מיט שבת און יידן צוזאַמען; איך האָב מיך אָפּגעטיילט פון דער שבתדיקער שטוב און פון די שבתדיקע יידן, בין מיר אַריין אין האַלב-פינצטערן און וואַרעמען אַלקיר און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

שבת, 7-טער פעברואַר.

אַ גאַסט געקומען מיט שמייכל און יוגנט-גלאַנץ. אויסערגעוויינלעך שיין, הויך און ברייט, מיט אַ גרויסן שיינעם קאָפּ, מיט גרויסע, הערלעך שיינע און קינדעריש-מילדע אויגן. אַריינגעקומען צו אונז, ווי צו זיינע, און געזאָגט „דזשען דאָברי", און איבערפלעכלעך אַ פרעג געטון עפּעס בײַ אונז וועגן אונז, און עס איז שוין קענטיק געווען אין זיין פרעגן, אַז ער האָט פריער פאַרן ענטפער געוווסט, וואָס מיר וועלן ענטפערן. מיר האָבן אים געבעטן זיצן, און ער האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן און ווי אַ גבור-ציד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערד און דאָס היטל און זיך געזעצט בײַם טיש ברייטלעך און פריינטלעך, ווי ער וואָלט שוין בײַ זיך געוווסט, אַז ער וועט בײַ אונז אַן אָנגעלייגטער גאַסט זיין. מיר האָבן זיך אויך געזעצט און זיך צערעדט מיט אים, און ער מיט אונז, ווי פון יאָרן-לאַנג-באַקאַנטע. אַ פּאָר שעה איז ער בײַ אונז געזעסן און די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט פון זיך מעשיות צו דערציילן, פון זיך און פון אַנדע-

רע, פאַר די גאַנצע זעקס יאָר מלחמה, פון דער גאַנצער צייט פון דער וועלט־קריג, פון דער בירגער־קריג און פון דער לעצטער מלחמה צווישן פוילן און רוסלאַנד.

ער האָט בא אונז טיי געטרונקען און צוגעביסן. מיר זענען שטאַרק צופרידן געווען, וואָס ער טרינקט און עסט בא אונז. צופרידן געווען ווי מיט אַן אַלט־באַקאַנטן פריינט. ער האָט גאָר, זעט אויס, איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ פּאָליאַק און מיר זענען יידן, און שוין גאָרגישט ווי קיין פּאָליאַק אָפּגעהאַרציק גערעדט... אָן אויסערגעוויינלעכער בחורעץ!

פאַרן אוועקגיין זיך הערצלעך געזעגנט, האַנט אין האַנט געדריקט, און ווי אַ פריינט פון פריינט אַוועקגעגאַנגען.

זונטיק, 8־טער פעברואַר.

אַרום דריי אַ זייגער באַטאָג האָט זיך דער זעלבער זשאַנדאַר מיט נאָך איינעם באַוויזן; דער צווייטער, אַ הויכער, אַ דאַרער, האָט זיך געהאַלטן שטרענג, זיך אויסגעפרעגט בא אונז דאָס, וואָס ער האָט שוין זיכער פון יענעם וועגן אונז געוווּסט און דאָס וואָס אַזאַ אָפיציעלע פּערזאָן מוז אין אַזאַ פאַל פרעגן. דער קרעמעניצער האָט מיט אים פּויליש גערעדט, און דער זשאַנדאַר האָט בא אים פּלוצלינג אַ פרעג געטון: ווען ער איז געווען אין וואַרשע. דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, אַז ער איז קיינמאָל אין וואַרשע נישט געווען.

— ביסט קיינמאָל נישט געווען אין וואַרשע? — האָט דער זשאַנדאַר אַ פרעג געטון מיט אַ טשעקאַווע, כיטרע שמייכעלע.

דער קרעמעניצער האָט דאָס זעלבע געענטפערט, אַז ער איז נאָך אויף זיין לעבן אין וואַרשע נישט געווען און יענער האָט שוין מיט ביטול און חוצפה נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— ביסטו, הייסט עס, גאָר אין דיין לעבן אין וואַרשע נישט געווען?

דער קרעמעניצער האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז דאָס מוז דער זשאַנדאַר אוודאי מיינען, אַז ער איז דער וואַרשעווער.

— דאָ איז דאָ איינער, וואָס איז געווען אין וואַרשע. אַ וואַרשעווער.

באַלד געגעבן צו וויסן דעם וואַרשעווער און יענער איז באַלד געקומען און אים אָנגעקוקט און באַטראַכט. געפרעגט אויף זיין פּאַס, האָט

ער באַוויזן. האָבן זיי אַריינגעקוקט ווי אין אַ באַקאַנט ביכל אַריין און אַריינגעוואַליעט זיך צו אונז אין אַלקיר אַריין, וווּ די פרוי מיינע איז געלעגן אַ פאַרטשאַדעטע פון סאַמאָוואַר, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט מיט דעמבענע קוילן, און געזאָגט האָט דער נעכטיקער זשאַנדאַר, אַז מיר פאָרן מיט זיי, האָט אַ קוק געטון אויף אונזערע זאַכן, זיך בייזמוטיק פאַרקרימט און געפרעגט ווען מען וועט זאַכן דאָס זענען. און באַקומענדיק אַן ענטפער, האָט ער עפּעס אַ טראַכט געטון און עפּעס ווי מיט זיך אַליין אַ ישוב געכאַפּט, אַ זאָג געטון צו זיין קאָלעגע, אַז אונז צוויי איז נאָך פריצייטיק צו נעמען, ווייל מיר זענען מיט פיל פעקלעך און ווער ווייסט, אפשר וועט נאָך אויסקומען צוריקצופאָרן.

און טענהן איז נישט געווען צו וועמען, פאַרפאַלן. ס'פאָרן נאָר זיי צוויי, דער קרעמעניצער און דער וואַרשעווער.

דער קרעמעניצער האָט אָנגעטון איין פּאַלטאָ אויפן אַנדערן, האָט זיך מיט אונז געזעגנט און געוויינט ווי אַ קליין קינד און צוגעזאָגט אַלץ צו טון, וואָס ער וועט קאָנען. מ'זאָל וואָס גיכער נאָך אונז קומען. דער וואַרשעווער האָט אויך ראָס זעלבע מבטיח געווען.

ווידער געבליבן אויף צרות און אויף אומבאַשטימטער וואַרטעניש, פאַריתומט איז מיט אונז געבליבן דאָס ראַוונער בחורל. ער איז געזעסן און אומעטיק געשוויגן. ער האָט נאָר איינמאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט :

— מיר זענען געבליבן...

וועגן בחורל האָבן מיר נאָר איין זאַך געוווּסט . אַז ער האָט אין ראָוונע אַ כלה און פאָרט צו דער כלה און צו דער כלה האָט ער עס אַ בריוו אָוועקגעשיקט.

פרייליעכער איז מיט אים נישט געווען, מיט דעם בחורל. זיין אָנגעזונהייט האָט נאָך געדיכטער און האַרטער דעם אומעט געמאַכט. ער איז געזעסן ווי אַ יונג מעלאַנכאָלישער האָנטשיק צווישן טאָג און נאַכט, וואָס האָט נאָך זיין פלאַץ און אָרט נישט געפונען. דאָס אַלטע פאָר פאָלק האָבן אַזוי פיל אַלטע זאַכן געערדט אום אונז צו באַרויקן. די אַלטע איז שוין עפּעס איינגאַנצן ווי אַ נאָקרימעניש פונם אַלטן געווען... זיינס אַ שטיק אַלטקייט אָנגעטון אין אַנדערע בגדים... בא איר האָט שוין אפילו

אַ באַרד אָנגעהויבן וואַקסן. זי האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט פוס־טריט און געגערעדט כּמעט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט. און גלייך ווי דער קרעמ־ניצער איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי אים גענומען באַרעדן. עפּעס האָט זי געוואָלט באַ אים קויפן און ער האָט איר נישט געוואָלט פאַרקויפן און באַטראַכט אונזערע פּעקלעך, האָט זי געזאָגט, אַז ווען מיר האָבן זיך פאַר־פּאַקט, האָט זי באַמערקט צווישן אונזערע זאַכן אַ עלכעס, וואָס נאָך איר „דעה" נאָך דאַרפן מיר עס נישט, איז אפשר וואָלטן מיר עס איר פאַר־קויפט... חלילה נישט אַ מזיסט... זי וויל נישט אומזיסט. ווען מענטשן גע־פינען זיך אין אַזאַ עת־צרה און זעען ווי אַנדערע מענטשן ווילן דיך אויסנוצן, פאַרדריסט עס זייער און ס'באַליידיקט... אין אַזאַ צייט ווילט זיך האָבן אַרום זיך, אויב נישט קיין פריינט, איז כאָטש מענטשן, וואָס זאָלן דיך מיטפילן. ס'ווילט זיך הערן אַ געטריי וואָרט... מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַן עת־צרה ווערן קינדעריש, זיי נייטיקן זיך אין אַ וואַ־רעמער אַטמאָספערע און ווערן פילנד ווי קינדער, דערשפּירן גלייך, ווער עס איז זיי געטריי און ווער נישט. עס איז שוין געווען זייער פאַרדראָסיק און באַליידיגנד צו הערן, ווי די דריי לייט האָבן אָפּט צווישן זיך גערעדט וועגן אונז, זיך אינטערעסירט מיט אונזער מאַטעריעלן מצב, נישט פון פריינטשאַפט צו אונז, נאָר צוליב זייערע אינטערעסן.

אין אָוונט איז לייבאַ געקומען צו אונז. ער איז גלייך אַריינגעקומען מיט די ווערטער:

— איר וועט פאָרן! איר וועט פאָרן! איז נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי, וואָס איז דער גזאייל?

געפרעגט באַ מיין פרוי אפשר דאַרף זי עפּעס, אפשר פעלט איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי, אונזערע שטוב־מענטשן, קאָנען נישט קריגן.

— עסט און טרינקט!

מיר האָבן גערעדט מיט לייבאַן, צוזאַמען גערעדט וועגן נייעם קלאַפּ, וואָס אונז האָט געטראָפן. און לייבאַ האָט זיך אויסגעלאַכט. ער האָט געזאָגט, אַז די זשאַנדאַרן זענען לכתחילה נאָך זיי געקומען און נישט נאָך אונז, ווייל ער האָט דאָרט באַ פרייל׳עכמאַנען געהערט, אַז די צוויי חברה־לייט האָבן אַ סך געלט צוגעזאָגט... ער האָט אונז אויך קלאָר געמאַכט, פאַרוואָס מיט גראַנאָווסקין איז גאָרנישט געוואָרן:

— וואָס באַדאַרפן זיי גראַנאָווסקין נאָכוואָס, אַז זיי קאָנען דאָס מאַכן, אָן גראַנאָווסקין.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— אַ גוטן טאָג, אַ גוטע נאַכט. זייט געזונט, עסט און טרינקט, ערגערט זיך נישט, איר וועט אויך פאָרן.

ס'איז איבערגעגאַנגען איין טאָג און אַ צווייטער. און יעדער טאָג איז פאַר מיר אַזוי גרויס געווען, ווי גרויס ס'איז פאַר דעם, וואָס טרינקט זיך דאָס וואַסער, אין וועלכן ער טרינקט זיך. מיט פיינלעכער אָנשטרענגונג געשטאַנען גאַנצע טעג באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף יענע, וואָס דאַרפן קומען נאָך אונז... פאַרגלייכט אונזער לאַגע מיט איינעם, וואָס איז יאָרן־לאַנג מיט נאָך חברים אין תפיסה געזעסן און די חברים האָט מען ענדלעך באַפרייט און ער איז געבליבן איינער וואַרטן מיט אומבאַשטימקייט און מיט נישט וויסן אויף וואָס צו וואַרטן. דאָס איז דאָס פיינלעכסטע, וואָס אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן זיך פאָרשטעלן; דאָס איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן ערגער פון דעם, וואָס איינער לעבט איבער, באַקומענדיק דעם טויט־אורטייל און דערוואַרט יעדע מינוט מ'זאָל קומען נאָך אים און דעם טויט־אורטייל איבער אים אויספירן... אין דעם פאַל האָט דער גייסטיקער אַפּאַראַט צו טון מיט באַשטימטקייט; די געפילן האַקן זיך אָן אין וואַנט פון דער באַשטימטקייט און ווי שרעקלעך זי זאָל נישט זיין, איז ווערט זי דאָך פון זיך אַליין, פון דער באַשטימטקייט, פאַרטעמפּט. מ'קאָן נאָך אַ ביישפּיל ברענגען ווי ווייט אומבאַשטימטקייט איז פיינלעך פאַר דער מענטשלעכער נשמה... איינער דערוואַרט פון זיינעם אַ נאָענטן און ליבן מענטש עפּעס אַ פינצטערע בשורה צו הערן. די אַרומיקע באַהאַלטן עס פאַר אים און די פאַראינטערעסירטע פּערזאָן זוכט און שנאָרט און וויל דווקא דערגיין דעם אמת. ער וויל דווקא זיך דערוויסן דאָס, וואָס אים איז שרעקלעך. אומבאַשטימטקייט, וועגן וואָס עס זאָל זיך נישט האַנדלען, איז אַ צרעת אויף דעם מענטשלעכן גייסט. דאָס איז אַזאַ מין לאַסט, וואָס די נשמה קאָן נישט איבערטראָגן... דאָס איז אַזאַ מין צרה, וואָס מ'קאָן זיך דערצו נישט צוגעוויינען.

די לעצטע טעג פון וואַרטעניש זענען געווען שוין גאָר נישט אין פאַרגלייך ערגער פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן אין דאָרף איבערגעלעבט... יעדע מינוט גרויס ווי אַ שעה, יעדע שעה ווי אַ טאָג, און

יעדער טאָג — אַן אייביקייט. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער און פיל מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער זייגער איז שטיין געבליבן, ווייל איך האָב די ווייזערס אויפן זעלבן אָרט געטראָפן.

איבערגעגאַנגען אַ טאָג מיט אַן אייביקייט. צופרידן געווען, וואָס דער טאָג איז אַוועק. איבערגעגאַנגען אַ נאַכט, צופרידן געווען וואָס אַ נאַכט איז אַוועק. אויסגעמישט טאָג מיט נאַכט, מיט דרימל און שלאָף. פרי נאַכט געמאַכט. מיד און צעבראָכן זיך געפילט פון באַטאָגעדיקן גאָרנישט טון פון וואַרטן און באַטאָגעדיקן ליגן מיט אָפענע אויגן און פאַרמאַכטע אויגן און חלומות, וואָס האָבן זיך מיט אַ וואַכעדיקער ווירקלעכקייט אויסגעמישט. הינטער פאַרמאַכטע אויגן געזען און די געדאַנקען האָבן זיך אין נעפּלען געהילט.

און די צייט, וואָס האָט זיך געדאַכט — זי שטייט — איז דאָך איבערגעגאַנגען, און, דאַנקען גאָט, מיטוואָך דערלעבט. אָבער דער מיטוואָכדיקער טאָג איז אומבאַמערקט אַוועק, ווייל אין דאָרף איז עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך געשען. נאָך גאַנץ פרי, ווי מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבן מיר דערהערט, אַז דאָס דאָרף רודערט, און גלייך האָבן מיר זיך פון אונזערע שטוב-מענטשן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פריער פאַר אונז, דערוווּסט, אַז באַנאַכט איז בײַ צוויי פויערים גנבות געשען: בײַ איינעם און אַ צווייטן האָט מען גאַנצע קאָרצן תבואה אַרויסגענומען.

אַז ס'זענען שוין אַזעלכע גנבות פאַרגעקומען אין דאָרף, האָב איך שוין נישט איינמאָל געהערט. די גנבות האָבן אָנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער, אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס דאָרף איז אָפּגעריסן געוואָרן פון שטאָט און די פויערים, וואָס האָבן באַזעסן ווינציק ערד און פלעגן ווינטער האָבן אַרבעט אין שטאָט, זענען אָן אַרבעט געבליבן. פיל פויערים האָבן אַמאָל געהאַט פרנסה פון „וואָזקע", דאָס הייסט, פון דעם וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט געהילץ פון וואַלד, וואָס אַלע ווינטער האָבן יידישע סוחרים געהאַקט; און אָט, אַ דאַנק דער מלחמה, איז די אַרבעט אונטערגעגאַנגען, און נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע פון דער פאַרפּלאָנטערטער, פאַרקריפּלטער מלחמה צווישן די באָלשעוויקעס און פּאָליאַקן; געבליבן אַרומגעשניטן פון אַלע זייטן אָן ברויט און אָן אַרבעט, האָבן זיך די, וואָס האָבן זיך אין דעם און אין יענעם געניטיקט, זיך געמוזט לאָזן

אויף אַזעלכע קרימינעלע מיטלען. דערצו נאָך איז די אַרבעטספּון גנבענען פאַרלייכטערט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די פּויערים, מורא האָבנדיק פאַר די רעקוויזיציעס פון די פּאָליאַקן, האָבן די תבואות באַהאַלטן אויף אַזעלכע פּלעצער, ווו עס איז ווירקלעך אַ פרעמדן שווער געווען צו געפינען, אָבער אַ היימישן גאַנץ לייכט. עס פאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזאַ פּרימיטיווער באַפעלקערונג איז איין באַהעלטער נישט ווייט אַוועק פונם צווייטן מיט זיין באַהעלטענישער דערפינדונג, און ס'האָט איינער פונם צווייטן אומגעפער געוווסט, ווו בײַ וועמען די תבואה ליגט באַהאַלטן, און דערמיט האָבן זיך באַנאַצט אַט־די היימישע „גנבים" און זעלטן ווען ס'איז אַוועק אַ וואָך אָן גנבה, אָבער כאַפּן די גנבים האָט זיך עס ערשט דאָס ערשטע מאָל איינגעגעבן. זיי ליגן ערגעץ געבונדן און בײַ לייבאַן אין שטוב קומט שוין פאָר דאָס געריכט מיטן סטאַראָסטאַ אָן דער שפּיץ, און דאָס דאָרף וואַרט מיט אומגעדולד אויפן משפט, וואָס וועט פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן ווערן.

לייבאָס שטוב איז באַלאַגערט מיט דאָרף, מיט גרויס און קליין, מיט יונג און אַלט און די פענצטער זענען פון אינעווייניק שוואַרץ פון פּלייצעס, אַקסלען, קעפּ, מענטשן, און ס'הערט זיך פון דאָרטן אַ ליאַרם און געפּילדער ווי פון אַ בײַ־אַרויס און דאָ אינדרויסן וואַרט מען אומגעדולדיק אויפן פּסק־דין וואָס די „גראָמאַדע" מיטן סטאַראָסטאַ אָן דער שפּיץ וועלן אַרויסטראָגן.

אַרום צוועלף אַ זייגער האָט זיך פון לייבאָס שטוב אַ דאָרף אַרויסגעשאָטן, אַ צעגליט דאָרף, אַ פאַרשוויצט דאָרף, אַן אויפגערעגט דאָרף, און צונויפגעגאָסן זיך מיטן דאָרף, וואָס איז אינדרויסן געשטאַנען, זענען אַלע אַוועק אַהין, ווו די גנבים זענען געלעגן געבונדן.

פון אַ שטעלכל האָט מען אַרויסגעפירט צוויי פּויערים מיט פעסט־אַרונטערגעבונדענע הענט אויף הינטן. איינעם פון זיי האָט מען גלייך די הענט פריי געמאַכט און גלייך האָט זיך אין זיין צעדרייטער, אָנגעשוואָלענער אַרבעטער האַנט אַ ביקס באַוויזן. דעם צווייטן האָט מען צוגעפירט צו אַ פּלויט און אים צום פּלויט צוגעבונדן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, טויט־בלאַס און די אויגן האָבן געבלאַנקט ווי שפּיגעלעך. סאַמע אויף דער מיט קאָפּ איז ווי אַ בינטל שטשעטשינעס געשטאַנען אויפגעשטעלט אַ בינטל האָר, וואָס האָבן אויסגעזען האַרט און שטעכעדיק ווי

שפּילעך; און געקוקט האָט אָט־דער פאַראורטיילטער צום טויט מיט אויגן, אָבער געזען האָט ער שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט... ס'האָט עפּעס אַרויסגעקוקט פון אים, און דאָס וואָס האָט אַרויסגעקוקט איז געווען שוידערלעך.

— אַ באַטשי, — האָט זיך געהערט אַ שושקעריי.

און יענער „זלאָדיי", אויף וועמען ס'איז קענטיק אויסגעפאַלן דער גורל דעם צווייטן קאָלענע צו שיסן, האָט זיך לאַנג געפּורקעט מיט דער ביקס מיט זיינע געשוואָלענע הענט, וואָס זענען געווען געשוואָלן פון די שטריק, מיט וועלכע זיי זענען לאַנגע שעהן געווען געבונדן. און דער־הערט האָט זיך דאָס קול פון דעם צום טויט פאַרמשפּטן:

— נו שטאָרש, סטרעלאַי!

און יענער האָט אויסגעשאָסן, און אַ דאַנק זיינע טראַנקע הענט נישט געטראָפן, נישט געטראָפן וווהין מען דאַרף אויף צו טויטן און יע־נער איז געשטאַנען אַ לעבעדיקער און קענטיק אַליין נישט געוווּסט, צי לעבט ער נאָך, און אומזין האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע לעבעדיקע אויגן, און נאָך אַ שאָס און אַ דריטער און אַראָפּגעלאָזט האָט יענער קאָפּ און אַקסל, האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד, ווי ער וואָלט שטיל, הכנעהדיק געדאַנקט פאַרן טויט, וואָס מ'האָט אים געגעבן. און איז אַזוי פאַרגלי־ווערט געבליבן.

אָפּבינדן דעם שטייענדיקן טויטן האָט זיך שוין דווקא קיינער נישט געכאַפּט. ס'איז געווען שטיל, מיילער האָבן געשוויגן און איין פויער מיטן צווייטן האָבן זיך ווי בגנבה איבערגעקוקט.

בא אונז אין שטוב האָט מען אַ גאַנצן טאָג גערעדט וועגן דעם ענין. דער אַלטער האָט גערעדט וועגן דער תורה, וועגן יידן און שפיכת דמים און וועגן גויים גערעדט, אַז —

ס'איז שוין גאָר קיין ווו דער נישט, וואָס זיי מאַכן אויף יידן פּאָג־ראָמען, אַז מ'קאָן נעמען אַן אייגענעם גוי, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דאָרף און מ'קאָן נעמען בפני כל עם ועדה אינמיטן העלן טאָג און אים שיסן פאַר אַ פּאָר טעפּ תבואה, וואָס ער האָט אַרויסגעגנבעט, איז עפּעס אַ חידוש?...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דער טאָג איז אַוועק אומבאַמערקט, די נאַכט האָט אָנגעהויבן צו־

פאַלן, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דאָ גייט עפּעס אַ נייע נאַכט, אַ נאַכט אַן אומבאַקאַנטע, אַ פרעמדע, שרעקלעך מיט איר אומבאַקאַנטקייט און גרויזאַם מיט איר פרעמדקייט... פון מרחקים קומט זי, פול מיט געשפּענסטער, פון שטעט און שטעטלעך פאַרוויסטע, פון פעלדער און וועלדער, פון געגנטן אומבאַקאַנטע. און זי גייט די נאַכט אויפן דאָרף, הייזער און מענטשן צו פאַרגיסן, צו פאַרדעקן פון טאָג און ליכטיקייט... צוזאַמען מיט אַ סילועט פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך איינגעשטעמפּלט אין טאָג מיט טונקלקייט און געדיכטקייט פון מענטשן־פיגור און מענטשן־געשטאַלט.. זי גייט עס פון טאָג צונעמען און איינצושמעלצן אין זיך אין אייביקער נאַכט און אייביקער פינצטערניש... אַ נאַכט גייט אויף אַ דאָרף און אויף הייזער, ווו עס זיצן מענטשן רויקע, גוטמוטיקע, מיט פינצטערע מוחות און באַגריפן... מענטשן טוזנט מאָל בעסער פון שטאָטיקע און צוויי טויזנט מאָל ערגער...

אין איין פענצטער, אין אַ צווייטס האָט זיך פייער און ליכטיקייט באַוויזן און פאַנטאַסטיש האָבן אויסגעזען די פיגורן, וואָס האָבן זיך אין די הייזער אַרומגעדרייט. אַמאָל איז איין פענצטער, אַמאָל אַ צווייטס פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ שאָטן פון אַ מענטש און פאַרשטעלט מיט זיך פייער און ליכטיקייט און זיך אַליין. און מ'האָט נישט געקאָנט באַמערקן ווי דער מענטש שטייט, צי מיטן פנים צום פענצטער, צי מיטן פנים אין שטוב אַריין... געדיכטע, מאַסיווע נאַכט־שאָטנס און הייזער, שאָטנס ווי מענטשן און מענטשן ווי שאָטנס... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין יעדער שטוב דרייט זיך שטיל אַרום די פיגור פונם געשאָסענעם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויף אייביק באַזעצט אין יעדער שטוב און אַז אייביק וועט ער זיך ווי אַ פינצטערער גייסט אַרומדרייען צווישן ליכט און שאָטן.

נישט געוואָלט מער קוקן און פאַרשאַרט איין פאַרהענגל נאָכן צווייטן. געוואָלט זיך אָפּגרענעצן פון נאַכט און דאָרף, מיט שטוב און ליכטיקייט... איך האָב געקוקט אויפן אַלטן ייד. געקוקט אויף אים מיט ליבע, דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד, דערפאַר, וואָס ער וואָלט נישט געקאָנט טון אַזעלכעס, וואָס אַ גוי קאָן טון. ער האָט געררייכערט אַ גרויסן ציגאַר פון בודיליע, געוויקלט אין פּראָסט גראָב פּאַפּיר. בײַ יעדן צי, וואָס

ער האָט געגעבן, האָט זיך באַ אים אָן אויג צוגעמאַכט, און ס'האָט אַ בלישטש געטאָן דאָס גליענדע פייערל פונעם ציגאַר.

— איר האָט שוין געדאַוונט מעריב, ר' שלמה?

מעריב?... וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר?... איך האָב געוואָלט אים הערן דאַוונען מעריב...

באַ דער הרובע זענען געזעסן די אַלטע מיט דער טאָכטער און צווישן זיי די פרוי מיינע.ביידע האָבן גערעדט צו איר. זיי האָבן איר געגעבן האָפנונגען, אַז מיר וועלן גיך אָפּפאָרן פונדאַנען, און די פרוי מיינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ יאושדיק און האָפנונגסלאָז.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט, יאָ געשלאָפן, צי נישט געשלאָפן, האָט זיך מיר געדרייט דאָס בילד פון געשאָסענעם און דווקא אין וואָכעדיקן צושטאַנד האָב איך אים געזען אַ לעבעדיקן... איינמאָל האָב איך מיט אָפענע אויגן געזען ווי ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס פיל־פיל קעסטלעך מיט באַלויכטענע פענצטערלעך און אין די פינצטערלעך דרייען זיך שאָטנדלעך פון מענטשן אַרום... ער שפּאַנט, ער גייט ערגעץ אין זיינס אַ וועג און טראָגט דאָס גאַנצע דאָרף אויף זיינע פּלייצעס...

איך האָב געטראַכט, אַז מיינע נערוון זענען שוין זייער קראַנק, ווען איך קאָן מיט אָפענע אויגן אַזעלכעס זעען, און ס'האָט מיך געשוידערט פון דעם איינציקן געדאַנק, איך זאָל נאָך דאָ פון זינען נישט אַראָפּ...

ווייט אין טיפקייט פון נאַכט, אין נאַכטיקער גרויסקייט פון נישט שלאָפן און יאָ שלאָפן, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ טופּעריי אויפן בריקל און אַ קלאַפּ אין טיר מיט אַ פּוילישער פראַזע וועגן עפענען. געווען זיכער, אַז דאָס איז מען געקומען נאָך אונז, האָבן מיר ביידע געציטערט פאַר דעם באַנאַכטיקן וויזיט... עמעצער פון אונזערע שטוב־מענטשן האָט זיך מיט באַרוועסקייט דורכגעטראָגן איבער דער שטוב און ערגעץ אין דער שטילקייט פאַרגליווערט געבליבן...

ס'איז שוין קיינער נישט געשלאָפן, פון אַלע דריי צימערן האָבן זיך שטימען אַריבערגערעדט און אין יעדן קול האָט זיך געשפּירט אומרויִקייט און שרעק.

די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע, דאָס האָבן שקצים, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אויף דער „וואַרטע" געוואָלט די יידן איבערשרעקן.

און נאָך שפּעטער, נאָך טיפער אין דער נאַכט, ליגנדיק אין דרימל, וואָס איך האָב מיט געוואַלט אויף זיך אָנגעוואָרפן, האָט זיך פּלוצלינג ערגעץ אין מיר אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה, האָט זיך אַ שפּאַלטונג פון אַ ווונד געעפנט. בליץ־שנעל האָט ערגעץ די נשמה מיינע אַ קראַץ געקריגן, מיט שוואַרצן בליץ זיך דורכגעטראָגן און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

איינגאַנצן געפיבערט פון אומבאַוווסטן און אומבאַגרייפלעכער שרעק... עס האָט מיט מיר געוואָרפן, אין מיר און מיט מיר... דער גאַנצער מוח האָט געפלאַמט מיט שוואַרצע פלאַמען... געפלויגן אין טיפע אָפּגרונטן, געפלויגן און אין ערגעץ נישט געפאַלן, ווייל די אָפּגרונטן זענען געווען אָן אַ סוף, אָן אַ גרענעץ...

און איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פון זינען אַראָפּ, אָבער דאָס אַלץ איז ווידער געקומען פון דרויסן. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, האָט איינער, ווידעראַמאָל פון דרויסן, אַ ראַץ געטון מיט אַ שטעקן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וואַנט, לעבן וועלכער דאָס בעט איז געשטאַנען...

דאָנערשטיק, 12־טער פעברואַר.

אָן אַ קריי פון אַ האָן האָט זיך אָ'געהויבן די נאַכט צו בלייכן און דער טאָג צו טאָגן... נאָך נאַכט אַזוי ווי נאָך טאָג האָט זיך אין איין שטיבל, אין אַ צווייטס פייער באַוויזן, ווי נאַכט וואָלט טאָג מיט פייער באַגעגנט...

אויפגעשטאַנען מיד און צעבראָכן פון לאַנג ליגן, פון נישט שלאָפן און פון שלאָף מיט וויסטע חלומות; אויפגעשטאַנען מיט שאַטנס און מיד פון פּלאָנטערנישן, וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט אין האַלב וואַכעדיקן און האַלב שלעפערדיקן צושטאַנד; אויפגעשטאַנען מיט צוגעווינט־

קייט צום דאָרפישן פרימאָרגן, וואָס קומט גלייך מיט זיין לערקייט און פוסטקייט, מיטן נישט האָבן וואָס צו טון, מ׳טן נישט האָבן וווהין צו גיין... אַ פרימאָרגן, וואָס איז גרויס געווען פון פרי אויפשטיין און וואָס האָט אונטער זיך געהאַט אַ טאָג נאָך פיל מאָל גרעסער, אַ טאָג מיט ליידיקייט, אַ טאָג מיט פוסטקייט, מיט שטילקייט און געדיכטע האַר־טע רויקייט.

אָפּגעטרונקען טיי, האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט אויפן פאָ־ווער און פלייסיק זיך פאַרנומען האָלץ צו האַקן; מיט האַק און קלין איז באַ מיר געשפּאָלטן געוואָרן איין שטיק האָלץ נאָך דעם אַנדערן, און איינצייטיק ווי איבער מיין קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיסן אַ ליבע זיסע וואַרעמקייט. אַזוי האָב איך דערפילט ווי אויך מיין נשמה ווערט דערוואַ־רעמט און דערפרישט; וואָס מער געאַרבעט. וואָס מער פיזישע כוחות אַוועקגעלייגט, האָב איך אַלץ בולטער געשפּירט ווי דער גייסט מיינער ווערט שטאַרקער און שטאַרקער... עס פאַרשווינדט איין שוואַרצער שאָטן נאָכן צווייטן; אַלץ גיסט זיך צונויפמען: נשמה־לייכטקייט, קערפּער־וואַ־רעמקייט. און דאָ אַנטקעגן מיר שטייט די מעוברתע בהמה און ערנסט, מיט מעוברתער פאַרכראַכטקייט מעלה־גרהט זי, אָט די בהמה מיטן פעסל־דיקן בויך, און קוקט מיר אין דער האַנט אריין און פון צייט צו צייט פאַלט אַראָפּ פון איר מויל אַ שטיקל שוים. זי קוקט אויף מיר, אָט די כּשרע בהמה. איך דערקען אין אירע אויגן, אַז איך בין איר אַ פרעמדער, אָבער עס מאַכט איר נישט אויס, וואָס איך בין דאָ לעבן איר.

אָנגעשפּאָלטן אַ גרויסן באַרג האָלץ, האָב איך די האַק אַוועקגע־לייגט און צוגעגאַנגען צו איר. איר אַ גלעט געטון איבערן שטערן און זי, די בהמה גיט דיך אַ שפּאַן אָפּ איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט און אַ פערט מאָל. פיר שפּאַן (אָדער איין שפּאַן) מיט פיר פיס און מעלה־גרהט ווייטער, גיט אַ שטעק אַריין די צונג אין איין נאָז־לאָך, אין אַ צווייטן, און פון דער גאַ:צער בהמה בלאָזט אויף. מיר מיט אַזוי פיל וואַרעמער היימלעכקייט, אַז אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר נישט געלאָזט גלייבן, אַז איך געפין זיך אין אַזאַ אכזריותדיקער פרעמדקייט ווו מיין לעבן איז אויף אַ האָר געהאַנגען.

ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך געטראָפן דאָס ראָוונער בחור׳ל.

ער איז זיך געזעסן אין זיין שטילקייט און יונג-בערדלדיקער גע-איקסיקייט. מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע גוטמאָרגן אָפּגעגעבן.

געפרעגט באַ אים, באַ דעם יינגלשען בחורל, פאַרוואָס מען זעט אים נישט. ער האָט קרענקלעך געשמייכלט:

— ער ווייסט אַליין נישט.

אינזערע שטוב-לייט האָבן עס אויך פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט דאָ מיט אונז געדאַרפט זיצן.

ער איז געזעסן און געשוויגן, און זעט אויס, אַז דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט, האָט ער שוין געוווסט, און זיך פּלוצלינג אַ זאָג געטון, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס אָדער אַ געדאַנק:

— אַזוי ווי פון יענער וועלט!...

פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער וואָס מען הערט גאָרנישט פון אונזערע לייט, וואָס זענען אוועקגעפאָרן.

געזעסן, און נאָכן זיצן אַ ביסל געשטאַנען שטיל און אומעטיק, האָט ער געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און איז אַוועק.

אונזערע שטוב-לייט האָבן אויף דעם בחורל געזאָגט:

— אָט אויף וועמען עס איז אַ רחמנות!

מיר האָבן פ"י געגעסן מיטאָג, פרי געגעסן, ווייל אונזער יידענע האָט פרי צוגעשטעלט און עס איז פרי פאַרטיק געוואָרן. און אָפּגעגעסן פרי, האָט דער טאָג אָ געהויבן צו וואַקסן. אַמאָל צען האָב איך זיך צו-געלייגט אויף דער באַנק באַ דער גליענדער הרובע און אַזוי פיל מאָל זיך אויפגעהויבן. עס איז געווען שטיל אין שטוב ווי שבת נאָכמיטאָג, און אַזוי אומעטיק. פון צייט צו צייט האָט זיך דער אַלטער באַוויזן, האָט גע-עפנט אַ טירל פון דער רויטער שאַפע, האָט זיך דאָרטן אַ ציגאַר פאַר-וויקלט, פאַררייכערט און איז מיט דעם ציגאַר און רויך, מיט אַלטקייט און ווייסקייט צוריק אוועקגעגאַנגען אין צימער אריין, ווו עס זענען געזעסן ווייב און טאָכטער און אַלע צוזאַמען האָבן זיך אַמאָל אַ רעד געטון צווישן זיך פון שטוב, פון דער בהמה, וואָס באַדאַרף זיך קעלבן, פון אַ פור האָלץ און וועגן זאַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט באַ עמעצן צו קויפן אויף צו פאַרקויפן, און נאָך עפּעס האָט מען גערעדט וועגן אַ גויע און וועגן אַ גוי, וואָס דער לעצטער דאַרף זיי עפּעס געבן און באַ דער לעצ-טער דאַרפן זיי עפּעס נעמען, און פון זייער געשפּרעך האָט געשלאָגן

מיט אזוי פיל באַקאַנטן שוידערלעכן אומעט. איך בין אַריינגעגאַנגען צו מיין פרוי אין צימער און געזאָגט:

— חיהלע, מיך באַפאַלט שוין ווידער אַן אומעט...

זי האָט מיך לאַנג באַטראַכט, און געזען האָב איך ווי די אויגן, וואָס באַטראַכטן מיך, ווערן אַנגעגאָסן פולער און פולער און אַ טרער פון איין אויג און אַ צווייטע פון צווייטן לויפן אַרויס, זיך קייקלענדיק געשווינד איבער איר בלאַסן, אויסגעמאַגערטן קינדערישן געזיכט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צוויי נאַסע גלאַנציקע שנירעלעך...

צוויי זענען אַריינגעקומען, ביידע מיט ביקסן, איינער אין דער פאָרם פון אַ זשאַנדאַרם, דער צווייטער ציוויל אָנגעטון. דער ציווילער האָט גלייך ווי ער איז אַריינגעקומען אַ פרעג געטון, צי עס געפינען זיך דאָ אַזעלכע און אַזעלכע, און אָנגערופן אונזערע נעמען, די נעמען פון די טאַטעס, די פאַמיליעס און מיט אַ דגוש צוגעגעבן:

— ליטעראַט?

גלייך נאָכדעם, ווי דער ציווילער האָט נאָך אונזערע פאַפירן פעסט־געשטעלט, אַז דאָס זענען די זעלביקע, אויף וועלכע ער פרעגט, זענען זיי ביידע אַריין צו אונז אין אַלקיר און אַ פרעג געטון וועגן עפּעס אַ פּעקל פאַפירן מיט ביכער, וואָס איך פיר מיט זיך. באַוויזן אים דאָס פּעקל, האָט ער לאַנג גענישטערט, געזוכט, געקוקט אויף די יידישע שריפט מיטן קאָפּ צראָפּ און געפונען אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס פון יידישע שריפטשטע־לער. האָט ער אים באַטראַכט, געפרעגט אויף די פאָטאָגראַפיעס ווער זיי זענען און צי בין איך אויך דאָ צווישן זיי. און באַוויזן אים מיין פאָטאָ־גראַפיע, האָט ער זיך געהייסן ווייזן טראָצקין. איך האָב אים געזאָגט, אַז טראָצקי איז אין דעם אַלבאָם נישטאָ, האָט ער מיר נישט געגלייבט און ווייטער געבלעטערט דעם אַלבאָם, זיך לאַנג צוגעקוקט צו יעדן בילד און דערביי פרעך געשמייכלט. אָפּגעענדיקט מיטן אַלבאָם, האָט ער דערזען אויף דער וואַנט „משה רבינו" און אויף דעם בילד געפרעגט, ווער דאָס איז, און ער האָט שוין געמאַכט אַ צוזאַמענשמעלץ:

— אַ, אַ, יאַינע מאַישע טראָצקי!

געזען דאָס האַלטן זיך פון די צוויי לייט, האָב איך געטראַכט, אַז ביט אונז איז שוין ווידער עפּעס נישט פריילעך. ס׳האָט מיך געעקבערט אַ פראַגע: פאַרוואָס זענען נאָך אונז נישט געקומען די זעלבע, וואָס זע־נען געקומען נאָך יענע צוויי? און אַז שוין יאָ אַנדערע, איז עס דאָך זיכער נישט אָן דעם וויסן פון יענע; ווייסן זיי דאָך ווער מיר זענען, טאָ פאַרוואָס־זשע אַזאַ באַהאַנדלונג?

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש (באַ יענעם איז דאָס נישט פאָר־קומען). מ׳האָט געזוכט אין די בעטן און אונטער די בעטן, געשאָקלט דאָס בעטגעוואַנט, געהייסן צעפּאַקן די פּעקלעך, נאָכדעם האָט מען אונז באַ־זוכט און באַטאַפּט. באַ מיר האָט מען אפילו אין די קעשענעס געטרייסלט און די גאַנצע אַרבעט איז באַגלייט געוואָרן מיט חוזק מאַכן. דער ציווי־לער פאַרשוין האָט נישט אויפגעהערט צו קייען דעם נאָמען מײַנעם. ער האָט אים אַזוי לאַנג געקייעט, ביז ס׳איז שוין גאָר אויסגעקומען:

— זשאָוונע!

נאָכן זוכן, נאָכן טאַפּן, נאָכן נישטערן, האָט ער זיך ערשט אַוועק־געשטעלט אַקעגן מיר, געקוקט אויף מיר ציניש, געשמייכלט מיט חוזק און אַ פרעג געטון:

— פּאַנסקע נאַזוויסקאָ?

און ער האָט געלאַכט, און לאַכנדיק באַפוילן מיר זאָלן זיך אָנטון און געהייסן זיך נאָכגיין, און די פּעקלעך נישט געלאָזט נעמען. די פרוי מײַנע האָט עפּעס געפרווּט זאָגן וועגן דעם, האָט דער ציווילער פאַרשוין געזאָגט, אַז אויב מ׳וועט אונז נישט מאַכן „כיק" (ווייזנדיק אויף זײַן האַלז), וועט מען אונז געבן די מעגלעכקייט קומען נאָך די פּעקלעך, אָבער דער־ווייל באַפעלט ער אונז צו פאַרן אָן די זאַכן.

אינדרויסן איז זייטיק געשטאַנען אַ שליטן מיט אַ פּאָר פערד געשפּאַנט. באַפוילן אונז זיך אויסצוזעצן און אַליין מיט ביקסן אויף די אַקסלען האָבן זיי זיך געלאָזט נאָכגיין נאָך אונז.

מ׳איז געפאָרן פּאַמעלעך, געפאָרן ווי זיי הינטן זענען געגאַנ־גען. און זיי זענען הינטן אַזוי געגאַנגען, ווי מיר פון פאָרנט זענען געפאָרן.

געלאָזט דאָרף און שטיבער, זענען מיר אַרײַנגעפאָרן אין וואַלד

אריין און דאָ האָב איך ערשט דערפילט ווי איינזאַם און שטערבלעך מיר זענען... קיין איינמאָל זיך נישט אומגעקוקט אַהינטער, געשפּירט הינטער זיך די צוויי לייט מיט די ביקסן און אָן אויפהער געפילט אַ וואַרעם רעדעלע אויף דער פּלייצע... געקוקט פאָרויס, האָב איך געזען די אָ־יִמע פיגור פון פויער און די פּאָר פערד, וואָס זענען געגאַנגען טריט באַ טריט.

איך מיט מיין פרוי האָבן צווישן זיך גאָרנישט גערעדט. געזעסן איינס לעבן דאָס אַנדערע אין פאַרגליווערט שוויגן, און געטראַכט האָב איך, אַז איך מיט איר זענען אין דעם מאָמענט אַזוי הילפלאָז, ווי אַ פּאָר עופות, אַ הון מיט אַ האָן, וואָס מ'קאָן צו יעדער צייט טון מיט זיי וואָס מ'וויל, אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט איינס דאָס צווייטע צו באַשיצן...

מיר זענען געפאָרן פּאַמעלעך. די צוויי לייט זענען אונז נאָכגעגאַנגען פון הינטן און האָבן זיך געוויצלט איבער אונז און געלאַכט.

פאַרהעלטנישמעסיק האָב איך זיך געהאַלטן רויק. ס'טרעפט זייער אָפט, אַז מ'כאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ און דאָס אבר, וואָס האָט דעם שטאַרקן קלאַפּ געכאַפּט, ווערט פאַרטעמפּט און פילט שוין גאָר קיין ווייטיק נישט. איך דענק, אַז מענטשן, וואָס זענען ווייט פון טויט איז זיי דער טויט שרעקלעכער, ווי יענע, וואָס געפינען זיך נאָענט לעבן אים... איך גלייב, אַז אין אַזעלכע מאָמענטן (מיט גאַנץ מעגלעכע אויסנאַמען) ווערן די געפילן פאַרטעמפּט, אַדער מען פאַלט אריין אין אַזאַ כאַאָס, אַז מען פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן ווו מ'איז אין דער וועלט... פאַראַן אין מענטשלעכן גייסט טיפע, פאַרן מענטש אַליין פאַרבאָרגענע ערטער, וואָס גאָר אין געוויסע מאָמענטן אַנטפּלעקט עס פאַר אים גייסטרייכע געפילן, הויכע געדאַנקען, אָפּהענגיק פון דעם אין וואָס פאַר אַ נסיון איינער געפינט זיך, אומדערוואַרטע וואַקסט אַמאָל אַ געוויסער אינדיווידיום זיך אַליין איבער, הייבט זיך אויף העכער פון אַלטעגלעכקייט. און באַלויכטן פון אַ נייער אינערלעכער שיין, שמייכלט ער שוין גאָר אַריין דעם הענקער אין פּנים אריין...

און אָט האָב איך מיר אַזוי געטראַכט: ס'גייען הינטער אונזערע פּלייצעס צוויי מלאך־המותן... זיי גייען אונז נאָך מיט פיס און טריט... טוען דערווייל גאָרנישט. מעגלעך, אַז זיי וועלן גאָרנישט טון, אָבער ס'איז

אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז יאָ... ס'איז אָפּהענגיק פון אַ קאַפּריז... זיי, די צוויי לייט. קאָן זיך פאַרגלוסטן צו זעען, ווי אַזוי צוויי, וואָס זיצן אין שליטן, וועלן זיך פּלוצלינג איבערגעבן אַ וואָרף טון, אַ קאָרטשע טון... זיי וועלן דאָס נישט טון. לאָגיש קאָנען זיי דאָס נישט טון, ווייל באַקומען אַ באַפעל אונז צו אַרעסטירן, מוזן זיי אונז צושטעלן לעבעדיקע, נישט קיין טויטע. אָבער לאָגיק קאָן זיך בלייבן לאָגיק און זיי קאָנען טון נישט לאָגיש. קומען וועט זיי דערפאַר גאָרנישט... נו, רעכט... פאַר וואָס־זשע טוען זיי דאָס נישט? אויף וועמען וואַרטן זיי?...

טויט... וואָס איז דאָס אַזעלכעס טויט?... אַ לעבעדיקער קאָן דאָך קיינמאָל טויט נישט זיין. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט — לעבט ער דאָך. און אַ טויטער קאָן דאָך ווידער טויט נישט זיין. טויט איז ער נאָר פאַר די לעבעדיקע... עמעצער האָט אויסגעטראַכט אַזעלכעס, וואָס איז גאָר אינגאַנצן נישטאָ... אָט זיץ איך און לעב און וועל לעבן אַזוי לאַנג, ביז איינער אָדער ביידע וועלן מיך שיסן און וועל לעבן ביזן לעצטן מאָמענט... ס'הייסט אַזוי לאַנג ביז וואַנען איך וועל לעבן וועל איך לעבן, וועל איך טויט נישט זיין... און אַז דער טויט וועט קומען, וועל איך ווידער נישט זיין טויט, ווייל ס'וועט שוין דעמאָלט קיין „איך" נישט זיין. „איך" בין געווען „איך" אַזוי לאַנג, ביזוואַנען איך האָב געלעבט. נאָכן לעבן, איז אויס איך... האָט, הייסט עס, איינער געלעבט?... ניין... ס'האָט גאָר קיינער נישט געלעבט און קיינער נישט געשטאָרבן... גאָרנישט... נאָר פאַר די לעבעדיקע האָב איך געלעבט און פאַר די לעבעדיקע געשטאָרבן.

איך האָב מיך גאַנץ געמיטלעך געפילט. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי געמיטלעך קאָן זיך אַמאָל פילן אַ מייזל, ווען די קאַץ שפּילט זיך מיט דעם... אָפּגעלאָזט לעבעדיק איין מאָל און אַ צווייט מאָל, געכאַפּט אין די ציין און ווידער געלאָזט פריי... נאָר דאָס ערשטע מאָל, ווען ס'איז געכאַפּט געוואָרן אין די נעגל, איז די שרעק געווען גרויס... נאָכדעם אַ שפּיל צווישן נעגל, ציין און פרייהייט...

דערהערט ווי אַ ביקס האָט אַ „שטשאַלקע" געטון. איך האָב זיך אינסטינקטיוו האַרט צוגערוקט צו מיין פרוי. אין דעם מאָמענט האָט אַ שאָס מיינע אויערן פאַרטויבט...

— דו האָסט זיך דערשראָקן? — האָב איך גאַנץ שטיל און גע־מיטלעך אַ פרעג געטון בײַ איר.

— — — — — — — — — — — — — —

געלאָזט דעם וואַלד הינטער זיך און דערנענטערט זיך צו סטאַט, האָט אײנער פון די צוויי באַגלייטער אַרײַנגעשמוגלט די ביקס זײַנע צווישן אונז בײדע. ער האָט עס געטון ווי אַ קײלער, וואָס פירט חזירים צום קוילן, לייגט אַוועק צווישן זיי דאָס מעסער.

דאָס זעלבע אָרט מיט סטויפּעקלעך, און דאַכט זיך דער זעלבער סאָלדאַט. פאַרבייגעפאָרן די סטראַזשע. האָט דאָרטן אײנער אין פּעלץ און מיט דער ביקס פאַרוואָרפן אויפן אַקסל, געפרעגט, וועמען מ׳פירט. באַקומען אַן ענטפער: „אַרעסטירטע", און ווייטער געפאָרן און זיי. די צוויי, זענען ווייטער געגאַנגען. ענדלעך האָט זיך אײן יידישע שטוב נאָך דער צווייטער אָנגעהויבן צו באַווײַזן, די זעלבע שטיבער, וואָס איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל, ווען מ׳האָט אונז פון דער שטאָט צוריק משלח געווען. די שויבן האָבן געגלאַנצט מיט פאַרנאַכטיקן זון־אונטערגאַנג, גע־גלאַנצט מיט טאָפּלטקייט פון שויבן, מיט אומעט פון ווינטער און אונטער־גאַנג פון טאָג... באַגעגנט דאָ אַ יידענע, דאָרט אַ ייד, מיט פרעמדקייט בײַ זיך אין שטאָט געהילט ייד און יידענע, פאַר ווינטער, פאַר קעלט און פאַר שונאים... זיי האָבן געקוקט אויף אונז מיט יידישע אויגן און יידיש שווייגן, אונז באַגלייט מיט גיין אין אײגענעם וועג, און אַהין ווו זיי האָבן באַדאַרפט, מיט אומרויקייט פאַר אונז, אין אײגענער שטומער הילף־אָדי־זיקייט. דורכגעפאָרן הייזער, בריק און שטאָט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסער שטוב, ווו מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוקריכן פון שליטן. אַרײַנגעפירט אונז אין אַ קאָרידאָר, אַ גרויסן, אַ לאַנגן, פול מיט פינצטערניש, פול מיט קעלט און געעפנט פאַר אונז אַ טיר, אַרײַנגעלאָזט אונז אין אַ געוועלטיק הייס אָנגעהייצטן צימער, ווו ס׳איז געלעגן אויפן בעט אַ בלאַס געזיכט מיט אײדעלע, צאַרטע געזיכטסציגע, און דערמאַנט האָט ער מיך די אַמאָליקע ריטערס, אָדער גאָר פאַרצייטיקע געטער, וואָס איך האָב געזען אין פאַרשידענע מוזעומס.

דער ציווילער פאַרשוין מיט דער ביקס האָט אים עפּעס געזאָגט און איבערגעגעבן דאָס „געפערלעכע" פעקל, אויף וועלכן דער זעלבער

האָט זיך געפּרעגט, גלייך ער איז נאָר צו אונז אין שטוב אַריינגעקומען. אַרויסגעפירט אונז פון צימער און ווידער אין קאָרידאָר, און ווידער אינ־דרויסן, הקפות געמאַכט אַרום דער שטוב, פון אַ צווייטער זייט אַריינגע־פירט אונז אין אַ גרויסער קיך און דאָרטן האָט אַלץ דערזעלבער ציווי־לער פאַרשיין אויפגעהויבן אַן אייזערנע גאַרטל פון אַ זייטיקער גלעזער־נער טיר מיט גראַטעס, אַריינגעלאָזט אונז אין אַ ברעקל צימערל און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אייזערנע גאַרטל אויף דער טיר, און ער איז צוועק.

איך קיך זענען אַלע מינוט אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען הוי־כע זכרים אין זשאַנדאַרסקע פאָרמעס. יעדער איינציקער איז זיך אַדורכגע־גאַנגען מיט פיס און שטיוול מיט זיכערהייט פון אייגענער גבורה און געווער און זייטיק פאַרקוקט צו די אַרעסטאַנטן. אין אַ צען מינוט אַרום האָט זיך צו אונז באַוויזן אונזער באַקאַנטער, שיינער, גוטער זשאַנדאַר. צוג גאַנגען, אָנגעבויגן הויכקייט צו שויבן און גראַטעס, פאַרקוקט צו אונז און אָפּגעגעבן „דזשיען דאָברי", אונז באַרויקט, אַז אונז וועט דאָ קיין שלעכטס נישט געשעען און אונז איבערגעגעבן אַ גרוס פון אונזערע צוויי־לייט וואָס זענען פון אים פון דאָרף פאַרנומען געוואָרן, און געזאָגט, אַז יענע זענען שוין אין סאַרנע, אַז מ'האָט זיי אין דעם זעלבן אָוונט, וואָס מ'האָט זיי געבראַכט קיין אָליעווסק, אַוועקגעפירט קיין סאַרנע.

גלייך נאָך זיין אַוועקגיין האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר דינע מיידלשע־פיסלעך ווי אַן וואָג, ווי אַן קערפּער זענען די פיסלעך צוגעלאָפן צו אונזער טיר און צוגעלייגט איר קליין פּנים צו אַ שויב. אַ פרעג געטון אויף יידיש ווער ס'געפינט זיך דאָרט. באַקומען אַן ענטפער, האָט זי אַ ברעך געטון מיט די הענט מיטן אויסרוף „אַ בראָך צו מיר!" אין אַ האָרף געטון קעפּל און פּנים אין איין זיים קיך, אין אַ צווייטער און האָט מיט גרויס ציטערניש פאַר אונזער גורל אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן דאָ גאָרנישט דערמאָנען וועגן יענע אונזעריקע צוויי, מיר זאָלן זאָגן, אַז מיר ווייסן פון זיי גאָרנישט, און דרך־אגב, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון איר, אַז ס'איז נישט אמת, וואָס דער זשאַנדאַר האָט געזאָגט, אַז יענע זענען שוין אין סאַרנע, אַז זיי זיצן נאָך גאָר אין אָליעווסק ער־געץ פאַרשטעקט.

אָפּגעריסן גיך און פלינק מיט ווצרפן פּנים און קאָפּ אין אַלע

זייטן, איז זי אוועק אָט דאָס טונקעלע גרינג־וואָגיק מיידעלע, אוועק, ווי
געטריבן פון אומרויקייט פאַר אונזער גורל. און פון דעם איז שוין גע־
ווען צו זעען, אַז דאָ אין שטוב (פאַרשטאַנען פרייליעכמאַנס שטוב) ווייסט
מען גאָרנישט פון אונזער אַרעסט, אַז אונזער ארעסט איז פאָרגעקומען אָן
דעם וויסן פון די פרייליעכמאַנס און אָן דעם וויסן פון די זשאַנדאַרן, וואָס
געפינען זיך באַ זיי אין שטוב...

זענען מיר געזעסן אין שרעקלעכן אומבאַוווסטזיין, וואָס מיט אונז
קומט פאָר, אין אַרעסטירטער איינזאַמקייט, געזעסן הינטער אַ טיר מיט
גראַטעס און מיט אַ שטיק אייזן איבערגעלייגט.

און גרויסע זכרים אין זשאַנדאַרסקען אָנטאָן האָבן זיך אַלע מאָל
אין קיך באַוויזן, אַריין און אַרויס, און איך בין פאַרשפּאַרט מיט מיין
פרוי געזעסן מיט אונזער קליין וווקסיקייט און שוצלאָזיקייט... ענג איז
געווען אונזער תפיסה, און אומגעהויער גרויס די קיך. מיט דורכגאַנג פון
גרויסע זכרים און מיט די גרויסע שאָטנס, וואָס האָבן זיך זיי נאָכגעשלעפּט
אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווענט. באַם נאַקעטן קיך־טיש איז גע־
זעסן דער פויער, וואָס האָט אונז אַהערגעבראַכט. ער איז געזעסן געדול־
דיק, אָט דער פויער, און אַ ליולקע גערייכערט. יעדער צי, וואָס ער האָט
געגעבן, איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטילן צוקלאַפּ פון די ליפּן און פון
צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעצויגן דעם ציביק פון מויל און רהבות־
דיק אָפּגעשפּיגן.

אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר, האָט אונ־
זער גוטער שיינער זשאַנדאַר אונז אַרויסגעלאָזט פון דאָרטן און אַריינגע־
פירט אונז אין אַ גרויס צימער, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע בעט־
לעך, פאַרשפּרייט מיט שוואַרצע האָריקע דיקע קאָלדרעס און אויף דער
פּאָדלאָגע איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ גאַנצע הורבע מיט ביקסן און שווערדן.
ער האָט אונז אַריינגעפירט מיט אַ שטיקל ליכט און דאָס אָנגעשמעלצט
אויפן פענצטער־ברעט, איז ער אַ ווייַלע געשטאַנען, געקאַלופּעט פון די
פינגער דעם סטעאַרין, וואָס האָט אים אָנגעטריפט, און אָנגעוויזן אונז
אויף דאָס געווער, האָט ער אונז מיטגעטיילט, אַז דאָס קלייבט זיך עס אָן
טאָג־טעגלעך אַזעלכע הורבעס, אַז דאָס נעמען זיי אָפּ באַ „כלאָפּעס" אין
די אַרומיקע דערפער.

דורך דעם צימער האָט מען זיך פיל מער געדרייט ווי דורך דער

קיך. עפּעס איז דאָרטן געווען אַ טיר, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן... אַלע ווײַלע איז פון דאָרטן אַרויס אַ פאַרשוין און אַרײַן אַ פאַרשוין, פיל פון זיי ציווילע אין פאַלטאָס און שטיוול מיט פינצטערע פנימער... אַרײַן מיט וויכטיק שווייגן און אַרויס מיט וויכטיק שווייגן, אַלץ פון יענער טיר, הינטער וועלכער ס'זענען קענטיק געזעסן וויכטיקע לײַט... מ'איז געגאַנגען אויף און אָפּ, און אין יעדענס גיין איז קענטיק געווען (באַזונדערס אין גאַנג פון די ציווילע) אין זיך באַהאַלטע־נע מאַכט, פון וועלכער נאָר זיי און יענע, וואָס זיצן דאָרטן אין צימער, ווייסן פון איר...

דאָס שטיקל ליכט האָט אָפּגעברענט אַ צען־פופצן מינוט און אָנגע־הויבן גסיסה צו פראַווען, אַ שפּיל פון ליכטיקייט מיט פינצטערניש... איינס פאַר דעם צווייטן זיך באַהאַלטן און איינס אויף דעם אַנדערן אַרויפגע־שפּרונגען, אַזוי לאַנג, ביז ס'איז פינצטער געוואָרן.

מיר זענען געזעסן אויף צוויי בענקלעך איינס לעבן דאָס אַנדערע און דאָך אָפּגעזונדערט. און איך האָב מיך ווידער דערמאַנט אָן אַ הון מיט אַ האָן... ערב יום־כּפּור, וואָס ליגן געבונדענע אין פינצטערניש און אין דרימל... ווי דער האָן, וואָס קאָן זיך אַליין אויך נישט העלפן, אַזוי הילפלאָז האָב איך זיך געפילט און געשפּירט אָן אומבאַגרענעצטע באַליידיקונג און אומרויקייט, וואָס מײַן פרוי זיצט דאָ צווישן אַזוי פיל בעטן... מאַנסבילשע בעטן... ביידע שטומע, ביידע ווי פרעמדע... נאַכטיקע שעהן, אָפּגעריסן איינס פון דאָס אַנדערע מיט זיצן אויף בענקלעך אין גרויזאַמער פרעמדקייט.

און ס'איז אַלע מאָל ליכטיק געוואָרן פון יענער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט, און פינצטער געוואָרן פון דער זעלבער טיר, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט. מיט געדיכטער פינצטערניש פון קערפּער און אין דער פינצ־טערער לופט איז פאַר אונז פאַרבײַגעגאַנגען אַ פיגור אַהער, אַ פיגור אַהין, מיט האַרטע פרעמדע און בייזע שטיוול־טריט... מענטשן אַזעלכע זענען דורכגעגאַנגען ווײַט נישט באַקאַנטע, אָבער וואָס ווייסן זיכער פון אונז און פון אונזער גורל. איז זיך איינער פון אַזעלכע אַרײַנגעגאַנגען, געשטאַנען אַ ווײַלע און געעפנט די קיך־טיר. איז ער ווייטער געשטאַנען און עפּעס געטון דאָרטן אַרום זיך, האָט ער זיך מיט לענג און גרויס, מיט אָנטון און שטיוול אויסגעצויגן אויף אַ בעטל.

מיר האָבן במילא צווישן זיך גאָרנישט גערעדט, אָבער מיר איז איינגעפאַלן, אַז דער פאַרשוין האָט זיך דאָ אומישנע געלייגט, אַז ער האָט זיך געלייגט נישט אויף צו שלאָפן, און האָט שוין דערפאַר אַליין גלייך אָנגעהויבן צו כראָפען...

איך האָב נישט געוווסט וויפיל דער זייגער איז, און ס'האָט מיך נישט געאַרט, וואָס איך ווייס עס נישט, ווייל איך האָב נישט געהאַט ביי-טיק צוליב וואָס צו וויסן. איך האָב נאָר געוווסט, אַז דאָס איז עפעס אַ סוף, אַ גוטער צי אַ שלעכטער, ווידער נישט געוווסט, און אויף לעצט נישט געוווסט, וועלכע שעה עס דאַרף עס מיט זיך דעם גוטן אָדער שלעכטן סוף בדענגען...

אין שווערקייט און אָנגעפעלצטקייט און פון אומבאַהועגלעך זיצן אָנדרעמלט געוואָרן, און דורכן דרעמל דערהערט ווי די פרוי מיינע רעדט עפעס. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און נאָכן אויפכאַפּן זיך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט זי פון שלאָף גערעדט און איך האָב זי אויפגע-וועקט, און נאָכדעם, זעט אויס, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און איך האָב גערעדט פון שלאָף — האָט זי מיך אויפגעוועקט...

פלוצלינג דערהערט שרעקלעכע קוויטשן פון אַ פרוי, באַגלייט מיט קלעשטשעריי און זידלערייען פון נישט אָנשטענדיקע ווערטער. געקוקט אין קיך אַריין, האָב איך דערזען, אַז די טיר, הינטער וועלכער מיר זענען געזעסן פאַרשפאַרט, אַז די טיר איז אָפן און געהערט, אַז פון יענעם הדרל גייען די קולות... אונזער פאַרשוין, וואָס איז געלעגן און געכראָ-פעט האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ „פשאַקרעוו" און איז אַריין אין יענעם הדרל. און געהערט האָב איך, אַז ער האָט דאָרטן באַ עמעצן גע-בעטן מען זאָל אים געבן דעם קאַנטשיק, און די געשרייען האָבן זיך געשטאַרקט...

פיל פון די לייט זענען, קענטיק, שוין געשלאָפן, און די יעניקע, וואָס זענען געבליבן וואַך, זענען, קענטיק, געבליבן אויסצופירן „וו כטי-קע" זאַכן... פון דעם הדרל האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַ דריי-פיר זשאַנ-דאַרן מיט אַ פּאָר ציווילע פאַרשוינען און זיך צעקראָכן אין פאַרשידענע טירן. דער פויער איז דאָרטן נאָך אַלץ געזעסן באַם טיש, גערייכערט די ליולקע און געשפיגן. פון הינטער יענער טיר, פאַרלייגט מיט דעם שטיק איינן, האָט זיך געהערט אַן אומאויפהערלעך כליפען...

איך בין שוין עטלעכע שעה אינדרויסן נישט געווען און איך האָב זייער נייטיק געדאַרפט זיין, און האָב מורא געהאַט אָן א דערלויבעניש אַרויסצוגיין. . און איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן שרעקלעכע יסורים. איך האָב געוואָלט אַרויסגיין, און מורא געהאַט איינצושטעלן אזא דערלויבניש צו בעטן.

ענדלעך האָט זיך א זשאַנדאַר געוויזן און איך האָב באַ אים געבעטן אַ דערלויבניש אויף אַ ווײַלע אַרויסצוגיין. ער האָט עס מיר דערלויבט.

צוריקגייענדיק האָב איך באַמערקט עפּעס ווי אַ באַקאַנט פּנים פון הינטער אַ גלאָז מיט גראַטעס. איין מאָל און צוויי מאָל אַ קוק געטון, און דערקענט... דאָס אַרכאָווער מיידל... — — — — — — — — — — —

שפּעט באַנאַכט זענען מיר אין דרייען געגאַנגען איבער אָלעווסק, איך מיט מיין פרוי און דער וועלבער פּאַרשוין, וואָס איז אויפן בעט געלעגן. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן מיין פּעקל פּאַרפּאַקט, אַרומגעבונדן און פאַרהתמעט מיט טריפּוואַקס. ער האָט אונז געפירט דורך געסלעך, פאַרבייגעגאַנגען שטיבער מיט פאַרמאַכטע טיר און לאָדן. געגאַנגען אין פרעמדער פינצטערניש, טריט באַ טריט נאָכגעגאַנגען דער פּערזאָן, וואָס איז געגאַנגען פּאָרויס, דעם פּאַרשוין, וואָס האָט אונז געפירט; נאָכגעגאַנגען אים און נאָכן פּעקל, וואָס ער האָט אונטערן אָרעם געטראָגן. און מיר האָבן נישט געוווּסט וווּהין ער טראָגט דאָס פּעקל און וווּהין ער פירט אונז...

מיר האָבן אַלע דריי געשוויגן, און געהערט האָבן זיך אונזערע טריט אויף דער האַרטער, ווייסער, ווינטער ערד. ס'איז געגאַנגען איינער און געפירט צוויי; דער איינער האָט געוווּסט וווּהין ער גייט און וווּהין ער פירט, און צוויי האָבן נישט געוווּסט וווּהין זיי גייען און וווּהין זיי ווערן געפירט. אין דער פינצטער זענען מיר געגאַנגען אויף אומבאַקאַנטע געסלעך, הילפלאָזע, שוצלאָזע, אין אָפּגעריסנקייט פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע מענטשן, אין ווײַסלאָזער אַמבאַשטימטקייט פון גיין און אָנקומען...

געבראַכט אונדז צו פֿירן אויף אַ קליין וואָקזאַלכל, לאָמפּן, מענטשן, רויך... שוין גאָר ווי אַ ניי לעבן... פּראָווינציעלע נאַכטיקע אומרויִקייט... יידישע פּאַסאַזשירן אין שווייגן געקלעמערט מיט קענען זיך און נישט דערקענען זיך; יעדער איז פֿאַר זיך, ווי גערן צו באַהאַלטן זיך פֿאַר ייד און גוי... צו באַהאַלטן זיך מיט פּעקל און זעקל פֿאַר בייזע אויגן, וואָס זוכן און שנאָרען... נישט צו זיצן, נישט צו שטיין, נישט צו רעדן — נאָר אַ בילעט צו כאַפּן און אַרויסלויפֿן מיט בילעט און מיט פּעקל אויף יענער זייט, ווּ עס שטייען אין פֿינצטערניש געהילט עטלעכע וואַגאָנעס און עס סאָפּעט אַ לאָקאָמאָטיוו מיט אויגן.

אונדזער „עמוד ענן״ איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, האָט עפּעס געוויזן אַ פּאַפּירל און באַקומען דאָרטן דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט פֿאַר זיך און פֿאַר אונדז. אים נאָכגעגאַנגען, אַרויסגעגאַנגען און צוגעגאַנגען צום צוג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון זיבן-אַכט פֿערטע-קלאַסיקע וואַגאָנעס מיט פֿינצטערער ליכטיקייט פֿיר-שויבנדיקע פֿענצטער באַלויכטן.

אַריינגעפֿירט אונדז אין אַ ליידיקן וואַגאָן און באַזעצט אונדז אויף אַ ליידיקער באַנק. און קאַלט איז געווען אין וואַגאָן, און קאַלט איז געווען די באַנק מיט באַלויכטעניש און פֿינצטערניש פֿון אַ ליכט, פֿון וועלכן ס'איז נאָר געווען ליכטיק אין לאַמטערן, ווּ דאָס ליכט האָט געברענט, און באַזעצט זיך אין דרייען, צוויי אַנטקעגן איינעם; און איינער אַנטקעגן צוויי געזעסן מיט זיצן און שווייגן... און איינגעקוקט זיך אין אים, האָב איך דערזען אַ פּאָר אייגעלעך קליינינקע, און די אייבערשטע ליפּ אַ פֿאַרקאַשערטע. באַזיצנדיק עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענע מאַכט אונטער דער מאַסקע פֿון ציווילע קליידער, האָט דער פֿאַרשוין קיינעם אין וואַגאָן נישט אַריינגעלאָזט און געזעסן אַ צוואַנציק מינוט אין דרייען מיט וואַרטעניש דער צוג זאָל זיך רירן און מיר זאָלן שוין פֿאָרן אין דרייען, איז אַריין אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַמטערנדל און געזאָגט דעם באַגלייטער אונדזערן, אַז עמעצער זוכט אים דאָרטן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. ער האָט אַזוי אַ קוק געוואָרפֿן אויף אונדז, ווי געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי קאָן ער אונדז לאָזן אָן אַ שמירה צי נישט, איז ער פֿלינק אַראָפּ און איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן... און צוויי זענען געבליבן זיצן אין אַ געבונדענער פֿרייהייט. מיר האָבן געהערט איין קלונג, דעם צווייטן, און נאָך אַלץ נישט וויסנדיק ווּ מיר זענען אין דער וועלט, האָב איך געקלערט. אַז אָן אים וועט נאָך

ערגער זיי ווי מיט אים... באַם דריטן קלונג איז ער אַרויף און צוזאַמען נאָך איינער, וואָס האָט גלייך באַם אַרויפגיין מיט אַן אויסגעשריי פון פרייד, אָנגערופן מיך באַם נאָמען... נישט דערקענט אים פון ערשטן מאָמענט, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּיצל פון אַ נייעם שפּיאָן, אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָב איך אים דערקענט:

דאָס איז געווען אונזער באַקאַנטער און פריינט, י. זיסקינד, פון קאַוועל.

צעקושט זיך מיט מיר און מיט מיין פרוי, האָט ער אונז גלייך געלאָזט וויסן, אַז מיר זענען פריי, אַז ער איז געקומען מיט פּאַפּירן פון קאַוועל אונז צו ברענגען קיין קאַוועל.

אונזער „עמוד ענן" האָט מיט אונז אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט עס איך באַשטעטיקט, אַז מיר זענען שוין פריי, אָבער ער מוז שוין אונז ברענגען קיין סאַרנע, ווייל ער האָט פּאַפּירן, אַז ער דאַרף אונז צושטעלן קיין סאַרנע, וואָס מען קאָן שוין נישט איבערמאַכן. אָבער נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז מיר זענען שוין פריי...

1920

„די כאָליערע"

(ערינערונג)

1.

דאָס איז געווען אין טויזנט אַכט הונדערט דריי און ניינציקסטן יאָר. אין יענער צייט, ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד איז אַרומגעגאַנגען די כאָליערע און מיט דעם אָנקומען פונם זומער זיך געשטאַרקט, געוואַקסן צוזאַמען מיט די גרויסע טעג, צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט און מיט דער היץ זיך צעשפּרייט איבער שטעט, שטעטלעך און דערפער, און וואָס דער זומער איז זומערדיקער געוואָרן, איז די מגפה אַלץ מגפהדיקער געוואָרן. און ווי זי איז נאָך נישט געווען, האָט מען מיט שרעק און שוידער דער־וואַרט איר אָנקומען. קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן פון ווייטע שטעט און שטעטלעך, ווי עס פאַלן אין די הונדערטער און טויזנטער מענטשן. די צאָל קרבנות איז געוואַקסן פון מויל צו מויל און דערציילט האָט מען ווי די טויטע לאָזט מען נישט באַגראָבן, ווי מ'באַגראָבט געווייגלעכע טויטע.

מ'האָט דערציילט ווי דאָ און דאָרט האָט מען איינעם און אַ צווייטן ייד נישט געלאָזט ברענגען צו קבר־ישראל לויטן יידישן דין, אַז מען האָט זיי נישט געלאָזט טון „די רעכט זייערע", ווי מ'האָט זיי באַשאָטן מיט קאַלך און אַזוי אַריינגעוואָרפן אין די גריבער אַריין...

אין שטעטל טשאַרטאָריסק איז די מגפה אָנגעקומען כמעט ווי צו

ענדע פון זומער, אָבער די אומרויקייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן. נאָך מיט אַ צייט פריער האָט מען וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט ווי נאָר וועגן דער כאָליערע און וועגן די צאָל קרבנות, וואָס זי האָט אין דער און אין יענער שטאָט צוגענומען, און ווער ס'האָט געבליבן און ווער ס'האָט נישט געבליבן אין דער אָנגעגעבענער צאָל מתים, אָבער אַלע האָבן געגלייבט, אַז ס'איז נישט גערעדט אין דער וועלט אַריין און בלויז זיך און אַנדערע צו באַרויקן איז אַמאָל איינער, אַמאָל אַ צווייטער אַרויסגעשפּרונגען און געזאָגט:

— בבאָ מעשיות!

רויקער האָבן זיך פאַרהאַלטן די פויערים, זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אַלע, וואָס פאָרן אַרום אין ז'י באַנען און ברענגען אָט די שרעקלעכע נייעסן און זיי האָבן טאַקע ערנסט געמיינט ווען זיי האָבן געזאָגט:

— בייקי, אַדני בייקי!

און פונדעסטוועגן האָבן אָט די זעלבע פויערימלעך ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו די אַלע „בייקעס", געוויכערט די ליולקעס, געשפּיגן אויף די „בייקעס", אין וועלכע זיי האָבן נישט געגלייבט.

אין דעם שטעטל טשאַרטאָריסק איז מען זייער זעלטן געשטאָרבן. צוויי, דריי מתים אַ יאָר איז געווען אַ שלל און יעדער מת האָט איבער־געלאָזט נאָך זיך אָן אומעט אויף וואָכן און חדשים. די חברה קדישא איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און די אַקסלען זייערע האָבן זיך געצויגן אונטערצושטעלן אונטער אַ דרענגל און ס'האָט זיך געבענקט נאָך דער גוט־דיקער שווערקייט פון אַ מת... נו, איז אָבער דאָס שטעטל אַזוי קליין געווען, אַז ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל שטאַרבן.

געווען אַ פּאָר זקנים. נו, האָבן זיי זיך פאַרקוקט אויף די יינגערע און האָבן זיך צייט געהאַט... און דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען די בהלה ווען...
— — — — — — — — — — — — — — —

* *
*

אָנגעהויבן האָט זיך עס פּאַמעלעך און אומבאַמערקבאַר... ס'האָט „געכאַפּט" אַ גוי אין דער גוישער גאַנץ מיט אַלע סימנים פון דער כאָליערע. די יידן אָבער האָבן זיך אַליין און די גויים געוויאַלט איינרעדן, אַז יענער, דער גוי, וואָס איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך איבערגעפרעסן מיט נישט-צייטיקע געוויקסן און אַז דער פויער האָט זיך „אויסגעקייקלט", איז טאַקע געבליבן דער אמת באַ זיי, ווייל געמיינט האָבן אַלע, אַז מ'מוז אומבאַדינגט שטאַרבן ווען ס'פּאַקט אַריין אָט די קרענק...

נאָכן קראַנקן אין געזונט-געוואָרענעם פויער איז אַוועק נאָך אַ יאָך פון זומער און פאַר דער וואָך צייט זענען די פרוכטן אויף די ביימער און דאָס גרינוואַרג אין די גערטנער רייפער און צייטיקער געוואָרן און דער עולם, דער יידישער ווי דער גוישער, האָבן, ווי אַלע יאָר, און נאָך אַ ביסל מער, געגעסן די פרוכטן פון דער ערד און פון די ביימער. אַ ביסל מער ווי אַלע יאָר האָט מען געגעסן דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אויסגעקלעפּט אַ געדרוקטער פאַרבאָט, אַז מ'זאָל נישט עסן קיין גרינע, רויע זאַכן, און דאָס פּאַפּיר איז דאָך געקומען פון נאַטשאַלסטוואָ און נאַטשאַלסטוואָ האָט מען נישט ליב געהאַט און צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט.

פון די אַרומיקע דערפער האָט מען דאָס יאָר, ווי אַלע יאָרן, אָנגעהויבן אויף וועגן אַריינצופירן אָט די „פאַרבאָטענע פרוכט" און די שטאָטישע פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אוריאַדניק מיט אַ סאָטניק, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקירעווען די דישעלס פון אָט די וועגענער, וואָס האָבן אין זיך געהאַט אָט די פאַרבאָטענע זאַכן צו פאַרקויפן. איינעם און אַ צווייטן וואָגן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו תקיפדיקע פויערים, וואָס האָבן נישט געוואָלט הערן דעם באַפעל פון נאַטשאַלניק, האָט אַמאָל דער סאָטניק און אַמאָל דער אוריאַדניק בכבודו ובעצמו צוגעשלעפּט מיט פערד באַ די ציימלעך צום טייך און דאָרט געהייסן איבערקערן די וועגן אין טייך אַריין.

ס'איז געוואָרן עפּעס אומרויִק. כאָטש די אומרויִקייט האָבן מענטשן אָנגעמאַכט, און פֿונדעסטוועגן האָט זיך אָנגעהויבן צעשפּרייטן אַן אומעט פֿון די אָפּטע טומלען, וואָס אָט דאָס פּאָרל, דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק האָבן אָנגעמאַכט אין שטעטל. נישט אַוועק אַ טאָג, ס'זאָל זיך ווען עפּעס נישט טומלען: דאָ האָט זיך אַ פֿויער מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט; דאָרט אַ ייִד, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן מיסט פֿאַר דער טיר. יעדער טאָג האָט דער אוריאַדניק געשריבן פּראָטאָקאָלן און יעדן טאָג האָט מען וועמען געשלעפּט אין תּפֿיסה אַרײַן אָפּזיצן אָדער ער זאָל באַצאָלן שטראָף פֿאַר דעם נישט ריין האַלטן... פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פֿאַר אַ פּאָר גילדן אויסגעקויפֿט פֿון דער שטראָף און אַ דאַנק דעם איז בײַ פֿיל זייערע באַפֿעסטיקט געוואָרן דער גלויבן, אַז די גאַנצע מעשׂה האָט גאָרנישט צו טון מיט קיין כאָליערעס, אַז דאָס האָט דער אוריאַדניק צוגעטראַכט, כּדי צו באַקומען כאַבאַר פֿון דעם און פֿון אַנדערע זאַכן...

מענטשן און פּאָליציי האָבן זיך געטון זייער אַרבעט און די מגפֿה דערווייל האָט זיך ווידער אַ ווײַז געטון אין דער גוישער גאַס, אין אַ גוישער שטוב. ס'האָט אַ כאַפּ געטון אַ פֿויער און איינס און צוויי ואיננו...

מ'האָט אים געמאַכט אַ לוויה, ווי מען מאַכט געוויינלעך אַלע געוויינלעכע גוישע מתים. געלעגן זיך בהרחבֿה בײַ דרײַ מעת-לעת אויפֿן טיש, אַרומגעשטעקט און אַרומגעפּייערט מיט ליכט און ס'איז געווען דאָרט אין דעם שטיבל אַ שטיקעניש פֿון גוישער ענגשאַפֿט מיט שלעכטע ריחות פֿון די לעבעדיקע גויים און נאָך אַן ערגערן פֿון דעם טויטן גוי. ס'האָט זיך דאָרט געליכטלט און געפּייערט בײַ טאָג און בײַ נאַכט, ליכט מיט פּייער מיט לעבעדיקע און ליכט מיט פּייערלעך אַרום טויטן און אויף די ווענט האָבן געגלאַנצט און געבלאַנקט די „אָבראַזעס", אונטער דער סטעליע און באַלקנס אַראָפּגעקוקט מיט הייליקע פּנימער און פֿאַרדרייטע קעפּ אין די זײַטן, און גויים מיט גוישקייט האָבן זיך געמאָליעט צו די הייליקע. וואָס קיינער פֿון זיי, פֿון די הייליקע, האָט נישט אויסגעזען ווי קיין גוי, זיך „געמאָליעט" אַקעגן דעם פּגר, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און מיטן פּנים אָנגעדעקט, אַ פֿאַרגעלטער, אַ פֿאַרשפּיצטער, מיט שוואַרצע גריבער אונטער די פֿאַרמאַכטע אויגן.

אָפּגעלעגן זיך זײַן צײַט, ווי אַלע געוויינלעכע גוישע מתים, האָט

מען אים אַריינגעלייגט אין אַ דעמבענער טרומנע אַריין און מ׳האָט אים געמאַכט אַ לוויה מיט אַ גלח און מיט אַ דיאַק און מיט וועקסענע ליכט און מ׳האָט געקלונגען אין קלויסטער... מ׳האָט אים אַרויסבאַגלייט ווי אַלע גוישע מתים, ווי תמיד, ווי שטענדיק, כאָטש מ׳האָט געוויסט, אַז דער גוי איז געשטאָרבן מיט אַן אַנדערן טויט און מ׳וואָלט אָט די אַלע צערעמאָניעס נישט געדאַרפט מאַכן מיט אים. און אפילו יידן וועגן פאַרן גוישן מת געווען צופרידן, וואָס מ׳באַגלייט אים אַרויס אויפן געוויינלעכן שטייגער. דאָס האָט געזאָלט באַווייזן, צו „זי״ איז נאָך אַלץ נישטאָ, כאָטש אַלע האָבן געוווסט מיט וואָס פאַר אַ טויט דער גוי איז געשטאָרבן.

— ווייס איך וואָס!

דערצו האָט עס דאָך ביידע מאָל געטראָפן אין דער גוישער גאַס מיט גויים, איז דאָס אַ סימן, אַז עס מיינט גויים און נישט קיין יידן. און אַז עס מיינט נישט קיין יידן, איז דאָס קיין כאָליערע נישט, ווייל ערגעץ דאָרט, וווּ די כאָליערע איז דאָ, שטאַרבן יידן אַזוי ווי גויים.

— בכן?...

— מ׳באַדאַרף קיין דבר אחר נישט זיין און ווייטער גאָרנישט...

2.

צווישן די יידן איז געווען איינער אַ ייד יצחק־אהרן, און צווישן די יידישע הייזער איז געווען איין שטוב, „יצחק אהרנס שטוב״. יצחק אהרן איז געווען נישט אַזאַ ייד, ווי אַלע יידן, און די שטוב זיינע איז געווען אַ שטוב נישט גלייך מיט אַלע יידישע שטיבער. יצחק אהרן איז געווען איינער פון יענע סאָרטן ברואים, וואָס וואַקסן אַוועק און אַריין אין די יאָרן און אין דער עלטער מיט זייער יינגלישקייט און בחורשאַפט. געווען אַ מזיק אַ יינגל, אַ לץ אַ בחור און איז פאַרבליבן אַ מזיק און אַ לץ אַפילו נאָכדעם, ווען ער איז געוואָרן אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון קינדער. אַ פאַרשלעפטע קרענק געווען. פון אַלץ און פון אַלעם האָט

ער אָפּגעשפּאָט און אָפּגעלאַכט, און ער אַליין און אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַרן קליגסטן. און וואָס אָנבאַלאַנגט די שטוב זײַנע, האָט זי אויך געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי זי וואָלט קליגער געווען פון אַלע יידישע הײַזער שוין דערמיט אַליין, וואָס זי האָט קיין „הינטן" נישט געהאַט, אויסגעטום פראָנט. צו אַלע פיר עקן פון דער וועלט האָט די שטוב געהאַט פענצטער מיט טירן. אין איין פראָנט האָט ער אַליין געוווינט מיט ווײַב און קינדער און אין צווייטן האָט געוווינט אַ פעלדשער, וואָס האָט אײַנגער אַליין פאַרנומען אַזוי פיל חדרים, ווי דער באַלעבאָס, יצחק אהרן, מיט ווײַב און קינדער. ער איז דערמיט אַליין געווען אַ חכם, יצחק אהרן, וואָס ער האָט אַזאַ שטוב אויסגעבויט און וואָס ער האָט בײַ זיך אַזאַ שכן געהאַט, אַ שכן, אַ פעלדשער, אַ קריסט, וואָס פלעגט זיך גאַנצע טעג אַרומיאָגן אויף די לאָנקעס נאָך ווילדע קאַטשקעס, און אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ קריסט און אַ פעלדשער אַ שכן, האָט מען געקוקט אויף אים, אויף יצחק אהרנען, מיט אַן אַנדערן קוק, ווי אויף אַלע יידן פון שטעטל. פון שכנס קריסטלעכקייט און פון שכנס פעלדשערישער „אינטעליגענץ" איז עפּעס אַזוי ווי געפאַלן אַ שײַן אויף דעם ייד יצחק אהרן. עפּעס האָט ער זיך געפירט ריינער, ווי אַלע יידן און אין הלכת אכילה ושתיה האָט ער אַרויסגעוויזן בקיאות. וואָס ס'איז גוט און נישט גוט, און האָט שבת קיין טשאָלנט נישט געגעסן, נאָר קאַלטע פיש און אַן אויסגעבאַקענעם קאַלטן קוגל מיט גענזן־שמאַלץ.

פאַר דער צווייטער העלפט דירה, פאַרן צווייטן פראָנט, האָט יצחק אהרן גענומען פינף און זיבעציק רובל אַ יאָר, דאָס הייסט, אַז יצחק אהרן איז געווען פאַרזיכערט יאָר בײַ יאָר מיט אַ האַלב יאָר פּרנסה, און באַהייצן די שטוב האָט אים אויך נישט געקאָסט. אַלץ הייסט הייצן! בײַ אים, ווי בײַם פעלדשער, איז געווען וואַרעם ווי אין אַן אויװער... „אַ קריסט האָט ליב וואַרעמקייט" — האָט ער אויך ליב געקריגן ס'זאָל זײַן גוט וואַרעם. איז ביז העט נאָך פּסח און אַמאָל ביז שבועות האָט מען געפּאַליעוועט די הרובעס.

צו יענער צײַט, אין יענע יאָרן, איז יצחק אהרן געווען דער ערשטער ייד מיט אַ באַרד, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ „קוצעפּערדיק", אין אַ קורץ רעקל. ביז אים האָט מען נאָך דאַרטן נישט געזען, אַז אַ ייד זאָל זיך אָנטאָן אַ קורץ רעקל. מ'האָט אָבער דערקענט, אַז דאָס

אין דעם פעלדשערס רעקל, נו, איז דאָך נישט געווען זיין שולד, וואָס א קריסט טראָגט קורצע בגדים... פונקט ווי ס'איז נישט געווען זיין שולד, וואָס ער האָט זיך אין די בלענדנדע זומער־טעג אָפּט געוויזן אין בלויע שפּאַקולן. ס'איז אויך געווען דעם פעלדשערס. — דער פעלדשער האָט געהאַט צוויי פּאָר, האָט ער איין פּאָר געטראָגן. ווען ס'וואָלט געווען אַן אַנדערע קאָליר, וואָלט אויך גוט געווען...

„יצחק אהרנס שטוב" איז, ווידער, געווען אַנדערש, ווי אַלע יידישע שטיבער מיט דעם, וואָס איין העלפט אירע, פאַרנומען פון אַ ק יסט, האָט נישט געהאַט קיין מזוזות אויף די טירן און וואָס איז פאַרקריסטלעכט, פאַרפעלדשערט און פאַרשפּיטאָלט און פאַרגויישט געוואָרן פון גוים, וואָס פלעגן קומען אַהין פון אָרט און פון אַרומיקע ערטער זיך צו היילן דאָרט און צו נעמען פלעשלעך אויף צו טרינקען. ווען ס'איז געקומען דער זומער, האָבן זיך גויעס מיט קליינע „שרצימלעך" געטאַסקעט צום פעלדשער צו שטעלן פּאָקן דעם קליינוואַרג און דורכן גאַנצן יאָר האָט מען אָפּט געקאָנט באַמערקן, ווי ס'איז צוגעפאָרן זומער אין אַ וואָגן, ווינטער אין אַ שליטן, אַ גוי אָדער אַ גויע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אויפן וואָגן אָדער שליטן צופירן, די גויע אַ גוי, אָדער דער גוי אַ גויע. פון אויסגעבעטן שטרוי אַרויס האָט אַרויסגעקוקט אַ פּנים פון אַ „פגר", אַ פּנים פון אַ לאַנג פאַרלאָזטער קרענק, וואָס האָט שוין אויסגעזען מער טויט ווי לעבעדיק.

* *

*

— יצחק אהרן, וואָס הערט זיך?

וועגן ערל, וואָס איז „בענומען" געוואָרן, האָט מען עס געפרעגט: צי איז ער „בענומען" געוואָרן פון דער כאָליערע, צי גלאַט אַזוי. יצחק אהרן האָט עס געמוזט וויסן, ווייל בא אים אין שטוב וווינט דאָך דער פעלדשער. האָט אָבער יצחק אהרן נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס מ'האָט אים געפרעגט, נאָר האָט געהיימנישפול אויסגערופן:

— מ'באַדאַרף זיך אָפּהיטן! זיך היטן!

דאָ האָט זיך אַריינגעכאַפּט ראש חודש אלול און אין די שיינע ליכטיקע פרימאָרגנס האָט זיך פון דער שוליקער אָפּגעזונדערטקייט געלאַכט הערן דאָס שופר-בלאָזן און דער יידישער עולם איז אַ ביסעלע באַזיך פעסטער און זיכערער געוואָרן, אַז די קול-שופרות, וואָס האָבן זיך ווייט איבערן שטעטל געטראָגן, וועלן נישט אַריינלאָזן דעם משחית אין שטאָט אַריין. דערצו איז מען געוואָרן פרומער אויך און אפילו אין דער ווייבערישער שול, ווו אַ גאַנץ יאָר איז אינמיטן וואָך קיין לעבעדיק ווייבעריש נפש נישט געווען, האָט אָנגעהויבן אין צייט פון דאַווענען איין יידענע און אַ צווייטע פאַרבלאָנדזשען. איינאיינציק אָדער צוויי יידענעס זענען געשטאַנען אין דער ווייבעריש-שוליקער רחבותדיקער פוסטקייט מיט דעם מיטנוואָכיקן שול-אומעט און געדאַוונט דאָס וואָכעדיקע מאַנסבילשע דאַווענען מיטן נוסח פון ימים נוראים.

די זון האָט נאָך געטריי און ליב געוואַרעמט און מ'איז געווען צופרידן פון איר ליבער וואַרעמקייט, כאָטש געוואוסט האָבן פיל, אַז זיי דאַרפן נישט זיין צופרידן מיט דער וואַרעמקייט, אַז, פאַרקערט, מ'באַדאַרף גאָט בעטן, אַז ס'זאָל וואָס גיכער צופאַלן די קעלט און אַז די קעלט וועט קומען איידער די כאָליערע קימט אָן, וועט „זי" שוין נישט קומען. דערווייל איז געווען וואַרעם און באַטאָג אפילו גאַנץ הייס, האָט מען עס אָנגענומען פאַר ליב און געהאָפט, אַז ס'וועט אַזוי אויך גאַרנישט זיין, פונקט ווי ס'איז נישט געווען ביז אַהער. אָן די צופאַלן אין דער גוישער גאַס האָט מען ווי פאַרגעסן און ס'איז נישט געווען וואָס צו געדענקען, ווייל דאָס האָט דאָך געטראָפן מיט גויים און נישט מיט יידן...

און אַזוי איז זיך געזעסן און פאַרגעזעצט זיין זומערדיק זיצן און וואַרעמען זיך אויף דער „פריזבע" אַנטקעגן דער זון דער פינף און זיבעציקיעריקער הערש, אַ גרויס-גופיקער און ברייט-באָרדיקער ייד, אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, און ערגעץ אין אַ צווייט געסל האָט זיך געוואַלגערט גאַנצע טעג אַנטקעגן דער זון נאָטע הערשל-לייבס, אַ מענטשל נאָך גאָר אַ יונגס, אַ דאַרס, ביינער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין די קליידער; ביינער אין הויזן און אין אַ קאַפּאָטע; מיט אַ באָרד אָן אַ פנים, מיט אַ נאָז און אויגן און גריבער אונטער די אויגן... אָט די צוויי מענטשן האָט מען געוואוסט, דאַרפן און מוזן שטאַרבן: איינער פון עלטער און פון נישט האָבן מיט וואָס אונטערצוהאַלטן דאָס אַלטע לעבן זיינס, און דער צוויי-

טער, דער יונגער, אָבער שווינדזיכטיקער, אויף וועמען מ׳האָט געקאָנט זען ווי דער טויט ליגט אים אויף זיין פנים...

ה בן זיך די צוויי לייט מיישב געווען און זיך אויסגעקליבן אַ קרענק אויף צו שטאַרבן, דווקא אָט־די קרענק, פאַר וועלכער יונגע און געזונטע האָבן אויך מורא געהאַט... ביידע אין איין וואָך. איינער פריער מיט צוויי טעג פאַרן צווייטן, נעמען זיי און ווערן קראַנק אויף דער כאָליערע און שטאַרבן ביידע אין איין וואָך אַוועק... צוויי מתים אין איין וואָך און ס׳האָט אייניקע אפילו פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעקליבן צו שטאַרבן דווקא פון דער קרענק, וואָס ערגעץ שטאַרבן יונגע און געזונטע... אייניצייטיק אָבער האָט מען זיך באַרויקט מיט דעם, וואָס די צוויי פאַרשטאָרבענע זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען סיי ווי געווען קאַנדידאַטן באַם מלאך־המות... אוודאי וואָלט גלייכער געווען, ווען יעדער איינער פון די ביידע וואָלט געשטאָרבן פון דעם, וואָס זיי וואָלטן סיי ווי געשטאָרבן: דער אַלטער פון זיין עלטער און דער יונגער פון זיין קרענק. אָבער דאָך האָט מען געפונען אַ טרייסט, אַז בלויז דערפאַר, וואָס זיי וואָלטן סיי ווי געשטאָרבן, האָט עס טאַקע זיי געכאַפּט. . . ווייל פאַרוואָס כאַפּט עס נישט אַנדערע.

— און דער ערל?

— דער ערל? דער ערל האָט זיך איבערגעפרעסן...

דער בעל־משחית אָבער האָט זיך זיינע דרכים: ווי קליגער פון לעבן און פון אַלץ וואָס לעבט, האָט „ער״ זיך אַזוי גענומען אַריינאַרבעטן, ווי מיט אַ כיוון אַזוי געאַרבעט, כדי צו צעמישן די מוחות און מ׳זאָל נישט וויסן, וווּ מ׳איז אין דער וועלט. צי איז שוין יאָ דאָ די מגפה, צי איז זי נישטאָ, און מיט דעם האָט זיך נאָך דאָס שפּיל נישט געענדיקט. אָט האָט ער גאָר אַ כאַפּ געטון אַ מיטל־יעריקן און געזונטן מענטש, טאַקע מיט אַלע סימנים פון דער מגפה און אים דווקא געלאָזט לעבן און אַ דאַנק דעם איז נאָך אַלץ געבליבן אַ רבים, וואָס האָבן „זי״ אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אַוועקגעמאַכט — איינס פון די ביידע: אָ־ער, הייסט עס, זי איז נישטאָ, אָדער זי איז יאָ דאָ און מ׳דאַרף זיך פאַר איר נישט שרעקן. נישט געפערלעך, ווייל אויב „זי״ איז טאַקע דאָ אַ ווי לאַנג ווי מ׳מיינט, אַז „זי״ איז דאָ און האָט פאַר דער גאַנצער צייט צוגענומען אַ גוי, איינעם אַן אַלטן ייד און איינעם אַ קראַנקן, (נאָך איינער איז

„איינגעפאַלן" און איז געזונט געוואָרן) איז דאָך נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר „איר".

— עיסעך!

*   *
*

אין אַ שיינעם טאָג איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער און אַ רעש... פון ערגעץ פון אַ שטוב האָבן זיך געשרייען און געהאַלטן דערהערט און ס'איז געוואָרן אַ געלויף.

— וואָסי, וואָס האָט געטראָפן?

— שיינע חיה איז „איינגעפאַלן".

און די שרעק פון די לויפנדיקע איז געווען נישט אַזוי פאַר שיינע חיהן, ווי דאָס, וואָס די שיינע חיה איז גראָד געווען אַ יונגע, געזונטע פרוי. און דאָ איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דאָ ערשט הייבט זיך עס טאַקע אָן.

דאָס קליינע שטיבל, ווו די שיינע חיה האָט געוווינט, איז אויגנבליקלעך פון אינעווייניק און פונדרויסן באַשיט געוואָרן פון מענטשן. צווישן דער מענטשן-ענגשאַפט אינדרויסן האָט זיך אויך באַוויזן יצחק אהרן מיט די בלויע ברילן אויף די אויגן... ווי אַ פרעמדער האָט ער זיך אַריינגעקליבן צווישן דער מענטשן-געדיכטקייט און אַ טונקל-בלויער ערנסט איז געלעגן אויף זיין פנים צעגאָסן. ער האָט מיט די הענט, שווייגנדיק, פון אַ פענצטער אָנגעהויבן אָפּצוּוואַרפן דעם עולם, וואָס האָט דאָס פענצטער באַלאַגערט און נאָכדעם האָט ער גענומען מיט אַ שטיין אָפּקלאַפּן דאָס ליים, וואָס האָט געהאַלטן די ראַם פון פענצטער. ער האָט געקלאַפּט מיטן שטיין אין דעם פאַרטריקנטן ליים, וועלכעס האָט זיך אין שטיקלעך צעבריקלט און צעשיט אין שטוב. געעפנט דאָס פענצטער, האָט יצחק אהרן אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין שטוב אַריין און זיך צעשריגן אויף די מענטשן אינעווייניק:

— פּראים! חמורים! וואָס זענט איר זיך צונויפגעלאָפן ווי אויף אַ כלי-זמר-שפּיל?! גיים אַרויס פונדאַנען, אַנישט וועל איך אייערע קעפּ פּראָוואַליען!...

ס'האָט אים געשווינדערט אָט דער רעש און געפּילדער, וואָס פרעמ־ דע און זייטיקע מענטשן האָבן אָנגעמאַכט אַרום דער שטוב און אין שטוב. ער האָט געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין ווייניקער רעש און טומל, און געמיינט אייגנצייטיק, אַז דאָס וועט זיין בעסער פאַר דער „אייגגעפאַלענער" שיינער חיהן...

איר איז אָבער פון מינוט צו מינוט אַלץ ערגער און ערגער גע־ וואָרן. ס'איז מיט איר געפּערלעך גע־אַרן גלייך ווי זי איז איינגעפאַלן. איינס און צוויי — און דאָס שיינע, בליענדע ווייבל איז נישט געווען צו דערקענען; עס איז באַלד געקומען אויף איר אַ פינצטערע פאַראַרדנונג... די אויגן האָבן זיך באַ איר גלייך פאַרמאַכט און אונטער די אויגן איז איר געוואָרן צוויי שוואַרצע גריבער.

און אויף מאָרגן, אין דער זעלבער שעה, וואָס שיינע חיה איז מיט אַ טאָג פריער איינגעפאַלן, איז זי שוין אין בעט און אין שטוב נישט געווען... ס'איז שוין געווען נאָך איר און אויף איינעם פון די פענצטער איז שוין געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שמאַטקעלע און אַ נשמה־ לעמפּל, וואָס האָט געברענט אין טאָג אַריין מיט אַ מין פינצטערניש, און פאַרנאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלויבן יידן צום מנין... איינציקווייז און ביחידות איז זיך יעדער מנינדיקער ייד אַהין אין שטיבל אַריינגע־ קראָכן מיט אַזעלכע טריט, ווי ער וואָלט זיך זיין איינצלהייט אָפּגעציילט: „נישט איינס".

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דער פּלוצלינגדיקן בראָך מיט דער גע־ זונטער. יונגער שיינער חיהן, ווען דאָרט אין שטיבל האָט זיך נאָך גע־ אַבלט, ווען אינדערפרי און אויף דער נאַכט זענען אַהין אַריינגעקראָכן און אַרויסגעקראָכן אַ מנין יידן, האָט פּלוצלינג אין אַ שטוב, גאַנץ ווייט פון דער, ווידער געטראָפן דאָס זעלבע, פּונקט אַזוי האַמעטנע; נאָר־וואָס אַרומגעגאַנגען אַ געזונטע, אַ פעסטע יידענע און גאָר פּלוצלינג האָט מען דערהערט, אַז די יידענע ליגט שוין און מ'צרבעט שוין מיט איר מעשים... שוין, זי איז שוין האַלב און דריי־פערטל „נישט קיין היגע".

איינער פון איר משפּחה איז, אויף זיין אחריות, נישט אָנפרעגנדיק זיך באַם מאַן אין קינדער, אוועקגעלאָפן צו יאַקעל פאָטשטאַר און געהייסן שפּאַנען די פערד, און אין עטלעכע מינוט איז ער, דער קרוב פון דער „איינגעפאַלענער" יידענע, געזעסן פון אויבנאָן אין בריטשקעלע און איז

אַוועק אין דערבייאיקן שטעטל, וווּ ס'איז געזעסן אַ דאָקטאָר, אָט דעם דאָקטאָר צו ברענגען. אַוועקגעפאָרן איז ער פאַרנאַכט און ערשט אויף מאָרגן פאַרטאָג איז ער מיטן דאָקטאָר געקומען... דער דאָקטאָר אָבער האָט שוין פון דער פור נישט באַדאַרפט אַראָפּקריכן; פערד און וואָגן האָבן זיך שוין גענומען פאַרקירעווען צוריק מיט זייערע פערדישע קעפּ אַהין, פונוואַנען זיי זענען נאָר-וואָס אָנגעקומען... אָבער דאָ גלייך איז לעבן וואָגן און דאָקטאָר אויסגעוואַקסן אַ ייד, וואָס האָט געהייסן דעם שמייסער צופירן דעם דאָקטאָר צו זיך; זיי זענען געווען אַלטע באַקאַנטע, אָט דער ייד מיטן דאָקטאָר, שוין באַ צען יאָר, אַז זיי קענען זיך, שוין צען יאָר, ווי דער דאָקטאָר האָדעוועט אָט דעם יידס ווייב מיט פּראָשקעס און רפואות און דאָס ווייב פון דעם ייד לעבט נאָך אַלץ און איז נאָך אַלץ נישט געשטאָרבן. און ס'איז דעם גאַנצן שטעטל באַוווּסט געווען, אַז זי וועט קיינמאָל געזונט נישט ווערן און קיינמאָל נישט שטאַרבן... ספּעציעל האָט מען דעם דאָקטאָר שוין נישט גערופן צו איר, דערפאַר האָט מען אים אַלעמאָל גערופן, ווען ער איז אַראָפּגעקומען צו עמעצן, און ס'האָט שוין קיינער נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, וואָס אַהינצו רופט מען דעם דאָקטאָר איצט...

דער דאָקטאָר, באַטראַכטנדיק זיין לאַנג-יעריקן פּאַציענט, האָט פון ערשטן קוק דערזען, אַז ער באַטראַכט דעם פּאַציענט זיינעם דאָס לעצטע מאָל, און געהאַט שבירת לב דערפון און געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט, מ'זאָל זיך נישט שרעקן, דאָס זעלבע וואָס תמיד, און פונדעסטוועגן געהייסן זי רייבן מיט שפּירט און לייגן הייסע פלעשער וואַסער און וואַרעם זאַמד. און דאָס הויז-געזינט האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מיט דער קראַנקער איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, און באַ דער טיר האָט אים איינער פון הויז-געזינט אַ כאַפּ געטון באַ דער האַנט און אויסגערופן:

— דאָקטאָר?!...

אינדרויסן האָט דעם דאָקטאָר אָפּגעוואַרט דער פעלדשער, און אַזוי גלייך, ווי ביידע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, אַזוי איז פון ביידע, פון פעלדשער און פון דאָקטאָר, עפּעס ווי איינער געוואָרן, צוויי ווי איינער, אָדער איינער ווי צוויי, זיי זענען אַוועק ביחידות מיט אַ פאַרטראַכט און פאַרטיפט גיין וועגן אַ וויכטיקן פעלדשערישן און דאָקטאָרישן עניין, און פערד און וואָגן און אַ שייגעץ, אַ מענטש, וואָס האָט באַלאַנגט צו פערד

און וואָגן, זענען געשטאַנען און געוואַרט, און ס'האָבן געקלונגען די גלעקער אויף די פערדישע העלזער מיט גערולדיקן אומגעדולד פון פערדישע וואַרטן און שטיין אויף איין אָרט. און דער קלאַנג פון די גלעקער האָט געלאָזט הערן, אַז עפּעס פּרעמדס איז דאָ אין שטעטל. און ס'איז עפּעס אומעטיק געווען פון אָט דער פרעמדקייט, וואָס האָט זיך אין איילעניש און מיט קלאַנג און קלונג פון לויפעניש און יאָגעניש אַריינגעכאַפּט אין שטעטל אַריין און האָט שוין נישט „דערווישט" דאָס, צו וואָס דאָס געיעג איז געווען. צוריק איילט עס זיך נישט. און זאָל אים קיינער נישט דאַרפן, אָט דעם דאָקטאָר, וואָס איז אין איילעניש געקומען צו פליען. אָבער עס וואָלט גוט געווען ער זאָל דאָ תמיד זיין, נאָר ער האַלט באַם אוועקפאָרן, ויאָלט בעסער געווען ער זאָל וואָס גיכער אוועקפאָרן און זאָלן נישט קלינגען די גלעקער, ווייל די גלעקער האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומעט און קלאַנגען זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל, אַז דאָקטאָר און פעלדשער קלויבן זיך צו באַשיטן מיט קאַלך דעם פרישן בר-מנן...

אין שטוב דאָרטן, אַרום בר-מנן, איז געווען אַזעלכע געשרייען און געוואַלטן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאַך הייבט זיך פון די קולות און ס'איז געווען דאָרט אַ שוידערלעכע יאָגעניש און איינס און צוויי לעבעדיקע, מיט לעבעדיקע געשרייען באַגלייט און שוידערלעכע געוואַלטן, האָבן זיך מיט מת און מיט שטילקייט פון מת אַרויסגעטראָגן אינדרויסן אַרויס... נישט אָפּטועענדיק אים זיין רעכט, און אַרויפגעלייגט אויף ברעטלעך און אויף פלעקער, און איינגעדעקט און אַרומגעבונדן און אויפגעהויבן אויף אַקסל, און צוגלייך מיט קעפּ האָט מען גענומען מיט לויפעניש און געיעג צו טאַסקען אָט דאָס לאַנגע געוויקלטע, וואָס איז אויבן אויף ברעטלעך געלעגן, און פאַר צלעמען, צווישן אַלעמען און אַרום אַלעמען, איז געלאָפן גבריאל דער שמש און איילנדיק און לויפנדיק און קלאַפּנדיק מיט אַ בלעכענע פּושקע געשריגן:

„צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!"

און דאָ, פאַרביי, איז דורכגעפאָרן דער דאָקטאָר מיט פּאָטשטאָווען קלאַנג פון גלעקער, וואָס האָבן געלאָזט הערן און דערציילט, אַז זיי פירן אַוועק מיט זיך אַזאַ מענטש, וואָס האָט קיין צייט נישט געהאַט צו קומען און האָט קיין צייט נישט צוריק אַוועקצופאָרן... אַז ס'איז זייער אַ וויכטיקער פּאַרשוין אָט דער, וואָס איז געקומען און פאָרט אַוועק און אַז נאָך

ריכטיקער וואַלט געווען, מ'זאָל אים דאָ קיינמאָל נישט אָנקוקן, אַז דעם ריכטיקן פאַרשוין... און ס'איז עפּעס גוט, וואָס ער פאָרט אַוועק און איינציטיק וואָס טאָמער חלילה, ווען מ'דאַרף אים האָבן, איז נישט גוט, וואָס מ'באַדאַרף אַזוי ווייט פאָרן נאָך אים...

ס'האָט פונוויטנס געלאָזט זיך הערן דאָס קלינגען פון די גלעקער, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט גבריאלס שרייען „צדקה תציל ממות!"

3.

אויף פאָטשטאָווע פערד מיט רעשדיק קלינגענדיקן קלאַנג איז אַראָפּגעפאַלן אַ בינטל אומבאַקאַנטע קריסטן מיט לייטישע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי יידן, וואָס זענען אויס ווי קריסטן. אויף זייערע קליידער איז נישט געווען צו דערקענען, אַז זיי זאָלן „עפּעס" זיין, און דאָך האָט מען דערקענט, אַז זיי זענען נישט סתם זיך מענטשן, אַז זיי זענען נישט גלאַט אַזוי זיך געקומען, אַז זיי זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אהער-צו מיט עפּעס אַ פּולמאַכט, וואָס באַדאַרף דווקא נאָר זיין פאַרשטעלט הינטער געווינלעכע קליידער, ווי געווינלעכע מענטשן-קריסטן טראָגן. דאָס אייציקע, וואָס זיי האָבן יאָ געהאַט אויף זיך, וואָס נישט אַלע מענטשן האָבן אויף זיך געהאַט, איז די היטלען זייערע מיט די טונקל-ברוינע סאַמעטקעס און מיט „קנעפּלעך" פון פאָרנט. פינף „קנעפּלעך" אויף פינף היטלען, וואָס זענען געזעסן אָנגערוקט אויף פינף קעפּ.

צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן יצחק אהרנס שטוב, לעבן דער צווייטער העלפט, וואָס דער פעלדשער האָט פאַרנומען. דאָרטן זענען אַלע פינף פאַרשוין מיט פינף פאָר פיס פון וואָגן אַראָפּגעשפרונגען, פון די הויכע מקומות, וווּ זיי זענען געזעסן, און איינער נאָך דעם אַנדערן זענען זיי פאַרשוונדן געוואָרן אין דעם פעלדשערס שטוב אַריין, און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען לויפנדיק געקומען דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק. דער סאָטניק איז אומבאַמערקט אָן-היטלדיק געוואָרן און האָט זיך פאַרנומען צו העלפן דעם „יאַמשטשיק" אַראָפּצושלעפּן די פּעקלעך, וואָס

די פינף לייט האָבן מיט זיך געבראַכט. ער האָט יעדעס פעקל געשלעפּט און געטאַסקעט מיט אַזאַ יראת-הכבוד, ווי אינעווייניק וואָלטן געלעגן הייליקע זאַכן, וואָס קאָנען נאָר באַלאַנגען צום קלויסטער.

געמיינט האָט מען יענע העלפט שטוב, דעם פעלדשערס, און די פינף קריסטן, אָבער אָנגעהויבן צו קלויבן האָט מען זיך אַרום יצחק אהרנס העלפט, איינער און אַ צווייטער, און צו איינעם און צו צוויי איז צוגעוואַקסן אַ דריטער און אַ פערטער, און גאַר גיך איז אויסגעוואַקסן אַ היפּש רעדל, און נאָך איידער ס'האָט ווער עפּעס געוווּסט ווער זיי זענען, אָט די פריש-אָנגעקומענע לייט, האָט מען שוין געוווּסט, צו וואָס זיי זענען געקומען, און דערפאַר האָט מען צו זיי געפילט עפּעס ערגערס און בעסערס, ווי מ'פילט עס צו געוויינלעכער און אָפענער נאַטשאַלסטוואָ... זיכער, אַז די לייט זענען געקומען דאָ צו טון עפּעס פאַר די לעבעדיקע און פאַר די טויטע. וואָס זיי ווילן טון פאַר די לעבעדיקע און וואָס פאַר אַ פעולה דאָס טויטע זייערס וועט האָבן, האָט נאָך קיינער נישט געוווּסט. אָבער דאָס, וואָס זיי וועלן טון מיט די טויטע, האָט מען שוין לאַנג בעפאַר געהערט. אין סך הכל, הייסט עס, זענען זיי געקומען גוטס און שלעכטס טון, אפשר איז דאָס שלעכטע אויך גוט פאַר די לעבעדיקע, אָבער ביז וואַנען און וואָס איז עס פאַרט שלעכט, וואָס מ'נעמט אַ מת און מ'באַשיט אים מיט וואַפּנע. פון דעם שלעכטס. וואָס מ'קלויבט זיך צו טון מיט די מתים, כדי דערמיט גוטס צו טון די לעבעדיקע, קאָן נאָך דערפון אַליין די לעבעדיקע ערגער ווערן... אַ קלייניקייט, מביש זיין אַ מת!...

דער אוריאַדניק האָט זיך פאַר דער צייט אַ פאָר מאָל אינדרויסן באַוויזן אַ צעטראָגענער, מ'האָט געזען, אַז ער האָט די נכפה, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אויך עפּעס אַ שטיקל נאַטשאַלניק. ער האָט אויסגעזען ווי אַ האָן, ווען ער פאַלט אַריין אין אַ פרעמדן גבול אַריין צווישן הענער, פיל גרעסערע און שטאַרקערע פון אים. יידן האָבן געקוקט אויף אים און זיך געשמאָלצן פון זיין ירידה.

— זדראַווסטוואָיטע, גאָספּאָדין אוריאַדניק!...

יצחק אהרן האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער און געפרעגט באַ די צונויפגעקליבענע יידן נאָכוואָס זיי קלויבן זיך דאָ צונויף. אין דער יאַרמולקע האָט ער זיך געוויזן, באַ זיך אין

שטוב אין דער יאַרמולקע, גלייך ווי די פּריצים וואָלטן באַ אים אין שטוב געווען. ער האָט פון זיין שטוב אויסגעזען, ווי אַ ייד, וואָס כאַפּט זיך פון פּריסטוסטוואָ אַרויס, וואָס איז פול מיט נאַטשאַלסטוואָ און מיט יידן און וואָס פילט זיך היימיש און פרעמד איינצייטיק. ער האָט גערעדט צו זיי, געוווּנקען צו זיי, צו די פאַרזאַמלטע יידן, אַז זיי זאָלן זיך צעגיין, אַז עס פּאַסט נישט צו שטיין און אַז ס'איז בכלל בעסער אין אַזאַ צייט וואָס היינציקער זיך צונויפקומען צוזאַמען.

— „זאַלצערס", זיי זענען געקומען „זאַלצן" — האָט איינער צו אַ צווייטן געזאָגט און חושד געווען יצחק אהרנען, אַז ער ווייסט דערפון און חיל נישט זאָגן...

4.

אויף מאָרגן האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבן. די פינף לייט זענען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אוריאַדניק מיטן סאָטניק, געגאַנגען אין יענע הייזער, וווּ ס'איז געווען צופאַלן פון דער מגפה, און מ'האָט אין יעדן הויז פון די הייזער געמאַכט דעזינפעקציעס, געשפּריצט מיט אַזעלכע שמעקעדיקע פליסיקייטן אויף ווענט און סטעליע און אויף בעטן און טיש און דערנאָך צעפּראַלט טיר און פענצטער און אַרויסגעטראָגן די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין נאָענטער באַרירונג מיטן קראַנקן אויף דער מגפה־קרענק. אַרויסגעטראָגן אינדרויסן אַרויס, באַגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן. מ'האָט דאָ און דאָרט געברענט לייַלעכער און שטרוי פון בעטן. ס'האָבן געברענט און נישט געקאָנט ברענען, זיך געסמאַליעט קישנס און איבערבעטן, זיך גערייכערט און צעטראָגן אין דער לופט אַ שטינקענדיקן ריח פון סמאַליענדיקע פעדערן. אויף די שליאַכעס האָט מען צעשטעלט שמירהס, נישט אַרויסצולאָזן און נישט אַריינצולאָזן אין שטעטל אַריין. און אי'מעטום זענען געלעגן הורבעס שטרוי צוגעגרייט, וואָס טאָמער וועט זיך איינעם נאָר דווקא יאָ וועלן אַריינרייסן אָדער אַרויס־רייסן פון שטאָט אַרויס און וועט נאָך דערצו עפּעס וועלן אַרויספירן מיט

זיך, זאָל מען אים די זאַכן, וואָס ער פירט מיט זיך, פאַרברענען, און ער אַליין, דער מענטש, וואָס האָט געמוזט אַרויספאָרן, איז „אָפּגעשווענצלט״ געוואָרן מיט אַזאַ דעזינפעקצירנדער פליסיקייט פון קאָפּ ביז די פיס. איינצייטיק איז אויסגעקלעפּט געוואָרן נייע פאַראָרדנונגען וועגן ריינקייט, וואָס האָבן געסטראַשעט מיט גרויסע געלט־שטראָפן און מיט לאַנג טערמינענדיקער תפיסה יעדן איינעם, וואָס וועט אָט דעם באַפעל נישט געהאָרכזאַם זיין. אין אַ צווייטן אויפרוף איז געווען אויסגערעכנט אַ גאַנץ צעטל וועגן עסן און טרינקען, וואָס מ׳מעג עסן און טרינקען און וואָס מ׳טאָר נישט. און ס׳איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז ווי נאָר עס וועט זיך ערגעץ טרעפן אַ כאָליערע־צופאַל, זאָל מען באַלד מעלדן אין סאַניטאַרן פונקט.

דעם זעלבן טאָג האָבן צוויי גוים אויסגעגראָבן אַ גרוב אינמיטן מאַרק און אַרויסגעגראָבן פון זיין לאַנג־יעריקער, איינגעמויערטער מקום־מנוחה דעם קעסל פון באָד. האָט מען אים געפירט, אָט דעם קעסל, אַן אויסגעלייטערטן פון צענדליקער יאָרן זיך ברענען און קאָכן, און אַרויסגעפירט „אים״ מיט זיין קעסלדיקן כבוד. אויפן מיטן מאַרק האָט מען אים מכבד געווען מיט אָט דעם גרוב־לאָך, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר אים. זיין קײַלעכדיקן פאַרנעם אַריינגעזעצט אין גרוב אַריין און מיט אָפּענער קײַלעכדיקער ליידיקייט אַרויף צו הימל און צו זון. דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק האָבן פון די הייזער אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ צענדליק גוים מיט גויעס און מיט געוואַלט זיי אָנגעוואָרפן די קאָראָמיסלעס אויף די אַקסלען, האָט מען זיי באַפוילן דעם קעסל פול מיט וואַסער אָנצופילן. און אַזוי ווי מ׳האָט „אַריינגעוואָרפן״ אַהינצו עטלעכע מאָל וואַסער, אַזוי האָט אונטער אים אָנגעהויבן צו ברענען אַ פייער און זיך גיך צעברענט און איינצייטיק האָט זיך פון אונטן און פון אויבן גערויכערט און געפּאַרעט, און פאַר דער צייט איז דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק געלאָפן פון איין גויישער שטוב צו דער צווייטער און געקלאַפּט אין פענצטער מיט קולות, ווי מ׳וואָלט זיי פון שלאָף געוועקט, האָט מען גערופן דעם פויערישן עולם, זיי זאָלן גיין זיך נעמען געקאָכט וואַסער פון קעסל. גוים, גויעס, שיקסעס און שקצים האָבן זיך אַ לאָז געטון פון אַלע זייטן מיט קריגלעך, באַנקעס, מיט ליימערנע און טשוהונענע שוואַרצע טעפּ און מיט פאַרזשאַווערטע בלעכענע קווערטלעך און אַרומגערינגלט

דעם קעסל אין אַ קייַלעכיקן רינג, מיט רעש און טומל און פרייַלעכע אויסגעשרייען און קוויטשערייען. און צווישן רעש און טומל האָט זיך שטיל געגעפּלט אַ פּאַרע פון דעם גרויסן באָד־קעסל, וואָס האָט זיך געהויבן העכער פון די פאַרזאַמלטע קעפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די צונויפגעלאָפענע מענטשן־מאַסע אָטעמט מיט איין אָטעם און לאָזט פון זיך פון אַלעמען אָט די געדיכטע פּאַרע אַרויס..

און מערקווירדיק, וואָס אָט די אַלע קאַמפּס־מיטלען, וואָס די פינף קריסטלעכע לייט האָבן אָנגעהויבן אָנצופירן מיט דער מגפה, האָט עס נאָך פאַרגרעסערט די אומרויִקייט: איבּ ס׳האָבן זיך פריער געפונען אַ פּאָר „אַפּיקורסים״, וואָס האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז „די כאָליערע איז שוין דאָ״, איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען אָט די מיטלען, וואָס אפילו די יעניקע, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין „איר״ עקזיסטענץ, האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו גלייבן, די זעלבע אָבער האָבן נישט געגלייבט אַז מ׳זאָל מיט די און בכלל מיט וועלכע עס איז מיטלען קאָנען אָפּהאַלטן דעם משחית און דאָס איז געווען די ערשטע רעזולטאַטן פון דעם קאַמף קעגן דער מגפה. מער אומרויִקייט, מער טומל, מער שרעק, וואָס איז איינס פון די געפערלעכסטע זאַכן פאַר אַזאַ צייט... אפילו אין אַ נאָרמאַלער צייט, ווען איינער אַ מענטש הייבט אָן אַריינצוטראַכטן אין זיך און הייבט אָן צו צווייפלען צי איז ער בקו הבריאה, קאָן עס אים אַמאָל ברענגען צו אַ קרענק, אַ פּשוטא שוין אין אַזאַ צייט, דאָס איז דער בעסטער באָדן פאַר אַ קלעפּיקער קרענק... אַ פחד איז אַלעמען באַפאַלן, יעדער איינער האָט מורא געקריגן פאַר זיך אַליין, זיך אַליין נישט געטרויט, געמיינט, אַז דאָס דאַכט זיך נאַר, אַז מ׳איז געזונט, אַז אין אמתן טוט זיך עפּעס אין זיך, וואָס דערווייל פילט מען עס נאָך נישט. נאָר אַ ליאַדע שעה, אַ ליאַדע מינוט ־װעט מען געבן אַ פאַל איין...

איינצייטיק מיטן ציוויליזירטן קאַמף, וואָס די פינף ציוויליזירטע קריסטן האָבן אָנגעהויבן אָנצופירן קעגן דער מגפה, האָבן די צוויי פעלקער, די יידן און די גויים, אָנגעהויבן אים אַנצופירן אויף זייער אופן. יידן האָבן אָנגעהויבן איבעריקע שעהן צו פאַרברענגען אין בית־המדרש, האָבן אויף הויכע טענער געזאַגט תהילים, און גויים האָבן געבעטן אויף זייער אופן און לויט זייער גלויבן. ס׳האָט זיך אָפּט דער גלח אין דער „ריאַסע״ באַוויזן מיטן ספּאָדיק אויפן קאָפּ, מיט אַ צלם, וואָס ער האָט

געהאַלטן באַ דער ברוסט, און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען און זיך נאָכגעשלעפּט אַ פֿויעריש פאָלק מיט צלמים, מיט הייליקע בילדער, מיט „שמאַטעס“ און מיט וועקסענע ליכט, פּונקט מיט אַזאַ אָרדנונג ווי „מ׳שלעפּט אַ פּגר“. (און ס׳איז טאַקע אויסגעקומען אַ ביסל משונה, וואָס מ׳זעט אָט די צערעמאָניעס און ס׳איז נישטאָ קיין „פּגר“ אינדערמיט). דער גלח האָט געפּרעפּלט און דער דיאַק, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם גלח הינטער דער פּלייצע, האָט נאָכגעוואָגט פון אַ ביכעלע, וואָס האָט פּונווייטנס אויסגעזען ווי אַ יידיש ספרל, און נאָכגעפּרעפּלט דעם גלח אין טאָן אַריין, אַמאָל איינער מיט אַ גראָב קול און אַמאָל איינער מיט אַ דינערן קול, באַגלייט מיט קוויטשערלעך פון קליינע שקצים און שיקסעלעך, וואָס האָבן זיך לכבוד אָט דער צערעמאָניע אָנגעטון פרישע פּאָסטעלקעס אויף די פּיסלעך זייערע און ביז די קני זענען זיי, די פּיס געווען פעסט איינגעוויקלט אין ריינע, ווייסע שמאַטעס מיט נייע שטריקלעך „אַרומגעמאָטעט“. די פּויערישע אָן-היטלדיקע קעפּ האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דעם שיין פון דער זון מיט חזירישער פעטקייט. און אָט דער גלאַנץ פון זייערע האָר האָט פאַר זיך דערציילט פון אייגנאַרטיקער גוישער פרומקייט. פרעמד און אָפּשטויסנד פאַרן יידישן אויג, און דאָך האָבן יידן דאָס מאָל גאָר אַנדערש פאַרדייעט אָט די פּראָצעסיע, ווייסנדיק צוליב וואָס דאָס ווערט געטון. געפילט די גויים פאַר אַ „אָח לצרה“, האָט מען נישט אָפּגעשפּעלט פון דעם גוישן „פּאַרפירט“ זיין און געדולדיק אויסגעהערט דעם קלאַנג פון די קלויסטערס גלעקער... גאָר פרומע יידן האָבן זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט וועגן דער גאַנצער זאַך, אַז עפּעס טוט זיך דאָרטן דרויסן אַזעלכעס, וואָס איז נאָך זייער פרומער, יידישער איבערצייגונג, נאַריש... ס׳טוט זיך דאָרטן עפּעס אַזעלכעס און ס׳איז אַזוי גלייך, ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געטון... ס׳איז אַזוי ווייט גאָרנישט אָט דאָס, וואָס די גויים טון דאָרט, אַז ס׳קאָן גאָרנישט קאַליע מאַכן... און דערפאַר, ווייל דער ווילן באַ די גויים איז דאָך אַ גוטער, אַז זיי מיינען דערמיט קיינעם קיין בייז נישט, אַז זיי מיינען דאָס זעלבע, וואָס יידן, להבדיל, איז דערפאַר זאָל אויף זיי אויך, אויף די „פּאַרפירטע“, משפּיע זיין די יידישע תפילות און עס זאָל באַ זיי אין יידישן זכות אויפהערן צו אַרבעטן די מגפה...

5.

די סאַניטאַרן האָבן זיך געטון דאָס זייעריקע און די מגפה האָט זיך געטון דאָס איריקע. זי האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ ברייטער און ברייטער צעוואָרפן איבערן שטעטל, און פונקט ווי אין אַ שרפה וואַרפט זיך איבער דאָס פייער און כאַפט אַרום אין פלאַמען אַ שטוב דווקא דאָרטן, וווּ מ׳האָט עס ווינציקער דערוואַרט, אַזוי האָט עס דאָ פּאַסירט, ס׳האָט דווקא דורכגעלאָזט די שכנישע הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די נאָענטע גרענעצן, ווו ס׳האָט געטראָפן אַ כאָליערע-צופאַל און ס׳האָט אַ כאַפּ געטון עטלעכע הייזער ווייטער, אָדער גאָר אויף אַ צווייטער גאַס...

פון טאָג צו טאָג איז די צאָל אבלים און יתומים גרעסער געוואָרן און אויפן בית-עולם זענען געוואַקסן איינס לעבן דאָס אַנדערע פרישע בערגלעך ערד... און אַ דאַנק דעם האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרלירן דאָס צוטרויען צו די מיטלען, וואָס די סאַניטאַרן האָבן דיקטירט צו באַקעמפן די מגפה און נאָכמער האָט מען פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיי אַליין. . . פון אויער צו אויער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אַז ווען ס׳פאַלט אַריין צו זיי אין דער האַנט אַריין אַ קראַנקער, מאַכן זיי וואָס גיכער אַ סוף מיט אים, כדי אַזוי אַרום נישט געבן דער מגפה קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרשפּרייטן און אַ דאַנק דעם האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסצוהיטן זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, ווען ס׳איז ווער קראַנק געוואָרן. און אויב מ׳איז דאָך געשטאָרבן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט אויסבאַהאַלטן דעם קראַנקן פון די גוישע הענט, האָט מען כאָטש געוווסט אויף זיכער, אַז דער געשטאָרבענער האָט נישט געקאָנט בלייבן לעבן. אפשר זענען יענע גאָרנישט אַזוי ווייט געווען פונם אמת, יענע, וואָס האָבן געטענהט, אַז קיין מוטער-מענטש קאָן נישט זאָגן אויף זיכער, אַז דער און דער וועט שטאַרבן כל-זמן ס׳רירט זיך אין אים אַן אבר. און אויב מ׳האָט גענומען אַזעלכע, וואָס זענען אפילו געווען נוטה למות און מ׳האָט אָפּגעעקט מיט זיי (אַזעלכע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען), האָבן דערפאַר די אייגענע אָנגעהויבן

זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זייערע קראַנקע. אפילו יעניקע, וואָס האָבן געגלייבט, אַז דאָס איז אַ ראַדיקאַל מיטל, נישט לאָזן די מגפה זיך פאַרשפרייטן, האָט קיינער נישט געוואָלט זיין אייגענעם ברענגען פאַר אַ קרבן, און אויב ער איז דאָך געשטאָרבן, איז דאָס אויך געווען אַ געווינס, ווייל אַזעלכן האָט מ׳ן לייכטער געקאָנט אַרויסגנבענען און אָפּהיטן זיין מתדיקן כבוד, אויסגעהיט פון וואַפּנע. אַזוי ווי „ער" האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, האָט מען אים בגנבה און דורך הינטער־געסלעך אַרויסגעטאַסקעט פון שטוב און אַוועקגעטראָ־ן אויפן בית־עולם און דאָרטן, אין „אוהל", האָט מען אים אָפּגעטון זיין רעכט נאָך אַלע מנהגים און יידישע דינים. די יעניקע, וואָס מ׳האָט געפּאַקט אינמיטן וועג מיט דער „גנבה", איז גאָרנישט געווען וואָס מקנא צו זיין. מ׳האָט פון זיי מיט געוואַלט דעם ברמנן אַרויסגעריסן. און זיי, די פרעמדע, גויישע הענט, האָבן זיך שוין מיט „אים" מתעסק געווען אויף זייער אופן. אייניקע העלדישע יידן זענען אַרויסגעטרעטן אין אַן אָפענעם קאַמף. און אינמיטן, צווישן די קעמפנדע צדדים און אינמיטן שליאַך, איז דער מת געלעגן מיט טויטער גלייכגילטיקייט צו זיינע און צו פרעמדע. ער האָט זיך אונטן, אויף דער ערד, צווישן פיס, וואָס האָבן אַרומגעטאָפּטשעט, אויך דאָ זיין מקום מנוחה געהאַט און איז געלעגן מצשה לעבעדיקער און „לעבעדיק" אָנגעטון.

איינצייטיק ווי יידן האָבן געטון וואָס מעגלעכעס, כדי אויסצומיידן אָט דאָס „זאַלץ" פון זייערע מתים, האָבן פויערים פאַרקערט געהאַנדלט. ווען ס׳איז ווער קראַנק געוואָרן בּאַ זיי אויף דער קרענק, איז דער יעניקער פויער אָדער פויערטע, וואָס האָט בּאַ זיך דעם קראַנקן געהאַט, שוין געלאָפן נאָך „לאַפּנע". זיי, די פויערים, האָבן בּאַין אופן נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס די יידעלעך ציטערן אַזוי פאַר דעם ביסל „לאַפּנע", וואָס מ׳באַשיט די מתים זייערע. זיי פאַרקערט, די פויערים, לויפן אַליין נאָך דעם גערן, ווען יענער זשיפּעט נאָך און אַזוי גלייך ווי יענער מאַכט צו די אויגן, גיט מען אים אַוועק זיין פּאָרציע און רעשט בלייבט פאַר זיי אויף צו קאַלכן די הייזער. ס׳האָט נישט געגומען לאַנג, אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט מען שוין געזען דאָס שטיבל אויסגעווייסט... אַלע האָבן אַזוי געטון. ווו מ׳האָט געזען אַ פריש אויסגעקאַלכטע „כאַטע", איז געווען אַ סימן, אַז דאָרט האָט זיך ווער געפּעלט און ס׳האָט זיך באַקומען אַן איינ־

דרוק, אז נאָך יעדן זייערס אַ בר־מנן זענען די הייזלעך זייערע געוואָרן חגאריקער און לעבעדיקער...

נאָך דער צאָל מתים נאָך איז געוואַקסן די צאָל אויסגעקאַלכטע שטיבלעך. אין בײַ יידן איז נאָך יעדן מת פאַרבליבן אַ נשמה־לעמפּל אין שטוב און אַ פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אינדרויסן אַרויס מיט אוימעט און שרעק פון טויט.

ס'איז צווישן אַנדערע אויך אָוועקגעשטאָרבן יענע יידענע, וואָס איז צען יאָר קראַנק געווען. די קראַנקע האָט דווקא עטלעכע טעג געקעמפט מיט דער נייער קרענק. און דערפאַר, ווייל אָט די נייע קרענק האָט זיך פאַרצויגן, האָט מען גערעכנט, אַז זי גייט שוין אָוועקלעבן און אַריינציען אין יאָרן מיט אַ שפּאָגל־נייע חולאת. וואָס אַנדערע, דווקא געזונטע און יונגע, שטאַרבן פון איר... ס'האָבן זיך מאַן און קינדער נישט איבעריקס גענומען צום האַרצן דעם טויט אירן, נאָר פרעמדע, זייטיקע, האָט עס דווקא פאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיך אויך „אויסגעמראַכעט" אין דער צייט צו שטאַרבן, ווען אַלע שטאַרבן, ווען זי האָט עס געקאָנט אויספירן צו טון פאַר אַ ריי מיט יאָרן און נישט אַריינציען אין אַזאַ צייט אַריין, ווען עס איז אָן איר אויך געווען מתים איבערגענוג.

זי איז שטיל געשטאָרבן, און שטיל האָט מען זי אַרויסגעטראָגן פון שטוב און זי געבראַכט אויפן בית־עולם, זי אָוועקגעלייגט אין „אוהל" און גענומען מאַכן הכנות צו טון איר דאָס „רעכט" אירס. דאָ דערבײַ בײַם אוהל האָט מען צעלייגט אַ פייער און אָוועקגעשטעלט גרויסע ליימענע נייע טעפּ מיט וואַסער. ס'זענען געווען דאָרטן אַ פּאָר שמשים, א פּאָר שמשטעס, מאַן און קינדער, און אינעווייניק אין אוהל, בײַ בלינדע ווענט און בײַ צוויי אָפענע לעכער, אָן טירן, איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן, איז געזעסן שמענדריק דער שניידער מיט זיין מיידל און געפּאַרטיקט תכריכים פאַר איר. ס'האָבן אַלע זיך געדרייט דאָרטן און ס'האָט יעדער עפּעס געטון פאַר אירעטוועגן. און דאָרט ערגעץ, צווישן צוימען און מצבות, צווישן ביימער, ביימלעך און פאַרפלאָנטערטע צווייגלעך, האָבן צוויי בערדיקע יידן אַ קבר

געגראָבן און דער מאַן האָט אַכטונג געגעבן אויפן פייער, דאָס פייער זאָל ברענען און די טעפּ מיט וואַסער זאָלן זיך דערוואַרעמען. די קינדער, מיידלעך און בחורים, האָבן זיך אַרומגעדרייט, געפּלאָנטערט זייערע פיס צווישן הויכן גראָז, וואָס וואַקסט פון זיך און ווערט פון זיך פאַרדאַרט און פאַרטרוקנט, זיך אַרומגעדרייט מיט שווייגעניש און מיט שטילקייט און נישט געקוקט איינס אויף דאָס צווייטע, ווי זיי וואָלטן ברוגז געווען איינס מיט דאָס אַנדערע, פון צייט צו צייט געוואָרפן אַן אויג, אַ בליק אין פינצטערן אוהל אַריין, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט אָפּנקייט פון פיינלעכן אומעט און מיט שטילקייט פון אַ מת אַ מאַמע, און דערביי זיצן און טוען זייער שניידערישע אַרבעט שמענדריק דער שניידער מיט זיין מיידל. גלאַנציקע נאָדל-שטעך לויפן אין דער ווייסער מאַטעריע, שטאָך אהער, שטאָך אהין, און גאָר פּלוצלינג האָבן די ביידע, דער שניידער מיט דעם מיידל, זיך געגעבן אַ יאָג אַרויס פון דאָרטן נישט טויט און נישט לעבעדיק.

— שמע ישראל! — האָט דער שניידער אַ מורמל געטון מיט בלאַס-טויטע ליפּן.

ס'האָט געטראָפן באַם מת אַזעלכעס, וואָס ווען אַזעלכעס וואָלט בעטראָפן אין אַן אַנדערער צייט באַ אַ לעבעדיקן און מיט אַ געזונטן, וואָלט מען נאָר געקאָנט לויכן דערפון... אַז מ'הערט עס אָבער פון אַ טויטן, פאַלט אָן אַן אימה... פון נאָענטער גרוב-גראַבעניש זענען געקומען צו לויפן די צוויי בערדיקע יידן מיט די לאָפּעטעס און אַלע צוזאַמען, וויפיל לעבעדיקע מענטשן ס'האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט מען זיך צונויפגעקוועטשט צוזאַמען און אַלע אינאיינעם זענען צוגעגאַנגען צו דעם חלליר און אַלע האָבן באַ איר געבעטן מחילה:

— פריידע, מיר בעטן דיך מחילה! מיר בעטן דריי מאָל מחילה!... פריידע, דיין מאַן בעט באַ דיר מחילה!... פריידע, דיינע קינדער בעטן באַ דיר מחילה.

ס'איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס דאָס איז געשען איידער מ'האָט איר געטון דאָס רעכט אירס...

און אויס דאַנקבאַרקייט צו איר, וואָס זי האָט עס אָפּגעטון פריער פאַר דער טהרה און כדי יוצא זיין פאַר איר פאַר דער זאַך, וואָס זי האָט אָפּגעטון, גלייך ווי נישט „זי" וואָלט געווען אין דעם שולדיק, נאָר זיי,

די לעבעדיקע דאָ, וואָס אַרום איר און אַלע לעבעדיקע, וואָס געפינען זיך ווייט פון איר, האָבן זיך די שמשטעס מיט איר אָפּגעגעבן פיל מער ווי זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַנדערע מתים, וואָס האָבן נישט געטון דאָס, וואָס זי האָט געטון, און זי איבערגעגעבן אַ ריינע אין די ווייסע בגדים צו די שמשים אין די הענט אַריין, און פונקט אין דער צייט ווען די באַגרעבער האָבן זי גענומען אַראָפּצולאָזן אין קבר אַריין — ווידער דיזעלבע מעשה... דאָס האָט שוין שטאַרק פאַרדראָסן איינעם פון די חברה קדישא. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און התראהדיק אויסגערופן:

— הער אויף, פריידע!... מיר בעטן דיך איבער, פריידע. הער אויף, בעטן מיר דיך!...

און געמוזט זי נאָך אַמאָל מטהר זיין און ריין מאַכן די ווייסע בגדים, און זי אַראָפּגעלאָזט דאָס צווייטע מאָל אין גרוב אַריין, האָט מען כאַפּנדיק און איילנדיק זי גענומען באַוואַרפן מיט לאָפּעטעס ערד...

אָט די מעשה מיט פריידען האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויפן גאַנצן שטעטל. מ'האָט אין דעם איינגעזען, אַז דאָ ערשט נאָך דעם וועט זיך די מגפה צעטאַנצן. דער דיין, אַ גרויסער ירא שמים און אַ גרויסער למדן, וואָס איז אַלע יאָרן געווען צעטראָגן פון זיין למדנות און פרומקייט און האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט עפּעס אויפצוטון, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט אַ פּאָר מאָל אין יאָר אויסגערופן אַ חרם אויף איין קרעמער און אַ צווייטן, וואָס האָט פאַרקויפט ליכט און קעראָסין, וואָס נאָר ער האָט געהאַט דעם גאַנצן „זכות" אויף דעם. אַזוי לאַנג ווי די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך געגריבלט אין ספרים און אין מדרשים, געזוכט תחבולות און סגולות אַנטקעגן דעם משחית און בכלל געוואָלט באַווייזן כוח, אַז ער קאָן עפּעס אויפטון. אים האָט זיך עס זייער געוואָלט, ווייל ער האָט זיך אַלע זיינע יאָרן געפילט אַלס שוואַכער און ווילנאָזוער דיין וואָס איז דער עלטסטער אין שטאָט און וואָס קיינער האָט דאָך פאַר אים קיין דרך־ארץ נישט געהאַט... ער האָט געהייסן זיין פרום, וואָס פרימער, און האָט אַלע טאָג אָפּגעזוכט עפּעס אַ נייעם פסוק, וואָס מ'האָט באַדאַרפט

זאָגן פאַרן דאַוונען, נאָכן דאַוונען און אין פאַרשידענע צייטן פון טאָג, און ער האָט עס, אַלס סגולה, געהייסן אַרומגאַרטלען די הייזער מיט שוואַרצע גאַרטעלעך פון קויל און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן. דערהערנדיק דאָ די מעשה מיט פריידן, איז ער גאָר צעטומלט געוואָרן און אויסגעפונען אַ גאַנץ געוויינלעך מיטל, וואָס יעדער איינציקער ייד און נישט קיין למדן האָט עס געקאָנט אויסגעפינען. ער האָט געהייסן זיך צונויפנעמען אַ מנין מענטשן און מ'זאָל גיין צו איר אויף איר קבר זי מחילה בעטן.

נאָר איין יצחק אהרן איז געשטאַנען קעגן דעם דיין און קעגן די אַלע יידן, וואָס האָבן געפאָלגט די אַלע סגולות, וואָס דער דיין האָט געהייסן טון. ער האָט אַלץ איין זאַך געטענהט, אַז די אַלע זאַכן וועלן גאָרנישט העלפן און אַז די איינציקע זאַך, וואָס קאָן יאָ העלפן. איז זיך אָפּהיטן. ער האָט, הייסט עס, געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס די סאַניטאַרע קריסטן האָבן געזאָגט, און דערמיט אַליין האָט ער באַ אייניקע יידן אַרויסגערופן צו זיך מיטלייד... עפּעס איז ער געבליבן, ווי אַ זייטיקער שטיין, ווי אָפּגעריסן פון יידן, און זיך באַהעפט צו די קריסטן, מיט זיי געווען איין ראָט און איין עצה... אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט, האָט ער געזאָגט, און ער האָט אפילו נישט געפונען פאַר נייטיק אויף אַ האַרעלע פרימער צו ווערן. פאַרקערט, ער האָט גאָר אויפגעהערט אין דער וואָכן צו גיין אין שול אַריין, האָט נישט געהערט דאָס שופר בלאָזן. דאָס האָט ער אַלץ געוואָלט זיך אויסהיטן, אויסמיידן זיך פון מענטשן. ער האָט שוין צופיל געגלייבט אין דעם כוח פון אָננעמען זיך...

צי איז דאָס געווען גוט, צי נישט גוט, דאָס פירן זיך, וואָס יצחק אהרן האָט זיך געפירט, נאָר ס'איז זיכער נישט גוט געווען, וואָס ער האָט נישט געטון דאָס, וואָס אַלע יידן האָבן געטון... אין דער זאַך, וואָס אַ רבים טוען, ליגט עפּעס אַ באַזונדערע קראַפט און גלויבן איז ווייל אַלע האָבן דאָס, איז דאָס שוין גוט און׳ דאָס צווינגט אָפּט אפילו נישט גאָר שטאַרקגלויביקע צו גלויבן... יאָ, אָפּהיטן זיך — געזונטערהייט. אָבער ס'וואָלט אים זיכער נישט געשאַדט, ווען ער וואָלט איינצייטיק געטון אויך דאָס, וואָס אַלע יידן טוען... און מ'האָט דאָך באַשיינפערלעך געזען, אַז מיט דער גאַנצער היטעניש מיט זיינער ציטערט ער פאַרן טויט מער פון אַלעמען... ס'איז שוין אים פשוט נישט געווען צו דערקענען, אָט דעם יצחק אהרנען,

האַלב מענטש איז פון אים געוואָרן זייט די מגפה האָט זיך פאַרקליבן אין שטעטל אריין.

אויף מאָרגן איז דער דיין, מיט ניין יידן צו זיך, געקומען אויפן בית-עולם צו פריידעס קבר, בּאַ איר מחילה געבעטן. מ'האָט זיך געדרייט הקפות זיבן מאָל אַרום איר קבר און דערבּיי געזאָגט פסוקים, שטיקער און גאַנצע תּפילות. אויף לעצט האָט איין ייד אַריינגעשטורכעט אין דער פרישער ערד אַ שליסל און געזאָגט, אַז מיט איר זאָל זיך שוין די ערד פאַרשליסן; דאָ גאָר פלוצלינג, אין דער צייט, וואָס ער האָט די אַרבעט געטון און דאָס זאָגן געזאָגט, האָט זיך פונוויטנס דערטראָגן און געלאָזט הערן אַ שרייענדיק ליאַרמענדיק געוויין, אַ רייסנדיקע יללה. פון פוסטן פעלד האָט זיך עס געטראָגן, פון פעלד-שטילקייט, פון פעלד-פרעמדקייט און פון ברייטן און שטויביקן אויר, און דערפאַר האָט קיינער דאָס קול נישט דערקענט, נישט געוווסט ווער דאָס בענטערט זיך צום בית-עולם מיט אַזעלכע ווידערלעכע יללות... נישט געוווסט ווער דאָס קול איז און גע-וווסט, אַז ס'איז נישטאָ אין שטעטל אַזעלכע, וואָס מ'זאָל זי נישט קענען און איר קול נישט דערקענען, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס קול איז אַ פאַרענדערטס פון אַ גרויס אומגליק און אַ גרויסע בראָך, וואָס האָט מיט דער יידענע געטראָפן, און נישט געוווסט ווער זי איז, האָט יעדער איינער איבערגעטראַכט, אַז דאָס איז זיין ווייב אָדער זיינס אַ נאָענטע, אַן אייגע-נע. און מ'האָט זיך גיך, מיט אַ גיך גיין און מיט אַ לויפן געלאָזט פון בית-עולם צו באַגעגענען אָט דאָס שרייענדיקע און אַ קוק צו טון וועמעס ווייב, וועמענס מאַמע אָדער וועמענס טאָכטער ס'שרייט... מ'האָט זי עט-לעכע איילן פאַרן טירל פון בית-עולם-אַריינגאַנג באַגעגנט, און ס'האָט איינער פון די יידן ווירקלעך באַגעגנט דאָס ווייב זיינס, וואָס איז געלאָפן רייסן קברים אויף דער נאָר-וואָס-איינגעפאַלענער טאָכטער זייערע...

6.

מ'האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס אכציק פראָצענט פון די כאַליערע-קרבנות זענען געווען פון ווייבלעכן מין, און עלטערע פרומע ווייבער האָבן אָנגעהויבן נאָכצוזוכן צווישן ווייבערישע זינד. צווישן זיך, בסוד סודות, האָט מען אָנגעהויבן נאָכצופאָרשן און נאָכצושפּירן, ווער פון די ווייבער היט נישט אָפּ, ווי ס'געהער צו זיין, די טבילה. הודיע-לאה, די בעדערקע און טוקערין, האָט אָפּגעגעבן די ווייבער א באַריכט פון יעדער איינציקן ווייבל און יידענע, פון גאָר דער יינגסטער, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו גיין, ביז דער עלטסטער, וואָס האָט זיך שוין גע-קליבן אויפהערן צו גיין... און אַז אַלץ האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין כשר וישר, האָט מען געזוכט אַנדערע חטאים, האַרבערע. אפשר... ווער ווייסט? אפשר אַן אשת-איש?... ניין, די פרומע, גאָטספאָרכטיקע ווייבער האָבן גאָר מורא געהאַט אפילו צו טראַכטן וועגן אַזעלכעס אויף יידישע טעכ-טער... אָבער אומזיסט איז עס דאָך פאָרט נישט, וואָס דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם ווייבלעכן מין. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן קלענערע זינד, ווייל ס'איז נישט קיין מוז, אַז ס'זאָלן דווקא זיין אַזעלכע שווערע חטאים. גאָט דער לעבעדיקער קאָן דערצאָרנט ווערן פאַר קלענערע זינד אויך, און קלענערע זינד קאָנען דאָך יאָ זיין.

לאה פאַנטאָפּעלס האָט זיך דערצו אַ נעם געטון. זי איז זיכער גע-ווען, אַז זי וועט זוכן, וועט זי עפּעס געפינען ערגעץ-ווו איינע, וואָס טוט עפּעס קעגן גאָט און קעגן זיין הייליקן געבאָט און קעגן די הייליקע ספרים... און זי האָט אָנגעהויבן מדקדק צו זיין אין די פּאַרוקן אויף די ווייבערישע קעפּ. זי האָט אַזוי לאַנג בודק געווען, ביז זי האָט בײַ איי-נער, אַ יונג ווייבל, אויסגעפונען, אַז איר פּאַרוקל איז נישט מער ווי אויף אָפּצונאַרן, מען זאָל נאָר מיינען, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוקל. אין אמתן האָט זי אירע אייגענע האָר געטראָגן, האָט אירע אייגענע האָר צונויפגע-קעמט און צונויפגעמישט מיט די פרעמדע אַזוי קונציק, אַז ווער ס'האָט

נישט געוווּסט, אַז זי טראָגט די אייגענע האָר, האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַ פּאַרוק און אַ מענטש פון אַ פרעמד שטעטל, וואָס האָט זי נישט געקענט און נישט געוווּסט, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוק, האָט געקאָנט מיינען, אַז זי טראָגט אייגענע האָר... אָט צו דער בחורטע האָט זיך עס „לעטאַטשקאָ״ צוגעכאַפּט, האָט אין איר אַזוי פיל אַריינגערעדט און אַריינגעמוסרט, אַז דאָס שטאַרבן ווייבער, מיידלעך און קינדער איבער איר, אַז דאָס ווייבעלע, נעבעך, האָט זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר ביזן שאַרבן, טאַקע פון איר אַליין, פון לעטאַטשקען, און זי, לעטא, לעטאַטשקא, לאה פּאַנטאָפעלס, האָט זיך נצחונדיק מיטן זשמוט האָר איבערן מאַרק געטראָגן און געליאַרעמט און געקוואָלן פון גרויס נחת און איז געווען אַזוי גליקלעך, ווי זי וואָלט עפּעס אַ גרויסע מכשפה מנצח געווען, ווי זי וואָלט בײַ יענער, בײַ דער מכשפה, דעם גאַנצן כּוח־הטומאה מיט די האָר אַוועקגענומען און זי האָט שוין אַלעמען פּאַרזיכערט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט שוין קומען אַ סוף צו דער מגפה...

בכלל האָט יעדער איינער עפּעס געטון. ס׳האָט יעדער געטון, וואָס איז איז אין קריטישן מאָמענט איינגעפאַלן: ווער ס׳האָט אויף זיך גענומען צו זאָגן אַלע זיינע יאָרן נאָכן דאַווענען עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים; אַן אַנדערער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָך אַן אַנדערער איז געלאָפן קברים רייסן און ווער איז אַריינגעפאַלן אין ארון־קודש... אָט די אַלע נדרים און תהילים־זאָגן און די תעניתים, דאָס לויפן אויף קברים און דאָס פאַלן אין אָרון־קודש אַריין האָבן אויף זיך גענומען און געטון די אָרימע. פאַרמעגלעכע און רייכע האָבן זיך געפּרוּווט אויסקויפן מיט צדקה... איינע אַ גבירטע, וואָס בײַ איר איז איינגעפאַלן אַן איין־איינציקע טאָכטער, האָט געהייסן אַרומצוּמעסטן דעם בית־עולם־פּאַרקן אין זיין גאַנצער לענג און ברייט און אַזוי פיל ווי פיל דער בית־עולם האָט געהאַלטן, האָט זי געהייסן לייוונט אָפּמעסטן און עס צעטיילט צווישן אָרימע לייט, און זי האָט טאַקע אַרויסגעריסן פון מלאך־המוות׳ס הענט די בת־יחידה אירע... זי, אָט די גבירטע, האָט לכתחילה אָנגעהויבן פון קליינע נדרים, פון פונטן ליכט אין שול, פון אַ מענטעלע אויף אַ ספר־תורה און פון פּרוכת אויפן ארון־קודש; אַזוי געטריבן אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זי האָט „אים״ פון איר בת־יחידה פאַרטריבן. נישט אַלע האָבן אָבער אַזעלכע נדרים געקאָנט געבן; בעווען

אַזעלכע אָרימע לייט, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אפילו אויף איין ליכט מנדר צו זיין. זיי האָבן אַ חוץ וויינען און שרייען גאָרנישט געקאָנט טון פאַר דעם חולה מסוכן, און דערפאַר טאַקע האָבן די געמיינע לייט גע־טראָגן פאַרביטערטע הערצער אַנטקעגן די פאַרמעגלעכע און גבירים, וואָס האָבן געהאַט ברייטע מעגלעכקייטן זיך אויסצוקויפן פון משחיתעס הענט... מ׳האָט טאַקע באַשיינפּערלעך געזען, אַז די צאָל קראַנקע און טויטע איז צווישן די אָרימע געווען פיל גרעסער, און די אָרימע לייט זענען זיכער געווען, אַז דאָס איז אין זכות פון די נדרים און צדקה, וואָס יענע טיילן, ווערן זיי ניצול פון טויט.

די פאַרמעגלעכע און רייכ: איז אָבער אויך נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט געבן די לעבעדיקע קבצנים אויף ברויט, האָט מען נאָך געריסן פון זיי פאַר די טויטע אויף תכריכים. על פּי גבירישן שכל האָבן די קבצנים געמעגט נישט אַזוי איינ־לייגן די וועלט דווקא צו באַגראָבן די מתים זייערע אין תכריכים, וואָס מ׳האָט נאָך אַלע מגפה־געזעצן נישט געטאָרט; אין דער צייט נאָך, ווען מ׳האָט עס אַליין נישט פאַרמאָגט און געדאַרפט אָנקומען נאָך קצבה... ס׳איז, דאַכט זיך, אַ גרעסערער פּחיתת הכבוד פאַרן מת צו באַגראָבן ווערן אין פרעמדע תכריכים, איידער אָן תכריכים... ס׳האָבן אייניקע פון די גאָר פאַרמעגלעכע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מאַכן פליטה פון שטעטל, אַנטלויפן פון די אָרימע לייט, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג און איינצייטיק פון דער מגפה געטראַכט צו אַנטלויפן, וועלכע האָט זיך פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט און זיך אַלץ ברייטער, ברייטער איבערן שטעטל צעשפּרייט.

די צאָל קדישים איז געוואַקסן. ס׳האָבן געזאָגט קדיש עלטערע און אַלטע יידן, בחורים, ייִנגלעך און דריי־פיר־יאָריקע קינדער, וואָס האָבן נאָך אפילו רעדן נישט געקאָנט.. אַזוי ווי די בעקלעך זענען אָט־די פּיצ־לעך קדישים געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די בענק און נאָכגעזאָגט וואָרט באַ וואָרט, וואָס די טאַטעס האָבן מיט זיי נאָך די מאַמעס געזאָגט... און ווען די גרעסערע און גרויסע קדישים האָבן שוין געהאַט זייער קדיש אָפּגעזאָגט, האָבן נאָך לאַנג די פּיצלעך ייִנגלעך געמעקעט:

„אמן, יהא שמיה רבא מברך!...

אַ ס׳איז געווען אַ שווייגנדיקע שטילקייט אין שול, מ׳האָט שטיל

געשוויגן און זיך איינגעהערט צו די ווערטער, וואָס זענען געקומען פון די קינדערישע מײַלער און מיט שווער-וואָגיקער פרומקייט נאָכגעטראַכט יעדעס וואָרט, ווי יעדעס וואָרט פאַר זיך וואָלט עפּעס דערציילט פון קינדערישן עלנט און איינזאַמקייט. מען האָט געקוקט די קינדער אין די מײַלער אַריין און ס'האָבן געשוועבט אין די מוחות די יונגע, נישט לאַנג און נאָר-וואָס פאַרשטאָרבענע מאַמעס. ס'איז עפּעס געווען אַ געמיש פון טיף-פיינלעכן רחמנות סײַ צו די יונגע מאַמעס, וואָס האָבן אַזוי יונג דאָס לעבן פאַרלאָזט, און צו די פּיצלעך יתומים, וואָס זיי זענען אַזעלכע פּיצלעך יתומים געבליבן, און ס'האָט יעדער ווי געמיינט אַ טובה צו טון אי די פאַרשטאָרבענע, אי די איבערגעבליבענע יתומימלעך, און יעדער איינער האָט מיט האַרציקער פרומקייט אַ כאַפּ געטון זיך נאָכצוזאָגן:

„אמן. יהא שמיה רבא...!"

אינאַמתן אָבער האָבן אַלע גרויסע, וואָס האָבן רחמנות געהאַט אויף דעם קליינוואַרג, אומזיסט אויף זיי רחמנות געהאַט; ס'איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אָט די קליינע חברה באַנעמען נישט זייער אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפן, אַז פאַרקערט, פיל פון זיי, אָנהייבנדיק פון דריי-פיר-יעריקע קינדער און העכער, זענען גאָר עולה-גדולה געווען זעענדיק, ווי זיי ציען צו זיך צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און באַזונדערס מיט זייער קדיש-זאָגן, און הגם זיי האָבן קיין באַגריף נישט געהאַט, וואָס דער קדיש באַדײַט, נאָר שפּירנדיק, אַז ס'איז עפּעס זייער וויכטיק פאַר דער פאַרשטאָרבענער מאַמע און אַז פאַרן לעבעדיקן טאַטן איז דאָס נאָך וויכטיקער, זענען זיי פּשוט געווען אויפן זיבעטן הימל פון דער פלוצלינגדיקער צוגעלאָזטקייט פון די טאַטעס. אָט די נײַע פאָטער-ליבע, וואָס די פאָטערס האָבן צו דעם קליינוואַרג אָנגעהויבן אַרויסצווייזן נאָכן טויט פון די מאַמעס, האָט זיי געוואַלדיק אימפּאָנירט. און נישט נאָר וואָס זיי איז נישט ערגער געווען פון יענע קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס „גליק" צו ווערן יתומים, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן זיך נאָך גרויס געפילט אַנטקעגן אַלע אַנדערע יינגלעך, וואָס האָבן נאָך דערווײַל נישט געהאַט דאָס „גליק" יתומים צו בלײַבן. פון די קדישימלעך איז נישט אָפּגעטעטרהייט געוואָרן אַ באַזונדער סביבהלע, אַ קדישימדיקס, אַ יתומימדיקס; אַ קרייזל, וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען אין יתומימדיקן יחוס, וואָס קיינער האָט זיי נישט געטאָרט טשעפּען און ווער רעדט אין

„מאַמע אַריין" שעלטן... אַלע זענען געווען פאַר זיי, שוין גרעסטן ביזן קלענסטן, אַלע זענען גרייט געווען זיך אָנצונעמען זייער קריוודע... ס'איז זיי, אָט די קליינע יתומימלעך, אַרום און אַרום גוט געוואָרן און ס'האָט קיינער נישט געוווסט פון זייער גוטסקייט. און ס'האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז זיי זענען די גליקלעכסטע מענטשעלעך אויף דער וועלט.

7.

אין דער גאַנצער חשכת האָבן זיך די „פּאָרכטיקע" טעג אַריינגערוקט און ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָט מען געמוזט יום-טוב מאַכן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פון שבעה אויפגעהויבן און זיך אָוועקגעלאָזט אין די קראָמען דעם יום-טוב איינצוהאַנדלען. די אַלמנס זענען געגאַנגען איינציהאַנדלען, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אין די זעלביקע קלייט', ווו די ווייבער זייערע פלעגן איינקויפן. דערביי איז מיט איינקע פון זיי פּאַרגעקומען אַ פּאָר אינצידענטן, וואָס האָבן אויף אַ לאַנגער צייט געלאָזט אַ שווערן איינדרוק.

געווען אַ פּאָר זייעריקע, וואָס פלעגן „נעמען" אויפן בוך יאָרנלאַנג, אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר זיך צוזאַמענגעחשבונט, אָפּגעצאָלט און ווייטער גענומען. דאָ גאָר פּלוצלינג האָט זיך איין קרעמער און אַ צווייטער — ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, זיך אָפּגעזאָגט צו באָרגן אָט די לאַנגיעריקע בטוחים, פאַר וואָס? פאַר ווען? דאָס האָבן די קרעמער נישט געקאָנט זאָגן... זיי, אָט די לאַנג-עריקע בטוחים, האָבן עס אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין און טאַקע פאַרשטאַנען אויך... און דערפאַר טאַקע זענען די אינצידענטן אַרויסגעקומען... אָנגעקוקט זיך מיטן קרעמער אויג אין אויג אַריין און אַרויסגעשפּרונגען:

— און איר האָט שוין געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט גאָט? אפשר וועט איר גאָר שטאַרבן?...

דער זעלבער נוסח, מיט אַנדערע ווערטער, האָט אַ צווייטער קונה אָפּגעאַקצענטירט אַ צווייטן קרעמער.

— וואַרט אויס, זייט נאָך נישט אַזוי זיכער, מ'ווייסט נאָך נישט, וועמעס מאָר׳ן ס'איז...

און נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָ און דאָרטן איז דער און יענער אַרויסגעשפּרונגען, ס'איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז דער אייגענער קרעמער, ווי דער און יענער קויפט שוין איין יאָרן און יאָרן האָט דעם און יענעם צום טויט פֿאַראורטיילט...

און איז מיט חרפּה און טעמפּן אומעט אַוועק אַהיים און פֿאַרכאַפּט אַ חפץ פֿון שטוב און צוועקגעטראָגן אַלס משכּון (פֿאַרשטייט זיך, שוין צו אַן אַנדערן קרעמער), און גענומען אויף יום־טובֿ אַזוי פֿיל, וויפֿיל די פֿאַמיליע און די צאָל מיילער האָט עס געפֿאָדערט, האָט אַ שטומע אומרויקייט די הערצער געפֿרעסן, אַז עפּעס נעמט מען איבעריקס. אַז נישט אַלע מיילער, וואָס מ'גרייט צו פֿאַר זיי דאָס עסן, אַז נישט אַלע וועלן עסן פֿון דעם צוגעגרייטן.

ערב ראש־השנה, נאָך האַלבן טאָג, האָט דאָס גאַנצע שטעטל, אַפֿילו די יעניקע, וואָס די מגפֿה האָט זיי נישט אָנגערירט, דערשפּירט, אַז דער ערב ראש־השנה איז אַנדערש פֿון אַלע ערב ראש־השנהס פֿון אַלע יאָרן. אַ האַלבער טאָג איז נאָך געבליבן ביז פֿאַרנאַכט, אַ האַלבער טאָג פֿון אַלטן יאָר צום נייעם, און ס'איז נישט געווען ווי אים אַהינצוטון, אַ שטיק צייט פֿון ערב יום־טובֿ מיט וואָכעדיקער טרוקנקייט און אָן אַ ביסל וואַרעם וואַסער דאָס לייב אָפּצושווענקען.. עס זענען פֿיל זייעריקע געגאַנגען אין טייך, נאָר ס'איז נישט געווען דער תּענוג, וואָס מ'קאָן האָבן פֿון וואַרעם וואַסער און פֿון אַ הייס בעזעמל מיט פֿאַרע... דאָס באָד האָט געפֿעלט. מען האָט עס אויף יעדן פּנים פֿון יעדן ייד געקאָנט דערקענען — טרוקן און וואָכעדיק בלאַס... מ'האָט נישט געקאָנט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די וואָכעדיקע מלבושים, די קויטיקע וועש, און אָנטון ריינע אויפֿן טרוקענעם, נישט געוואַשענעם לייב. דער יום־טובֿ איז שוין געווען אין די הייזער און אַרום די יום־טובֿדיקע טירן האָבן זיך וואָכעדיקע יידן אַרומגעדרייט נעבעך ווי אָן אַ תּיקון און ערגעץ פֿאַר זיך קיין פּלאַץ נישט געקאָנט קריגן, מיט זייער וואָכעדיקייט זיך פֿרעמד געשפּירט אין די אייגענע הייזער, ווי ס'איז יום־טובֿ געווען... עפּעס ווי אורחים פֿאַראַרמטע און שפּלע...

פֿון נישט האָבן וואָס צו טון און נישט האָבנדיק מיט וואָס אָט דעם טרוקענעם אומעט צו פֿאַרטרייבן, האָט זיך איין ייד און אַ צווייטער

אַראָפּגעלאָזט פון בערגל צו דעם באָד, כאָטש אַ קוק צו טון דערויף, ווי אַזוי עס זעט אויס; געוואָלט כאָטש מיט אַרומדרייען זיך און באַטראַכטן דאָס באָד באָד-צייט פאַרטרייבן...

אַרומגעגאַנגען עס פון דרויסן און באַטראַכט די פענצטער, געוואָרפן אַ קוק צום קוימען, פון די פענצטער האָט קיין פּאַרע נישט געזעצט און פון קוימען איז קיין רויך ניט געגאַנגען. פון אַלע זייטן עס באַטראַכט, ווי עס שטייט אַ טרוקנס, אַ שטילס, אַ וואָכעדיקס; אויפן גרויסן צעבער געקוקט, וואָס איז געהאָנגען איבערן ברונעם אַ צעטריקנטער, אַ צעלעכצטער און דורך די שפּאַרינעס האָט אַרויסגעקוקט פּוסטקייט און דרויסנדיקייט און דער סך-הכל: אַ קאַלט טרוקן שטיל באָד געהילט אין קאַלטן, שטילן, טרוקענעם אומעט...

אַ פּאָר יידן זענען דאָך געקומען מיט ריינע וועש אונטער די אָרעמס, געקומען לכבוד דעם יום-תּריעה, אָפּצוטובלען די גופים זייערע כאָטש אין דער קאַלטער מקווה. אין דרייען זענען זיי געקומען און מיט אומעטיקן קאַלטן אומעט האָבן זיי באַטראַכט די גרויסע באַדיקע לערקייט און אויף אַלץ, אויף וואָס דער בליק זייערער איז געפאַלן, האָט זיי אויסגעקוקט אַזוי אויסטערליש ניי, ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל דאָרטן געווען... עפּעס אַזאַ מאָדנע פריקרע פרעמדקייט איז געווען איבער דעם גאַנצן גרויסבאַדיקן פּאַרנעם און אין אַויר צעגאָסן און צעלייגט אויף די לאַנגע ריינגעוואַשענע בענק און אויף דער טרוקענער דיק הילצערנער פּאָדלאָגע. מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָבן זיי באַטראַכט דאָס פאַרחרובטע ווינקל, וווּ דער קעסל איז געשטאַנען, באַטראַכט דעם חורבן-לאָך מיט די צעהרגעטע און צעפּיצלטע שטיינער און דאָס פאַרטריקנטע פון יאָרן-לאַנג איבערגעברענטע ליים... אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי שוידערלעך פרעמד...

שפּעטער, מיט עטלעכע מינוט נאָך זייער אַריינקומען, האָט זיך דער בעדער באַוויזן מיט אַ פּאָר צעלעכצטע שעפּעלעך. וווּ ער האָט זיי גענומען און וואָס ער האָט זיך מיט זיי געטראָגן האָט ער, דאַכט זיך, אַליין אויך נישט געוווּסט; ווי אַ גלגול איז ער פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אָט דער בעדער אַן אָנגעכמורעטער, אַ ברוגזער. די יידן, אַזוי גלייך ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט טענות, פאַרוואָס ער האָט כאָטש די מקווה נישט אָנגעוואַרעמט.

— אָבער די מקווה האָסטו דאָך געקאָנט דערוואַרעמען!

דער בעדער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט קיין קוילן נישט געהאַט. ווי קאָן ער נעמען קוילן צו דערוואַרעמען דעם „סאַמאָוואַר“, אַז דאָס באָד הייצט זיך נישט.

— א תירוץ פאַר די בענטש־ליכט, ווען דו וואָלסט אַריין צו מיר, וואָלט איך דיר נישט געגעבן א ביסל קוילן?!

— און צו מיר ווען ער קומט אַריין?

— ווער וואָלט עס אים נישט געגעבן?

נאָכהער צווישן זיך אַליין גערעדט:

— אַן עוולה, א גרויסע עוולה פון אים!

— איי, האָט ער ווערט א פסק!

— אָט דאָס איז נישט גוט — האָט איינער פון די דריי, א גרויסער למדן און פרומער ייד, געזאָגט — דאָס איז נישט גוט, וואָס א בעדער איז אַלעמאָל א בור מדאוריתא. ווען א בעדער וואָלט נישט געווען קיין גראָבער יונגאַטש, וואָלט ער געוווּסט, אַז ערב ראש־השנה...

— נו, וויל אָבער קיין למדן קיין בעדער נישט ווערן — האָט זיך א צווייטער אָנגערופן.

ס'האָט דייטלעך אָפּגעקלונגען יעדעס וואָרט זייערס; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גרויסע פוסטקייט און לעערקייט העלפט מיט צו רעדן און צום אונטערהערן, וואָס מ'רעדט. ס'האָט זיך געשפּירט די אָן־מזוזהדיקע פוסטקייט און יעדער אין זיך איז געווען צופרידן, וואָס ער איז נישט אַליין, וואָס ער איז נאָך מיט צוויי, וואָס מ'איז אין דרייען.

דער בעדער האָט זיך אָפּגעטראָגן. דער אמת איז, אַז דעם תירוץ, וואָס ער האָט אָנגעגעבן, אַז ער האָט נישט דערוואַרעמט די מקווה דער־פאַר, וואָס ער האָט קיין קוילן נישט געהאַט, איז דאָך טאַקע קיין תירוץ נישט געווען; מ'וואָלט אים אין יעדן יידישן הויז, וווהין ער וואָלט נאָר אַריינגעקומען, וואָלט מען אים נישט אָפּגעזאָגט צו געבן א ביסל הייסע, אָדער קאַלטע קוילן; דאָ האָט געשטעקט גאָר עפּעס אַנדערש: אים, דעם בעדער, האָט פּשוט נישט געוויינט: קיין באָד־געלט פאַר גיין אין מקווה אַריין וואָלט אים קיינער נישט געצאָלט... טאָ צוליב וואָס זאָל ער זיין אַן אומזיסטער משרת?

די דריי יידן האָבן זיך מיט אומעטיקער פוילקייט און פוילן אומעט

זיך אנגעהויבן אויסצוטאן; פויל אראפגעשלעפט ארבלען, קאפאטעס, קאמזוילן און לייב־סערדאקעס, האט איינער פון זיי, שוין אן אויסגעטויעבער, נאר וואס איז נאך געשטאנען מיטן היטל אויפן קאפ, צוליב פרומקייט און צוליב ראש־השנה, און אויך צוליב דעם, כדי אויף לענגער אפצוהיטן אט דאס אראפלאזן זיך אראפ אונטן אין דער פינצטערער און קאלטער מקוה, געזאגט:

— אפשר וועלן מיר טאקע פארט גיין אין טייך אריין, הא?

אין דער אפענער טיר האט זיך א הינטישער קאפ באוויזן. צוזייענדיק דער אויסגעשטעקט די מאָרדע אינעווייניק, האט ער נאזיק און לעכעריק די לופט ארומגעשמעקט און ס׳איז געווען צו דערקענען אין זיין די לופט ארומשמעקן, אז דאס ערשטע מאל אין זיין הינטישן חוש־הריח שמעקט ער אן אזא ניכטערע און ליידיקע לופט, אן א שפור פון עפעס עסנדיקס, און אין די אויגן זיינע איז געווען צו דערקענען, אז דאס ערשטע מאל זעט ער אזא מאדנע „שטוב", מיט אזעלכע מאדנע מענטשן, וואס די קעפ בא זיי זענען געווינלעכע, ווי בא יענע אלע, וואס ער זעט כסדר, אבער פון די קעפ און ווייטער איז עס גאר אנדערע מענטשן... געקוקט אזוי מיט א הינטישן אומעט אין די אויגן, האט ער גאר פלוצלינג דעם קאפ פארווארפן ארויף, די מאָרדע פאררייסן, א פילפאכן שלשלתדיקן וואיע ארויסגעלאזט און פיסלדיק אוועק און אפגעצויגן.

— אויף דיין קאפ! — האט דער ייד, וואס איז נאך אלץ אין היטל געשטאנען, אויסגעשריגן און אויסגעשפיגן.

דער ייד, וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך, איז שוין נישט בלויז צוליב פרומקייט אין היטל געשטאנען, נאר כדי אזוי ארום דער לעצטער צו זיין אין מקוה זיך אראפצולאזן. ער האט דורכויס געוואלט, אז זיי זאלן זיין די ערשטע; אן אומבאגרייפלעכע מורא האט אים אפגעהאלטן זיך אראפצולאזן דער ערשטער אין דער מקוה אריין.

ענדלעך האבן זיך יענע ביידע געלאזט גיין פארויס, און ער, אט דער ייד, נאך זיי פון הינטן... טריט בא טריט געגאנגען, טריט בא טריט געטרעטן אויף די קילע שפאלן, וואס איז געווען אינדערמיט אויסגעהוילט מיט א רינוועלע און באוויזן מיט דער דיקקייט זייערער, אז ס׳איז נישט קיין געווינלעכע פאדלאגע, אז דאס זענען דיקע שפאלן, און דארט באם

סוף האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט אַ לאָך אין וואַנט און מיט אַ דרויסנדיקער ליכטיקייט, וואָס האָט אַרייַנגעקוקט אינעווייניק אַריין.

פון דעם שטייענדיקן מקווה־וואַסער האָט זיך געשפּירט אַן אומעטיקער, שווערער ריח, ווי פאַרפרעסטע פאַרגליווערונג פון מענטשן־שווייס און פאַרמאַריגירטע ריחות פון מענטשן־קערפּערס. דאָס וואַסער אונטן האָט מען נישט געזען, ס'איז געווען צונויפגעגאָסן מיט דער אונטערשטער פינצטערניש און דאָס אויג האָט נישט געקאָנט כאַפּן, ווו ס'ענדיקט זיך די פינצטערניש און ווו ס'הייבט זיך אָן דאָס וואַסער. פון אויבן־אַראָפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הילצערנע בלינדע ווענט און פאַרלוירן געגאַנגען מיט זייער נאַקעט־הילצערנער בלינדקייט, זיך אַראָפּגעלאָזט קעלערדיק און ברונעמדיק... זיי זענען פון אויבן ביז אַראָפּ געווען באַשאָטן מיט מכות, וואָס האָבן אייסגעזען ווי שוואָמען, גרויע, נאַסע און גליטשיקע; אייניקע פון זיי זענען געווען אַזוי אַלט און אויסגעטריקנט, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט ברעכן ווי ליימיקע שערבעלעך.

זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ פּאָר טרעפּלעך, האָט מען זיך ווידער פאַרנומען צו רעדן פון בעדער... ווייל יענער, דער בעדער, איז געווען אַ גראָבער יונג, און ווייל זיי זענען געווען איידעלע יידן, און ווייל ס'איז געווען ערב ראש־השנה, האָבן זיי געפילט די גאַנצע תקיפות זייערע, ווי די הילל, און שמאַי, דער בעדער, אינדערמיט, האַלטן געלעבט אין זייער זכות, און דאָ נעמט ער, אָט דער „ליידאַק", און דערוואַרעמט נישט דעם סאַמאָוואַר אין מקווה...

— אפשר ווען מיר טאַקע פאָרט גיין אין טייך אַריין ? — האָט דאָס צווייטע מאָל געזאָגט דער זעלבער ייד, וואָס האָט דאָס געזאָגט צום ערשטן מאָל.

דער ייד האָט נישט אַזוי געמיינט אין טייך אַריינצוגיין, ווי אים האָט זיך נישט געוואָלט גיין אין מקווה. עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע מורא האָט אים באַהערשט זיך אַראָפּצולאָזן אונטן... ווען ער וואָלט דאָ אַליין געווען, וואָלט ער שוין אין מקווה נישט געגאַנגען, ער וואָלט זיך אָנגעטון אין ריינע וועש און וואָלט געקומען מיט טרוקענע באָרד און פּאות אַהיים...

— שלוחי מצווה אינן נזיקין ! — האָט דערזעלבער פּלוצלינג אַ זאָג געטון, און זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין פרומקייט און אָן דעם מאמר, וואָס

ער האָט אָפּגעמאַמרט, האָט ער פּלוצלינג מוט באַקומען, און ווי עמעצער וואָלט אים אַ צי געטון אַראָפּ, האָט ער זיך מיט האַסטיקע טריט אַראָפּגעלאָזט אונטן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די צוויי יידן. וואָס זענען געשטאַנען פון אויבן, דערהערט אַ פּליוסק אין וואַסער, און געוואַרט אויף דעם פּליוסק, כּדי עפּעס אַ פרעג צו טון און זיך אויך אַראָפּצולאָזן נאָך יענעם, האָט איינער אַ פרעג געטון:

— גוט, הא?

— ס'איז מיר נישט גוט! — האָט זיך פון אונטן אַרויף אַ קול דערהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן מיט שטאַרקע ליכט און שוואַכע וואַרעמקייט... זי האָט זיך שוין אײַנגאַנצן אויף מ. רב פאַרקליבן און געקוקט אַזוי סוף-זומערדיק און סוף-יאָריק, און פון פענצטער האָט מען געזען ווי דאָ און דאָרטן צינדן מאַנסבילשע הענט ליכט... אַ ייד מיט אַ באָרד איז דאָ און דאָרטן געשטאַנען און ליכט געצונדן, און יתומים, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעוויינט, האָבן פון דאָס-ניי אַ קול-בכיה געלאָזט הערן, און די אלמנס זענען געשטאַנען אין די יום-טובדיקע קאַפּאָטעס פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט און געטון נישט זייער אַרבעט פון ליכט-צינדן.

נאָך ליכט-בענטשן האָט ווער דאָ אין שטוב אין איין פענצטער, דאָרטן אין אַ שטוב אין אַ צווייט פענצטער, צוגענומען די נשמה-לעמפּלעך צוליבן אָנקומען פון יום-טוב... אָט די נשמה-לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט נעכט און טעג צוליב ברענגען און נישט צוליב לײַכטן און וואָס האָבן מיט פייער-בלינדקייט געקוקט אין די ליכטיקע זוניקע טעג אַרײַן און מיט פינצטערן אומעט פון נישט אויסלעשן זיך, האָט מען איצט צוליבן אָנקומען פון יום-טוב אַראָפּגענומען פון די פענצטער די לעמפּלעך מיט די פײַערלעך און אויסגעלאָשן, ערגעץ פאַרטראָגן און פון אויג פאַרשטעלט.

צונויפגעקומען זיך אין שול, האָט זיך פון דער ווייבערישער זייט באַלד געלאָזט הערן אַ שרעקלעכע יללה. נאָך די ליידיקע „שטעט" האָט מען געקאָנט ציילן די צאָל ווייבער וואָס פעלן, און אויך אין דער מאַנסבילשער שול האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן פיל ליידיקע ערטער... פאַר

יאָרן און יאָרן געוווינט געוואָרן אויף אָט דעם אָרט און אויף יענעם, דעם אַזעלכן און יענעם אַן אַנדערן, צו זען, מיט דעמס און יענעמס אָרט שטיין און זיצן, יעדער מיט זיינע תנועות און העוויות באַם דאַוונען... בישטאָ!... געלאָזט נאָך זיך ליידיקייט און פוסטקייט... ליידיקע פלעצער געלאָזט מיט ליידיקן פאַרנומען... ס'האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרנעמען אָט די ליידיקע ערטער. און די יעניקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות לעבן די ליידיקע פלעצער, האָבן געשפירט מער ענגשאַפט, ווי ווען די באַלעבאַטים פון די „שטעט" זענען געווען אויף זייערע ערטער...

זיך אָנגעקיטלט און אָנגעטליתט, האָט זיך געדאַכט, אַז די שול איז פולער געוואָרן, געדיכטער און ענגער. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז ווער צו עקומען און ענגער געמאַכט... „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר", וואָס כאַפט אַריין באַם עמוד אַ שבתדיקע און יום־טובדיקע מנחה, איז צוגעגאַנגען צום עמוד און מיט אַ סליחותדיק קול אַ זאָג געטון:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!

8.

פון דעם יידס הויז־געזונט, ווען ס'איז אין מקווה נישט גוט געוואָרן, איז קיין איינציקער אין שול נישט געקומען, און דאָס אַליין האָט באַוויזן, ווי שלעכט ס'האָלט דאָרט מיט אים. פאַר דעם קאַרגן מעת־לעת פון ערב יום־טוב ביז צומאָרגנס אינדערפרי, האָבן זיך אַזוי פיל פאַנטאַזיעס אויסגעוועבט אין מענטשלעכע מוחות... עס האָבן איניקע דערציילט וועגן אים אין זיין נאָמען, ס'הייסט, אַז ער אַליין, דער ייד, וואָס האָט געהייסן אברהם הערש, אַז ער אַליין האָט עס דערציילט, אַז צו אים, דאָרטן אין מקווה, האָט זיך באַוויזן משה, דער שכן אברהם הערשס, וואָס איז ערשט צוריק מיט אַ פאָר טעג געשטאָרבן. אַנדערע האָבן דערציילט וועגן אים אַן אַנדערע מעשה, דאָס אַזוי ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין מקווה אַריין, האָט פון ערגעץ דאָרטן אַ בלאָז געטון אויף אים אַ לופטל; און אַזוי ווי דאָרטן, אונטן, האָט נישט פון ערגעץ פונוואַנען צו בלאָזן, ווייל ס'איז

פאַרשטעלט פון אַלע זייטן, איז דערפון געדרונגען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין לופטל, נאָר אַז דאָס איז דער „משחית" דאָרטן פאַרבייגעפלויגן...

אין שול האָט זיך מער געהערט יללות ווי תפילות. אין דער ווייבערישער שול האָט זיך אַלעמאָל אַן אַנדערער ייד געוויזן אין טלית און קיטל און האָט זיך אָנגעבייזערט בייזלעך און מיט גוטמוטיקן אומעט, ס'זאָל זיין שטיל. אָט די ווייבערישע יללות האָבן אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן דעם עולם פון געוויינלעכן ימים־נוראימדיקן פחד און פרומקייט און אַריינגעוואָרפן אין פחד פאַרן טויט... ס'איז נאָר געבליבן, פילפאַכיק פאַרטאָפּלט, די ימים־נוראימדיקע אימה... ס'איז שוין דורכויס געווען אַ ונתנה־תוקפדיקע שטימונג, ס'האָט זיך זעלטן ווער געקאָנט קאָנצענטרירן אינם דאַוונען און אין די תפילות. שווער געווען זיך איינצוהאַלטן אַ שעה צייט אין שול. ס'האָט זיך אַלעמאָל ווער אַרויסגעכאַפּט אינדרויסן מיט טלית און קיטל (אָ ער אַ יידענע אין דער ווייסער פאַטשיילע) און אַוועקגעלאָפן געהויר ווערן צו קינדער און די מיידלעך, וואָס זענען אין די הייזער פאַרבליבן... פיל זייעריקע האָבן זיך מתיר געמאַכט עפּעס איבערצוכאַפּן פאַרן דאַוונען, אינמיטן דאַוונען, אָדער אויסן־אמת (די צייט פון לייענען) באַ זיך אין די הייזער ווי פרעמדע, אין פרעמדע הייזער אַ פּאָר ביסן געכאַפּט, בגנבה פאַר זיך, בגנבה פאַר קינדער, בגנבה פאַר ווענט און פאַר פענצטער, און געדאַכט האָט זיך, אַז נישט נאָר די ביסנס האָט ער בגנבה געשלונגען נאָר אויך די שול־צייט, וואָס ער האָט פון שול אָפּגעריסן. אַרייַנגעריבן אַ פּאָר געשמאַקע יום־טובדיקע ביסנס און זיך אַרומגעווישט און זיך אַרומגעטרייסלט, ווי גאָרנישט פאַרזוכט און גאָרנישט טועם טעם געווען. . און זיך אַרומגעדרייט כלומרשט אַ ניכטערער, אַ ראש־השנהדיקער, אַ שוליקער, וואָס דרייט זיך שוליק אַרום פאַר זיך אין שטוב, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אָן אַן אָרט, אָן אַ פּלאַץ. און אַזוי האָבן אייניקע פאַרשפּעטיקט צו תקיעות און נישט געהערט דעם קול שופר, געלאָפן אָן אַן אָטעם, דאָ איינער און דאָרטן אַ צווייטער איז געלאָפן מיט אַ פאַמעלעכן לויף און זיך געפילט פרעמד און איבעריק אין דער דרויסנדיקער אַטמאָספערע, ווי פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־יידישער סביבה... זיי האָבן זיך, אָט די פאַרשפּעטיקטע, באַ זיך, אויף שטעטלדיקער ערד, זיך פרעמד געפילט צווישן יידישע הייזער, וואָס האָבן געפּוסטעוועט אָן יידן און אָן ווייבער, ווו עס זענען נאָר פאַרבליבן מיידלעך און קינדער. יידי־

שע פענצטער האָבן געקוקט אויף די איילנדיקע מיט יום־טובדיקן אומעט פון שול־צייט, מיט צאַרטן און בענקנדיקן אומעט פון אַ גרויסן און מורא־דיקן יום־טוב, ווו יידן פאַרברענגען מער אין שול ווי אין די הייזער.

ווו־נישט־ווו האָט פון אַ פענצטער אַ מיידל אַרויסגעקוקט, וואָס איז וואָכעדיק און ראש־השנהדיק מיט קאָכן דאָס יום־טובדיקע וואַרעמס גע־ווען פאַרנומען. דאָ און דאָרט האָט אַ שיין געטון פון אַן אָפענער טיר אָדער אויף אַ בריקל אַ מיידל מיט אַ קינד אויף די הענט און אַנטקעגן איז אַמאָל איין פאַרשפּעטיקטן און אַ צווייטן אַ גוי אָדער אַ גויע אַנטקעגן געקומען, ווי אַ שטיק וואָך, ווי אַ שטיק לעבעדיקער אומעט פון אַ פרעמד־און וואָכעדיק גוייש לעבן... אַ גויע, אַ גוי, וואָס איז אַלעמאָל גוי און גויע, אפילו איצט, אין אַזאַ צייט, ווען פאַר אים (פאַר איר) ווערט היינט אויך דאָס קוויטל געשריבן, ווי פאַר אַלע באַשעפענישן און פאַר אַלץ וואָס לעבט!...

„ומי במגפה״!

יצחק אהרן האָט מער פאַרברענגט אַרום דער שול, ווי אין שול... ער האָט זיך הפקרדיק אַרומגעדרייט דרויסן, מיטן טלית אויף די אַקסלען, און דורכגעלאָזט זייער וויכטיקע תפילות. ער איז געקומען שפּעט אין שול אַריין, העט ווייט, ווען יידן האָבן זיך שוין געהאַט פיל אָנגעדאַוונט און אָנגעוואָגט, און ס'האָבן אַלע דערקענט אויף אים, אַז ער האָט „איבער־געכאַפּט״, איידער ער איז געגאַנגען אין שול... מ'האָט געוווּסט, אַז ער טוט עס נישט פון הפקרות, און דאָך... מ'וואָלט עס אים געקאָנט מוחל זיין, ווען מען וואָלט געוווּסט אויף זיכער, אַז דורך אַזוי זיך פירן, ווי ער, יצחק אהרן, פירט זיך, קאָן מען באַוואָרנט זיין. און ווער אַ שטייגער האָט אים געצויגן באַ דער צונג צו דערציילן, אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין יום־טוב, אַז מ'האָט באַ אים נאָר געבאַקן חלה און צו דער חלה האָט ער געהייסן צוגרייטן לאַדישקעס מיט מילך, מיט כמעטענע און זויער־מילך און מ'וועט באַ אים פּראַווען אַ שבועותדיקן ראש־השנה. און אויב דאָס איז קיין עבירה נישט, וואָלט שוין זיכער מער מצווה געווען, ער זאָל אַ ביסל צופאַסטן און נישט נאָך איבערבייסן פאַרן דאַווענען... ס'האָבן אים אייניקע שוין אפילו באַדויערט:

— סיי־ווי־סיי, אייביק וועט דאָך קיינער נישט לעבן... שטאַרבן וועלן דאָך אַלע מוזן... און לעבן, ווייסט מען דאָך, לעבט מען נישט צוליב די־

וועלט אינגאַנצן... ס׳איז דאָך פאַראַן אַ שטענדיק לעבן, אַן אייביקס, וווּ מ׳האָט נישט קיין מורא פאַר קיין כאָליערעס און פאַר קיין מגפות... איז... לויגט עס זיך נישט!...

בכלל, אַט דער ייִד, יצחק אהרן! ער האָט זיך באַ אַלעמען געפּיקט אויף די צינגער... אַט אַ שטייגער האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעטון די ברילן.

וואָס האָט ער געמיינט, זיינע אויגן פון מענטשן פאַרשטעלן? אויב אַזוי, האָט ער אויך געמעגט אָנטון אַ מאַסקע אויף זיין פּנים. אַ שרעק, ווי דאָס פּנים האָט זיך באַ אים געענדערט... בלויז דערפאַר, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז דאָס איז יצחק אהרן, האָט מען געוווּסט, אַז דאָס איז ער; ה׳ייטער איז דאָך אים פּשוט נישט געווען צו דערקענען, אַזוי געענדערט האָט ער זיך. דאָס פּנים זיינס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן איינגעצויגע־נער און בלאַסער און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַרצע באָרד זיינע ווערט גרעסער און שוואַרצער און די בלויע ברילן אַלץ בלויער און טונקעלער.

* *

*

יצחק אהרן איז איינער אַליין געשטאַנען לעבן אַ פּלויט, עטלעכע טריט ווייט פון דער שול, און אַריינגעקוקט אין אַ גאָרטן אַריין. און כאָטש ס׳איז ווייט נישט אַלץ פון דאָרטן געווען אַרויסגעריסן, פונדעסט־וועגן איז שוין אינגאַנצן געווען צעשטערט דער אָנהייב און מיט־זומער־דיקער סדר פון וואַקסן און בליען פון יעדן געוויקס פאַר זיך און באַ־זונדער. יצחק אהרן האָט אַזוי אַריינגעקוקט אין דעם גאָרטן אַריין מיט אַן אומבאַגרייפלעך שווער געמיט. ער האָט געקוקט אויף די דאַרע דינע „טיטשקעס״, וואָס זענען נאָך געשטאַנען אַרומגעוויקלט אין „פּריי״ און אין בלעטער, אָבער קיין פּאַסאָליעס איז שוין אויף זיי נישט געווען... דאָ און דאָרטן איז זיך געלעגן גרויס, קיילעכדיק און שווער־גופיק אַן אַרבוזע מיט לאַנגע גרינע האָריק־שטעכיקע גאָרגלען פון זיך ווייט אָפּגעצויגן און מיט פּאַראַסאָל־בלעטער פון אַלע זייטן באַשיצט... דאָ און דאָרטן זענען געבליבן אוגערקעס אַריבערגעוואַקסענע, געלע און צעפּוילטע. ס׳האָבן

אַרויסגעשטשירעט זייערע געלע ציין די קוקורוזעס. אַרויסגעשמייכלט פון זייער בייכיקייט, פון די לאַנגע לולבימדיקע בלעטער און פון די שוואַרצע פאַרטריקנטע בערד אַרויס, האָבן אַרויסגעקוקט שורות ציינדלעך פון דער זון פאַרברוינט און פיל האָבן אַרויסגעקוקט הוילע, פון פויגלען אויסגעפּיקטע, און דאָס און נאָך אייניקע געוויקסן, וואָס אַלע יאָר איז שוין אין דער צייט פון זיי כמעט ווי קיין זכר נישטאָ, האָט מען איצט דערקענט די אויסערגעוויינלעכקייט פון דער צייט. מ׳האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון צו עסן אָט די אַלע זאַכן און זיי זענען אין דעם גאָרטן, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע גערטנער פאַרבליבן... ער, יצחק אהרן, האָט געקוקט אין דעם גאָרטן און ס׳האָט אים געשוידערט... אָט דאָס פאַרלאָזטע און פאַרבליבענע אין גאָרטן האָט פיל מער אומעט אָנגעוואָרפן, ווי ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען אַרויסגעריסן, מיט די פאַרבליבענע זאַכן, וואָס וואָלטן שוין לאַנג אין גאָרטן נישט באַדאַרפט זיין, האָט דער גאָרטן אויסגעזען מער פאַרלאָזט, מער פאַרחורבנט, ווי ווען די אַלע זאַכן וואָלטן נישט געווען. ער האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט און נישט געהערט, ווי אין שול רעשט זיך מיט אַ רעשדיקער תפילה. ער האָט דערהערט ווי ס׳האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער:

— נו, אָ! . . . ונתנה תוקף!

* *

*

ס׳איז געווען וואַרעם, פייכטלעך און שטאָק פינצטער, סוף חודשדיק און אָנהייב־חודשדיק. דער מולד האָט זיך ערשט באַדאַרפט באַווייזן שפּעט בײַנאַכט, דער מולד פון נישט־געבענטשטן חודש תשרי, וואָס קומט אַלע יאָר, און דאָס יאָר אויך געדאַרפט קומען געבענטשט פון גאָט... אין געדיכטער פינצטערניש צווישן צוויי חדשים, פון איינעם, וואָס האַלט באַם אַוועקגיין און פון אַ צווייטן, וואָס דאַרף שפּעט אין דער נאַכט אָנקומען, איז געלעגן דאָס שטעטל געהילט מיט יום־טובדיקער ליכטיקייט אין די הייזער, מיט ליכט און לייכטער אויף די אויסגעשפּרייטע טישן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ און דאָרטן און איבערן גאַנצן שטעטל ווערט

„געפייערט" אַ גרויסער יום־טוב פון אַ גרויסן אומעט, אַ יום־טוב פון אומעט און טרויער.

נאָר וואָס איז די שול פאַרבליבן פאַרפינצטערט און פאַראייגזאַמט; פון פייער און פון ליכטיקייט און פון יום־טובדיקע יידן און ווייבער פאַרלאָזט, און שוין האָט זיך אין מיטן מאַרק אַ גרויסע לאַמטערנע געוויזן, וואָס האָט פון זיינע דיקע זיילבענס אָפּגעוואָרפן אויף דער ערד שאָטנדיקע הערנער, וואָס האָבן זיך געדרייט און געוואָרפן איינצייטיק מיט די ברייטע ליכטיקע פאַסן און צוזאַמען דערציילט פון אַ נייעם בר־מנן אינם שטעטל. אַרום לאַמטערן און צווישן ליכטיקייט און שאָטנדיקע הערנער, וואָס דער לאַמטערן האָט פון זיך אָפּגעוואָרפן, האָבן זיך פיס געדרייט, מיט ביין און מיט שפּאַנען זייערן אַ וועג אַ „חברהדיקן" און אַ בית־עולמדיקן. . .

פיר יידן האָבן זיך פון יידן אָפּגעריסן און פון יום־טוב, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די יום־טובדיקע קאַפּאָטעס און זיך אָנגעטון די וואָכעדיקע, נאָר געבליבן מיט די יום־טובדיקע היטלען אויף די קעפּ, זענען זיי געגאַנגען, אָט די יידן, מיט אַ לאַמטערן און מיט גראָב־אייזנס אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן, געגאַנגען טון אין דעם גרויסן יום־טוב אַ וואָכעדיקע און אומעטיקע אַרבעט... זיי זענען אויפן הייליקן אָרט געגאַנגען אַ פרישן קבר צו גראָבן פאַר אַ פרישן בר־מנן און דאָס איז געווען דער זעלבער ייד, וואָס האָט זיך אַזוי אָנפאַרטרויט אויף גאָט, אַרויסברענגענדיק זיין בטחון מיט די ווערטער: „שלוחי מצווה אינן נזיקין".

מ׳האָט נאָך פאַר קידוש, פאַרן עסן און ווייט פאַרן שלאָפן אָנגעהויבן אַרומצומאַכן די לאָדנס. און דאָרטן, וווּ קיין לאָדנס זענען נישט געווען, זענען פענצטער פאַרהאָנגען געוואָרן מיט אַלטע לעכערדיקע שאַלן, מיט וואָכעדיקע קאַפּאָטעס; יעדע שטוב האָט זיך עפּעס ווי געוואָלט אָפּטיילן, אָפּרייסן זיך פון גאַס, זיך אָפּזונדערן פון דעם פינצטערן אומעט מיט שטוביקער און יום־טובדיקער ליכטיקייט. מ׳האָט אין אַלע הייזער געוווּסט, אַז אברהם הערש איז געשטאָרבן. ער איז נאָך בײַטאָג געשטאָרבן, און מ׳האָט נישט גערעדט דערפון און נישט דערמאָנט...

יצחק אהרן איז געזעסן מיט ווייב און קינדער בײַם טיש און געגעסן אַ מילכיקע סעודה. ס׳האָט זיך געשפּירט אַן אומעט פונעם מילכיקן יום־טוב, פונעם מילכיקן עסן, וואָס האָט נישט באַפרידיקט נישט פיזיש און

נישט גייסטיק. ס'איז געווען אַ טאָפּלטער אומעט, אי אַ פיזישער, אי אַ גייסטיקער. יצחק אהרן איז געזעסן אויבן-אָן, האָט צו זיך אַליין עפּעס אַ פרעמדקייט געפילט און צו ווייב און קינדער. עפּעס האָט ער געפילט אין זיך נייעס און פרעמדס, אין דאָס נייע און פרעמדע האָט געשראָקן... ער האָט געגעסן ווי תמיד און נישט ווינציקער ווי אַלע מאָל, אָבער צייטנ־ווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ פרעמד מויל עסט. ער האָט אַזוי איינ־מאָל און אַ צווייט מאָל אַ רייב געטון מיט איין האַנט און פינגער די צווייטע האַנט און פינגער און אויפמערקזאַם די נעגל באַטראַכט...

אַכט ליכט און אַכט לייכטער האָבן אויפן טיש געברענט, און אַכט בענטשן זענען באַם טיש געזעסן. אַ הענג-לאָמפּ האָט געברענט, און די בילכיקע מאכלים האָבן פון דער ליכטיקייט באַזונדערס בלאַס און ווייס און נאָך מילכיקער ווי מילך אויסגעזען... און איינמאָל האָט זיך יצחק אהרנען נעפּלדיק געדאַכט, אַז ער, יצחק אהרן, הייסט גאָר נישט יצחק אהרן, אַז ער אַליין האָט גאָר אינגאַנצן קיין נאָמען נישט, אַז ער איז אָן אַ נאָמען געבליבן...

9.

גאַנץ פרי, דעם צווייטן טאָג ראש-השנה, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז באַ־אַכט זענען פרישע צווי „איינגעפאַלן". צוויי אין איין שטוב. צוויי שוועסטערלעך. און אָט דאָס וויסן האָט יעדער מיט זיך געבראַכט אין שול אַריין און איינס האָט דאָס צווייטע איבערגעגעבן דאָס גייעס. עס האָבן דאָס אַלע געוווּסט, נאָך איידער מען איז אין שול געקומען, ס'האָט עס יעדער פריער פאַרן אַנדערן געוווּסט און יעדער איינער האָט עס דעם צווייטן דערציילט.

ס'האָט קיינער רויק נישט געקאָנט איינזיין אין שול, מ'איז געזעסן און געשטאַנען אויף שפּילקעס, רק מען האָט אין די פענצטער געקוקט און נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז מ'הערט געשרייען פון דרויסן... ס'האָט זיך געשפּירט אַן איינגעהאַלטענע בהלה...

צעטראָגענער און אומרויקער פון אַלעמען איז געווען דער דיין. ער איז געווען צעטראָגן פון אַלעמענס צעטראָגנקייט. ער האָט געזען און געהערט, אַז דער עולם האָט נישט אין זינען די תפילות און דאָס האָט אים זייער באַאומרויקט. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס דעם עולמס געדאַנקען זענען נישט בײַ די תפילות, אַז דערפאַר וועט נאָך ערגער ווערן און ער האָט אַליין זיך געפילט מוטלאָז אַ דאַנק דעם, וואָס אַלע זיינע סגולות האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט שוין אַלצדינג אָפּגעטון, און די מגפה, נישט נאָר וואָס זי ווערט נישט שוואַכער, נאָר פאַרקערט... ס׳האָט אים געשווידערט פאַר זיין נאָענטסטן ידיד, פאַר דעם ייד אברהם הערש, וואָס איז איינס און צווײ אויסגעכאַפּט געוואָרן... אין איין הרף־עין נישט־גוט געוואָרן אין מקווה און אויף מאָרגן איז ער שוין געווען „אַ פאַרטיקער", געשטאָרבן און באַגראָבן.

בײַ הוצאת התורה האָט זיך דער דיין אַזוי גלייך דערמאָנט, אַז דעם צווייטן טאָג ראש־השנה איז אברהם הערש יאָר איין יאָר אויס עולה לתורה געווען... דער דיין, שטייענדיק בײַם צעעפנטן ארון קודש, האָט אַן אויפהער געטראַכט דערפון, און דאָס האָט געשטערט זיינע רעיונות צו מכון זיין אין דער גרויסער און הייליקער תפילה פון הוצאת התורה... דאָ גאָר פּלוצלינג האָט אים עפּעס אַזוי ווי אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן און דער דיין איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אים פאַרבייגעשוועבט אברהם הערשס נשמה, וואָס האָט נאָך איר תיקון נישט געפונען און וואָס באַזאַרף זיבן טעג אין זיבן נעכט צרומבלאָנקען זיך אויף דער זינדיקער ערד.

דער דיין האָט איבערגעגעבן דאָס ספר דעם חזן און בעל־קורא און אַליין, צריבערגעוואָרפן די שווערע עטרה איבערן קאָפּ, איז ער אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, און ווען יענער דאָרטן, דער חזן און בעל־קורא, האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספר אויף דער בימה און גענומען זאָגן מיט ראש־השנהדיקן ניגון „ויעזור ויגון יושיע לכל החוסים בו", האָט דער דיין אָט דעם זאָגער גאָר פּלוצלינג עפּעס אַריינגערוימט אין אויער אַריין, און דער בעל־קורא האָט פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס זאָגן און איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט. דער דיין האָט זיך גלייך אָפּגערוקט פון בעל־קורא און צווישן דעם און יענעם איז געבליבן אַן צרט פאַר אַ דריטער פּערזאָן, און שפּעטער אַ ווײַלע האָט דער בעל־קורא פאָרגעזעצט דאָס זאָגן זיינס,

וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן און איבערגעריסן, אָבער מיט גאָר אַ נייעם טאָן, עפּעס מיט אַזאַ געבראָכענעם, מיט אַזאַ שטילן, און פּלוצלינג גאָר שטיל, קוים־קוים, וואָס מ׳האָט געקאָנט הערן, אויסגערופן:

— יעמוד ר׳ אברהם הערש ברב נתנאל!...

אַ פּראָסט איז איבערגעגאַנגען איבער אַלעמענס קערפּערס. באַ איי־ניקע האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר און מען האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אין אַלע זייטן מיט מורא און מיט שטילקייט און מיט אַן אוי־סערגעוויינלעכן דרך־ארץ פאַר איינעם אַזעלכן, וואָס איז דאָ און מ׳זעט אים נישט, וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן נאָכן טויט אַ רואה ואינו נראה... וואָס האָט זוכה געווען נאָכן טויט אָנצוהאַלטן דעם קניפּ מיט דער לעבע־דיקער וועלט און צו באַקומען אַן עליה. ס׳האָבן אַלע נאָכהער אַוועקגע־שטעלט די אויגן און מכוון געווען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם ליידיקן פּאָרנעם צווישן דיין און דעם בעל־קורא און מיט קלאַפּנדיקע הערצער, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער ליידיקער פּלאַץ איז נישט ליידיק, און פּונקט אַזוי האָט מען זיך פאַר־געשטעלט, אַז די שטילקייט איז קיין שטילקייט נישט, אַז די שטילקייט איז אַ ברכה איבער דער תורה און שטיל אין זיך האָט יעדער נאָכגעזאָגט וואָרט באַ וואָרט, וואָס די שטילקייט האָט געזאָגט:

— ברכו את ד׳ המבורך, ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד...

און ווען די ברכה, ס׳הייסט ווען די שטילקייט, וואָס האָט פאַר־נומען אַזוי פיל וויפיל די ברכה האָט באַדאַרפט פאַרנעמען, האָט זיך גע־ענדיקט, האָט דער בעל־קורא אויסגערופן „אמן" און זיך פאַרנומען צום לייענען פאַר דעם אויפגערופענעם אברהם הערשן דאָס ראש־השנהדיקע לייענען, און פאַרענדיקט די פּרשה, איז ווידער שטיל געוואָרן און דער עולם האָט זיך ווידער איינגעהערט צו שטילקייט, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם ליידיקן פּלאַץ צווישן דעם בעל־קורא מיטן דיין, און ווען די צייט, וואָס די ברכה דאַרף פאַרנעמען, האָט זיך געענדיקט, האָט דער בעל־קורא אויפן אָרט פון אַ „מי שברך", וואָס מ׳מאַכט אַ לעבעדיקן עולה לתורה, אַן „אל מלא" געמאַכט.

נאָכדעם האָט דער דיין זיך געהייסן אויפרופן און נאָך אים האָט דער בעל־קורא זיך אַליין מכבד געווען מיט אַן עליה, און ס׳איז עפּעס געוואָרן מונטערער אין שול, אָבער דער דיין איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק

געווען, מען האָט דערקענט אָן אים, אַז עפּעס קלויבט ער זיך נאָך צו־טון. און כך הוה. גלייך נאָך קריאת התורה האָט דער דיין אַ קלאַפּ געגעבן מיט אַ האַנט אין דער בימה און מיט אַ ציטערדיק קול אויסגעשריגן:

— זאָגט יזכור!

דאָס איז ווידער געקומען אומגעריכט, ווייל ראש־השנה איז מען נישט מזכיר נשמות... מ'האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן, און ס'האָבן נישט געוווּסט די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט טאַטע־מאַמע, צי באַדאַרפן זיי אַרויסגיין צי נישט, צי מעגן זיי אָדער אפשר באַדאַרפן זיי גאָר אין אַזאַ פאַל דווקא אין שול פאַרבלייבן... נישט געוווּסט וואָס צו טון, און נישט וויסנדיקערהייט און נישט פרעגנדיק באַ קיינעם, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אַלע די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט טאַטע־מאַמע, און אין דער געדיכטקייט, וואָס איז אין שול געבליבן, איז גלייך געווען צו דערקענען דעם גרויסן אומגעוויינלעכן צוווּקס פון יתומים... עס זענען פאַרבליבן גלייך מיט אַלע און דערוואַקסענע יידן, קליינע יינגלעך, און אַ שווערדריקנדער טרויער האָט די גאַנצע שול אַטמאָספּערע דורכגענומען. פון דער ווייבערישער שול האָט — באַלד אַזוי ווי דער דיין האָט אויסגעשריגן: „יזכור!” — אויסגעבראָכן אַ יללה, און די מאַנסבילן האָבן אין שווערן טרויער אַריבערגעוואָרפן די טליתים איבער די קעפּ און אַ שטיל, וויינענדיק מורמלען פון זאָגן און פון ווערטער האָט אָנגעפילט די שול. דאָ און דאָרטן איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ יינגעלע און געזאָגט מיטן יינגעלע וואָרט באַ וואָרט:

— יזכור אלהים נשמת אמי...

און ס'האָט זיך געפילט אַזאַ שווערקייט, אַזאַ מין געדיכטקייט פון טרויער, געמישט מיט שול און מיט יום־טוב... ס'האָט זיך געשפּירט אַ יתומדיקע און אבלדיקע ענגשאַפט פון בלייבן און פון זאָגן, וואָס נאָר די און נאָר אַזעלכע, וואָס זענען אין שול פאַרבליבן, האָבן זאָגן געוועך באַדאַרפט. פון צייט צו צייט האָט זיך פון שטיל אומעטיק־ברוינדן געריש געלאָזט הערן אַ שווערער קרעכץ באַגלייט מיט אַ וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטילער זאָגעכץ און פון שטיל צאַפּלדיקן געבעט פאַר פריש, נישט לאַנג פאַרשטאָרבענע, וועמענס נשמות ס'האָבן נאָך געפלאַטערט אין די מוחות מיט געדאַנקען פון נאָר־וואָס געלעבט און נאָר־וואָס געשטאָרבן, און מאָמענטנווייז האָבן זיך באַ איינעם און אַ צווייטן אָט

דיביידע געשעענע זאַכן נישט געבונדן, אַז ס'האָט געלעבט די איינע און די זעלבע, וואָס איז געשטאָרבן, און אַז ס'איז געשטאָרבן זאָט דיזעלביקע וואָס האָט געלעבט, עפּעס אַזוי גיך אָפּגעלעבט און אַזוי געשווינד אָפּגע־שטאָרבן, און ביידע זאַכן זענען געווען אַזוי פריש צאַפּלדיק און ווייטיק־דיק, אַז אָט, דאַכט זיך, קומט עס ערשט פּאָר ביידע זאַכן צוזאַמען, אָט לעבט עס און אָט שטאַרבט עס איינצייטיק.

מ'האָט אַזוי לאַנג זיך אַריינגעטון אין די יזכּורס, טראָפּנס טרערן זענען געפאַלן אויף סידורים, אויף פּאַפּיר און ווערטער און צעפלאָסן און צעשוווּמען זענען געוואָרן ווערטער פון טרערן...

— יזכּור ! ...

און די קליינע יתומים־יינגלעך זענען געשטאַנען געטוליעט צו טאַ־טעס, איבערגעדעקט מיט טליתים און זיך פאַרכלינעט פון דער געדיכ־טער וואַרעמקייט און נאָכגעזאָגט מיט גרויס הנאה און התמדה וואָרט באַ וואָרט :

„לכן, בעל הרחמים, יסתירהו בסתר כּנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמתה, ד' הוא נחלתה, ותנוח בשלום על משכּבה, ונאמר אמן !"

די נישט־יתומים, גרויס און קליין, האָבן אָנגעהויבן צוריק אַריינ־צוגיין אין שול, און ס'האָט יעדער איינער דערשפּירט די מזכּיר נשמות־דיקע שווער־געמיטלעכע אַטמאָספערע, און איינער און אַ צווייטער האָט אַ גלעט געטון אַ יתומל, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו־צוגרייטן צו מוסף. דער בעל־תּפילה האָט זיין אָרט באַם עמוד פאַרנומען, ווי אַ לעבעדיקער מת אין טלית און אין קיטל געהילט און זיך פאַרטיפט אין שטילקייט און אין זאָגן אין דער פאַר מוספדיקער תּפילה פון „הנני העני ממעש", און דער עולם איז געווען פאַרטיפט אין דעם שטילן גע־בעט און אין דעם נישט הערן, וואָס דער בעל־תּפילה זאָגט, און מיט קלאַפּנ־דיקע הערצער געוואַרט אויף יעדן אויסגעשריי אויף זיינעם. און דאַ... דאָרט גאָר פלוצלינג פון ערגעץ אַ פאַרגעסענער דרויסנדיקער ווען האָבן זיך פלוצלינג דערהערט געשרייען און געוואַלטן און די גאַנצע שול טליתים, דאָס גאַנצע שטעטל יידן מיט ווייבער, און דער גאַנצער ימים נוראימדיקער יום־טוב האָט זיך געגעבן אַ שיט אַרויס אינדרויסן און אַוועק אַהין צו יענע הייזער, פונוואַנען עס האָבן זיך די געוואַלטן און געשרייען דער־הערט...

און צוויי הייזער האָט עס איינציייטיק געטראָפן, אַ שטוב אַנטקעגן אַ שטוב, פענצטער אַנטקעגן פענצטער. אין איין שטוב האָט עס געכאַפּט אײַנע און אין דער צווייטער שטוב, ווו עס זענען שוין געלעגן צוויי געכאַפּטע פון נעכטן, האָט עס געכאַפּט אַ דריטע, אַ יידענע אַ שכנה אין דער זעלבער שטוב...

פון דער שטוב פון די דריי האָט זיך גאָר פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּערײַ פון אינעווייניק, פון שטוב אין פענצטער... אַ האַנט און פינגער האָבן געקלאַפּט, אַ האַנט אַ געלע, ווי בײַ אַ דערטרונקענעם, מיט פינגער פאַרשפּיצטע און פאַרגעלטע נעגל...

האַסטיק האָט די האַנט געקלאַפּט, ציטערדיק און פלאַטערדיק, ווי צוויי צוזאַמען, ווי טויט מיט לעבן וואָלטן זיך באַהעפט און צוזאַמען גערופן לעבן און טויט אויף צו שטאַרבן און אויף צו ראַטעווען פון שטאַרבן... צווישן די וואַזאָנעס, וואָס זענען אויפן פענצטער געשטאַנען, האָט זיך איינמאָל אַ ווייז געטון אַ פּנים פון אַ מענטש און פון אַ מת. אַ צווייט מאָל זיך באַוויזן, מיט אַ דערשראָקן־צעמישטן בליק פון אויגן פאַרוואַסערטע און טעמפּע און אין די אויגן איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז דעם מענטש איז האַמעטנע דער טויט באַפאַלן... זיי האָבן געקוקט, אָט די אויגן, מיט אַן אויסדרוק פון מאָמענטאַלער פרעמדקייט און אָפּגעריסנקייט פון לעבן, געקוקט אינדרויסן אַרויס, ווי אין אַ פרעמדער וועלט אַריין, ווי זיי וואָלטן זי דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אָט די וועלט געזען, אַ וועלט, ווו ס׳האָט אָ־געלעבט אַ לעבן און ס׳שטאַרבט אָפּ אַ לעבן פון אַ מענטש און פון אַ יידענע פייגע.. אין פּנים און אין די אויגן איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז דאָס מת האָט זיך גלייך אַרײַנגעכאַפּט אין דעם נאָך לעבעדיקן פּנים אַרײַן און ס׳קלאַפּט און רופט נאָך הילף אַ שטיק נישט־זעענדיק לעבן פון אַ לעבעדיקער פייגע, וואָס איז נאָך אין מת פאַרבליבן...

טליתים און קיטלען און ווייסע זיידענע פּאַטשיילעס אויף ווייבערישע קעפּ האָבן זיך געקנוילט צוזאַמען, אין אַליין פאַר זיך געמאַכטער אָפּגעגרענעצטער ענגשאַפט אין ברייטן דרויסן. אַרום די צוויי הייזער און אינעווייניק איז יום־טוב און שוליק געוואָרן פון טליתים און קיטלען און ווייסע פּאַטשיילעס... דרויסנדיקע שול און שטוביקע שול. אַ שוידערלעכער יום־טוב פון שרעק און פּחד, פון געשרייען און געוואַלטן...

דער בעל־תפילה איז געבליבן בײַם עמוד שטיין, געשטאַנען און

געקוקט אויף דער פּלוצלינגדיקער ליידיקייט און פּוסטקייט, אויף סידורים און מחזורים, אָפענע. געקוקט, ווי ס'האָבן זיך אותיות־דיק געשורהוועט און געשוואַרצט מיט אומעט, וואָס בײַ צעעפנטקייט איז קיינער נישטאָ און ס'קוקט אַריין פּוסטקייט, ליידיקייט און שטילקייט, און ערגעץ דאָ און דאָרטן איז געלעגן אַ טלית צונויפגעקנוילט מיט אַ ציצה און צוויי אַראָפּגעהאָנגען און די גאַנצע שול איז, דאַכט זיך, אַזוי ברייט און גרויס געוואָרן, ווי די ווענט וואָלטן זיך צערוקט, און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דער נאָך־וואָסעדיקער רעש און טומל, װאָס איז ווי פאַרמאַרינירט געוואָרן אין דער שטילקייט און האָט געדעשט מיט שטילן רעש און מיט שרייענדיקער שטילקייט...

ער איז געשטאַנען, דער שליח צבור, פאַרגליווערט אין שרעק און מורא געהאַט דעם עמוד צו פאַרלאָזן... בײַם עמוד האָט ער זיך געפילט זיכערער...

ער איז געשטאַנען, געקוקט און געוואַרט מ'זאָל זיך צוזאַמענקומען. דאָ האָט ער באַמערקט, ווי יצחק אהרן האָט זיך אויף דער טיר באַוויזן. האָט איבער דער שוועל פון דער טיר אַריבערגעטרעטן מיט אַ געדיכטער שווייגעניש און שווערן אומעט, שוואַך און לויז געגאַרטלט אין דער בלויער קאַפּאָטע און אין יאַרמולקע, שוליק און שטוביק, ווי אין מיטן דאַווענען און נאָכן דאַווענען, ווי ער וואָלט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט און אָפּגעדאַוונט, אָדער ווי ער וואָלט נאָך גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געדאַוונט אַרײַנגעקומען מיט אַן אויסזען און מיט אַן אויסדרוק פון נאָר־וואָס אַרויסגיין מיט שול און דרויסנקייט, שמאָל־שוואַרץ אָנגעצויגן אין שוואַרצער קאַפּאָטע, ווי אויסגעשיילט פון טלית און קיטל, ווי אַ בחור, אַ פאַרעלטערטער און אַ פאַרזעסענער, מיט באַווייבטער פרומקייט פון יאַרמולקע און גאַרטל.

— יצחק אהרן, נו, אָ! — האָט דער חזן אַ רוף געטון און אָנגעוויזן מיטן פינגער, ער זאָל גיין אַרײַנרופן דעם צו אָפּענעם עולם.

יצחק אהרן האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט טונקעלער בלויקייט פון די בלויע ברילן, אַ קוק געטון מיט ברילן און מיט באָרד, געשוויגן און נישט געענטפערט... ער איז געשטאַנען מיט נישט איינשטיין, יצחק אהרן, ווי אַ מענטש, וואָס קאָן נישט שטיין און וויל דווקא איינשטיין. אָט אַזוי איז ער, יצחק אהרן, געשטאַנען. ער האָט זיך געוואַקלט און

ס'האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי ער וואָלט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מ'קאָן זיך צוזעצן... עפּעס אַ טיפע דראַמאַטישע פאַרלוירנקייט האָט זיך געשפּירט אין יעדן ריר פון זיין קערפּער... ער האָט געהאַט אַזאַ רחמנות־דיקן כמעט וויינענדיקן אויסדרוק, ווי ער וואָלט געוואָלט בעטן, בעטן און שרייען וועגן עפּעס און ווי ער וואָלט איינצייטיק מורא געהאַט דאָס צו טון... ס איז געווען צו דערקענען, אַז אַ מענטש וויל זיך שטאַרקן. ס'איז געווען צו דערקענען, אַז דער מענטש האָט שוין פאַרלוירן די שליטה איבער זיך און אַז ער וויל זי דאָך נאָך אָנהאַלטן אָט די שליטה, וואָס ער האָט שוין נישט... ס'איז קענטיק געווען, אַז דער מענטש קעמפט מיט זיך, אַז ער וויל זיך נישט אונטערגעבן, אַז ס'איז עפּעס מיט אים...

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ קליין פלעשעלע און דאָס מיט אָנשטרענגונג געעפנט און צוגעלייגט צו דער נאָז, און געטון איז עס געוואָרן עפּעס ווי פרעמדע הענט וואָלטן עס פאַר אים געטון, אַזוי ווי נאָז און הענט וואָלטן באַלאַנגט צו צוויי באַזונדערע מענטשן... — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעל־תפילה האָט זיך פון עמוד אָפּגעריסן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט צונויפגענומענע פיס אויף דער טיר, מיטן פּנים צום דרויסן און האָט אַלץ נישט געוואָלט מפסיק זיין פון אינמיטן דער תפילה, ער האָט איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַרויסגעשריגן אין דרויסן אַרויס:

— יצחק אהרן! יצחק אהרן! יצחק אהרן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

10.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אין אַלע הייזער פייער געברענט; דורך פאַרמאַכטע לאָדנס, באַהאַנגענע פענצטער, האָבן זיך דורכגעריסן ליכטיקע פּאַסקעס און רעדעלעך און אַריינגעוואָרפן אין דער אָנהייב־חודשדיקער פינצטערער נאַכט היימישן און שטוביקן אומעט, און דערציילט פון אַ שטעטל, וואָס שלאָפט נישט, וואָס רוט און רוט נישט, מיט

פייער אינעווייניק, וואָס באַלייכט און היט שלאָפנדיקע און נישט־שלאָפנדיקע... ליכטיקע פּאַסקעס פון לאָדנס און רעדעלעך פון פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן דערציילט פון אומבאַהאָלפנקייט און שוצלאָזיקייט פון מענטשן, וואָס פאַרכרויען זיך נישט דער נאַכט און איר פינצטערניש, וואָס האָבן זיך צעוומגעכאַפּט, פאַרשטעלט און פאַרהאָנגען פון איר, נישט צו זעען זי און נישט צו הערן און נישט צו דערשרעקן זיך, ווען ס׳וועט אין אַ צווייטער שטוב עפּעס טרעפן. שטיל איז געווען אינדרויסן. אַ לעבעדיקע שטילקייט, געהילט אין פּחד פאַרן טויט, געהילט אין נאַכט און פינצטערניש.

און אַזוי איז זיך פאַר דער צייט פון נאַכט און פינצטערניש פאַר דער צייט פון שלאָפן און נישט שלאָפן, פאַר דער צייט פון אומרויקייט און פּחד, האָבן פיר מענטשן, צוויי גרויסע און צוויי קליינע, דאָס לעבן און די וועלט פאַרלאָזט.. פיר מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שטאַרבן באַטאָג, און בײַ פייער פאַרענדיקט דאָס, וואָס זיי האָבן בײַם שיין פון זון אָנגעהויבן... פיר מענטשן אין צוויי הייזער, איינע אַנטקעגן דער אַנדערער; דריי אין איין שטוב און איינער אין דער צווייטער, זענען אויסגעגאַנגען מיט שרעק פאַר זייער אויסגיין... אין די צוויי הייזער, האָט זיך געדאַכט, רוט מען. ס׳רוען די טויטע נאָך זייערע קאָנוווּלסיעס, און עס רוען די לעבעדיקע פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס האָט זיך אָן אַ רו געצויגן, כמעט ווי אַ מעת־לעת צייט... דאָ און דאָרט דרייען זיך די לעבעדיקע אַרום די טויטע, אָן ערטער און אָן פּלעצער, שטילע, פאַרפייניקטע און פאַרמאַטערטע, מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז מ׳האָט געטון אַלץ, וואָס מ׳האָט געקאָנט טון, און ס׳האָט געפּייניקט די הערצער ווייטיק און יאוש, וואָס דאָס אַלץ, וואָס מ׳האָט געטון, האָט נישט געהאָלפן... די צוויי שטיבער זענען אָפן מיט אָפנקייט פון נישט־פאַרהאָנגענע פענצטער, אָפן מיט זייער גאַנצן אומעט און מיט פולער אָוונטיקער באַלייכטונג אין דער פינצטערער נאַכט אַריין, אָפן מיט אויפזיין און רויקע אומרויקייט פון טויטע און לעבעדיקע... עס האָט זיך געדאַכט, אַז פונדאַנען און פון דאָרטן האָט דער טויט עזותדיק אַרויסגעקוקט פון ליכטיקייט און פון פענצטער אַרויס, מיט פייער באַלויכטן זיין גרויזאַמע נאַקעטקייט...

און אין אַ דריטער שטוב, ווייט פון די צוויי, וואָס איז געשטאַנען פראָנטיק און מיט פענצטער צו אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, ווו אײ···

זייט מיט פראַנט און פענצטער איז געווען פאַרפעלדשערט און פאַרגוויישט, ווי עס האָט געשמעקט מיט רפואות און געפּרעגלט חזיר, — דאָרטן, אין יענער שטוב, אונטער איין דאַך מיט קריסט, מיט פעלדשער און מיט גוי, איז געלעגן יצחק אהרן און זיך געראַנגלט מיטן טויט. דאָס לייב זיינס איז געווען צעבריט פון די הייסע פלעשער, וואָס מ׳האָט אים אָן אויפהער געלייגט. און פון פוס און הענט איז ווי־גיסט־ווי געווען אָפּגעריבן די הויט פון געטרייע הענט און פון פיל הענט פון אַ גרויסער, איבערגעגעבענער משפחה... לעבן אים איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און נישט אָפּגעטרעטן אברהם באַראַבאַנשטשיק, דער שוואָגער זיינער. און ס׳האָבן אַלע געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם אברהם באַראַבאַנשטשיק, אַז ער וועט אים אָפּראַטעווען... דאָס איז געווען אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכער גבורה און עקשנות, און די גאַנצע אַרבעט זיינע, וואָס ער האָט אַריינגעאַרבעט אין שוואָגער אַריין, האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט אויס בלויזער עקשנות געוואָלט אויסרייסן דעם שוואָגער פון טויט.

פאַר דער צייט, האָט זיך אינמיטן דער נאַכט איינס: אַ גבירישע הויז־געזונט זיך געפּעקלט און זיך געקליבן אין וועג אַריין. אַ פּאָר פערד מיט וואָגן און רעדער זענען פאַר אַ רויט־געפאַרבטער שטוב געשטאַנען, פאַר אַ שטוב מיט פאַרמאַכטע לאָדן און אַרומגעמאַכטע טירן, און ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז עס שלאָפט דאָרטן רויק דאָס גבירישע הויז־געזונט... איין טיר איז אָבער געווען אָפן, אַ זייטיקע טיר, אַ הינטערשטע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום „פּאַדווער" און צום שטאַל. די טיר איז געווען אָפן און פון אינעווייניק האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פאַרטאָגדיקע באַלייכטונג, אַ ליכט פון באַנאַכטיק און פאַרטאָגדיק אויפשטיין. דאָס ליכט איז געפאַלן אויפן דיקן, פעסט אין דער ערד אַריינגעוואַקסן סטופּ, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען און געלעגן אָנגעשפּאַרט די לייטער, וואָס האָט זיך פון סטופּ ביזן קוימען אַרויפגעצויגן מיט אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט פון שטוב, וואָס איז בלויז היימיש מיט דאַך און מיט קוימען... פון דער אָפענער טיר האָבן הין און צוריק געשלייכט מענטשן אַריין און אַרויס, פּעקלעך געטאַסקעט און געוואָרפן אין וואָגן אַריין... די אַרבעט איז דאָרט צוגעגאַנגען פונקט ווי אין מלחמה־צייט, ווען אייניקע סאָלדאַטן קלויבן זיך צו אַנטלויפן און צו פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד... די פערד האָבן שטיל, מיט געדולדיקער געוווינהייט פון שטיין און וואַרטן, געקייעט

די ציימלעך, און אויבן, אויפן וואָגן, איז פון מינוט צו מינוט צוגעוואַקסן אַ פּעקל און אַ מענטש.

גביר און גבירטע מיט גבירישע קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אין וואָגן און אָפּגעצויגן, לאָזנדיק אַ פאַרמאַכטע, אַן אַרומגעשלאָסענע שטוב אויף אַ פּאָר פּאָלק, אָרימע קרובים. געלאָזט אויף זיי די שטוב, זי זאָל בלייבן פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, און זיי זאָלן היטן אָט די פאַרמאַכט-קייט און פאַרשלאָסנקייט. פאַרהאַקט און אונטערן שלאָס באַהאַלטן און פאַרשלאָסן אַלע גוטע און שאַצבאַרע זאַכן, האָט מען אָט דאָס אָרימע קרובים-פּאָרל איבערגעלאָזט צו היטן אָט די באַהאַלטענע, פאַרשלאָסענע זאַכן, וואָס זענען פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר זיי און פאַר אַנדערע.. די שטוב איז געבליבן אַן אַרומגעריסענע, אַ נאַקעטע, און דאָס פּאָר פּאָלק איז צייטווייליק באַרייכט געוואָרן מיט אַ נייער אָרימקייט פון אַ רייכער שטוב, וואָס איז צו זייער אַריבערגיין און אַריינקומען אין דער שטוב אַריין נאַקעט און אָרים געוואָרן... געבליבן אַליין, איבער דער גרויסער שטוב, באַלעבאַטים איבער אַלץ און איבער גאָרנישט, איבער אַלץ, וואָס איז פאַר זיי פאַרשלאָסן, פאַר זיי, פּונקט ווי פאַר אַלע אַנדערע, האָט זיך זייביידע געדאַכט, אַז זיי זענען עפּעס פרישע, שווער-אָנגעלאָדענע קבצנים געוואָרן; האָבן זיך דערשפּירט אָרימער ווי זיי זענען, אָרימער זיך דער-פילט ווי באַ זיך אין דויז...

פאַרטאָג, ווען מ'איז אויפגעשטאַנען צו סליחות, האָט מען זיך גלייך דערוווּסט פון די פיר פרישע מתים, און פון יצחק אהרנען, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט. און פון גבירס הויז-געזונט האָט מען זיך דערוווּסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטאָט און ערגעץ אויף איינעם פון די שליאַכן איבערגעקויפט די „וואַכטע". פון מינוט צו מינוט איז דאָס בית-המדרש פולער געוואָרן פון טאַטעס מיט קליינע ייִנגעלעך, קדישימלעך, וואָס טאַ-טעס האָבן זיי אויפגעריסן פון בעסטן שלאָף און זיי געבראַכט אין שול אַריין צו זאָגן קדיש נאָך די פאַרשטאָרבענע מאַמעס. אויסגעזעצט איינס לעבן דאָס אַנדערע, אָט דאָס קליינוואַרג, האָבן זיי געגעניצט און געכאַפּט אַ ציטער פון פאַר דער צייט אויפצו טיין און פאַרטאָגדיקער אָסיענדיק-פייכטער קעלט... פאַר זיי, פאַר די פּיצלעך און ברעקלעך ייִנגעלעך, איז דאָס געווען עפּעס אַזאַ פאַרטאָגיקע וועלט, אַ פאַרטאָג פון שול, פון ייִדן און פון ליכט און לאָמפּן. זיי האָבן געגענעצט דאָס קליינוואַרג, געשלונ-

גען אין די מײלעכלעך פאַרטאָגיקע שול־ליכטיקייט און פאַרטאָגיקן סליחות־דיקן אומעט, און יידן צווישן זיך האָבן גערעדט און נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די פיר פרישע מתים, וועגן יצחק אהרנען, און וועגן גביר מיט זײַן הויז־געזונט. שפּעטער איז מען פון דעם רעדן אַראָפּ צו אַן אַנ־דערן שמועס — וועגן דעם תּענית, צי ס'איז רעכט אין אַזאַ צײַט, אַזאַ תּענית פון „צום גדליה" צו פאַרבײַגן. אייניקע זענען געווען פאַר דעם און אייניקע קעגן דעם. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויכּוח וועגן דעם ענין. די און יענע האָבן געוואָלט אַרויסווײַזן זייער בקיאות און זייער לומדות פאַר און קעגן...

— וואָס וועט איר טון יום־כּפּור, האַ?...

— אַ פאַרגלײַך אַ ביסל: יום־כּפּור צו צום־גדליה!... יום־כּפּור איז מדאורייתא און צום־גדליה איז מדרבנן.

— גאָר אַ קלייניקייט, ווי מ'גיט זיך עס אַ זאָג אָפּ: מדרבנן — האָט אַ ייד, אַן אַלטער, אַ פרומער און אַ היציקער זיך צעבייזערט — מאַי דקאמרי רבנן אמרה תורה. די רבנן האָבן נישט אויסגעטראַכט פון זייערע אייגענע קעפּ, אַלצדינג, וואָס די חז"ל האָבן געזאָגט, האָבן זיי אַרויסגעדרונגען פון דער תּורה, אָדער ס'איז זיי געזאָגט געוואָרן ברוח הקודש.

— פּקוח נפש דוחה שבת — האָט אים אַ צווייטער ייד, וואָס קאָן אויך לערנען, אַרײַנגעזאָגט, און דער אַלטער, היציקער און פרומער ייד איז נישט געבליבן הינטערשטעליק:

— איר זענט בטוח, האַ? — מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז דאָס איז אַ פּעולה. אפשר פּונקט פאַרקערט. צום ותפילה, האַ? ס'איז גאָר אַ קלייניקייט! ווען עסן און אָפּהיטן זיך וואָלט געווען אַ סגולה, וואָלט דאָך יצחק אהרן נישט געלעגן איצט אויפן טויטן בעט... ווער האָט זיך נאָך אַזוי אָפּגעהיטן ווי יצחק אהרן, קיין יום־טוב נישט געמאַכט, נישט גענו־מען קיין פיש און פלייש אויף יום־טוב... הלוואַי שיקט אים גאָט־ברוך־הוא אַ רפואה שלימה. אָבער ס'העלפט נישט!... איר זעט דאָך יידן, אַז עס העלפט נישט!

דאָ איז אַרויסגעשפּרונגען איינער און געזאָגט, אַז דער דיין דאַרף מכריז זײַן און אַרויסגעבן אַ היתר, אַז מ'זאָל עסן, אַז מ'מוז עס!...

ס'האָבן געקרייעט די הענער צו טאָג מיט נאַכטיקן אומעט און מיט

אומעט פון אַ כפרהדיק לעבן, און דערמאָנט אין אַ נאָענטקייט פון יום־כפור און פון יום הדין... ס'האָבן דאָ און דאָרטן און אומעטום געקרייעט אַלטע הענער און יונגע האָנטשיקלעך מיט אומעט און פאַרצווייפלונג פון אַ הענעריש לעבן, וואָס קרייעט עפּעס אויף זיך אַליין, וואָס מאַכט מיט דעם קרייען אַ פאַרשווערונג אויפן אייגענעם יונגן און נאָך נישט דערוואַקסענעם האָנישן לעבן... די יידן אין שול האָבן זיך ענגער צוזאַמענגעדריקט און באַ יעדן איינעם, אין יעדנס מוח, האָט זיך געשפּרייט אַ ווייטער שטח, דער ברייטער מאַרק און שמאָלינקע געסלעך, ווו הייזער צו הייזער זענען געשטאַנען געטוליעט, מיט לייטערס לאַנגע פון דער ערד ביז צו די קוימענס... פּוסט און שטאַפּלדיק ציען זיך אָט די לייטערס, באַהעפטן דאַך מיט ערד, און, דאַכט זיך, וואַרטן אויף ווער, אויף אַ קריכער. שטאַפּלען און פּיסטקייט אין לערקייט צווישן די שטאַפּלען וואַרטן... געסלעך שמאָלע און ברייטער מאַרק, רשות יחידים און רשות הרבים און רשות למשח׳ת אומעטום... אין מיטן מאַרק שטייט אַ טאַבליצע, ווו עס איז אויסגעשריבן וויפיל נפשות ס׳געפינען זיך אין שטעטל, וויפיל גויים, וויפיל יידן, וויפיל זכרים, וויפיל נקבות, און ס׳ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג די צאָל פון די נקבות און זכרים, און אויף דער טאַבליצע איז אַלץ דער זעלבער מספר...

פון יענער זייט טיר האָט זיך גיך און האַסטיק דערהערט אַ טיר טאַפּן, אַ טיר ווישן פון הענט אייליקע און זוכנדיקע, וואָס האָבן געטאַפּט און געזוכט די קליאַמקע פון דער טיר... אָנגעטאַפּט און געעפנט, איז אַריינגעקומען און אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאַפּעטע יידענע, אַריינגעפאַלן ווי אַן אַריינגעוואָרפענע פון יענער זייט טיר און איינמאָל און אַ צווייט מאָל געכאַפּט דעם אָטעם, האָט זי אַרויסגעאָטעמט:

— יצחק זאַ רן איז געשטאָרבן!

— — — — — — — — — — — — — — —

11.

מ׳האָט געלערנט פּשט: אַז אויב יצחק אהרן ע״ה האָט געקאָנט נעמען און קראַנק ווערן אויף דער קרענק און נעמען און שטאַרבן פון דער קרענק, איז אַ סימן, אַז דאָס, וואָס יצחק אהרן האָט געטון און דאָס גאַנצע אָפּהיטן זיך, וואָס ער האָט זיך אָפּגעהיטן, אַז דאָס אַלץ טויג נישט, איז דעריבער האָט מען דערפון געדרונגען, אַז מ׳באַדאַרף נאָר פרום און ערלעך זיין, אַז מ׳באַדאַרף נאָר מתפלל זיין און גאָט בעטן. איי, מ׳האָט אויך דאָס געטון און ס׳האָט נישט געהאָלפן און אייניקע (חלילה אויך נישט קיין אפיקורסים) האָבן אָנגעוויזן אויף דעם ייד אברהם משהן. זיי האָבן געזאָגט און געטענהט, אַז אויב אַזאַ ייד ווי אברהם משה, אַ ייד אָן אַ פּגימה, וואָס האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין, וואָס איז אינמיטן יאָריקן מאָנטיק און דאָנערשטיק געווען פרומער ווי אַנדערע אום ראש־השנה און יום־כּפור, אַז צו אים האָט אויך געהאַט אַ שליטה די מגפה, איז אַ סימן, אַז פרום זיין איז קיין תרופה נישט.

— לכן, בכן?... קומט נאָך אייך נאָך אויס, אַז... מ׳באַדאַרף נישט; מ׳באַדאַרף נישט?... אפשר גאָר אינגאַנצן אויפהערן צו דאַוונען?... אפשר וועט דאָס העלפן, האַ?... אפשר וואָלט גאָר אַ תרופה געווען גאָר אינגאַנצן זיך אָפּשמדן?

און דער צד שכנגד האָט אַזוי געטענהט, אַזוי און עפּעס אַנדערש:

— לכן, בכן?... קומט נאָך אייך נאָך אויס, אַז... מ׳באַדאַרף זיך נישט אָפּהיטן? און אפשר גאָר אינגאַנצן ווערן אַ דבר־אחר? עסן, איך בעט אייך איבער, טיגופת... אפשר וועט דאָס זיין אַ תרופה?...

— באַ אייך איז אָבער גאָר, אָבער גאָרנישט... מ׳באַדאַרף נישט לעבן ווי אַ דבר־אחר, און מ׳באַדאַרף נישט...

— און מיר זאָגן, גם כן דאָס אייגענע, אַז מ׳באַדאַרף חלילה נישט אויפהערן צו דאַוונען, און שמדן זיך איז אוודאי קיין פּעולה נישט, ווייל

מיר זעען, אַז די גויים „שאַנעוועט" „זי" פּונקט אַזוי, ווי זי שאַנעוועט די יידן... מ'באַדאַרף וואַרטן „עד יעבור זעם" און ווייטער גאָרנישט.

יענער צד האָט אָבער נישט מסכּים געווען און האָט אַזוי געטענהט:

— ויהיה כּאשר ירום משה את ידיו וגבר ישראל" — די תּורה הקדושה קומט אונז דערמיט לערנען, אַז מ'טאָר נישט האַלטן אַראָפּגעלאָזט די הענט אין גרעסטן נסיון, על כּל צרה שלא תּבוא, טאָר מען נישט האַלטן אַראָפּגעלאָזט די הענט; מ'באַדאַרף אַרבעטן, מ'באַדאַרף טון.

האָט דער צד שכּנגד אויסגענוצט דעם זעלבן פּסוק פון דער תּורה פאַר זיך; זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס מיינט עס טאַקע די תּורה, דאָס, וואָס זיי מיינען, ס'הייסט, אַז זיי מיינען טאַקע דאָס, וואָס די הייליקע תּורה מיינט:

— והיה כּאשר רפה ידיו וגבר עמלק — דאָס מיינט, אַז אַ חוץ גאָט בעטן, דאַרף מען טאַקע עפּעס טון בּידים ממש; אַז נישט, איז וגבר המגפה.

— האָט דאָך יצחק אהרן געטון!

— דאָס האָט נאָר איין יצחק אהרן געטון. ווען מיר אַלע טון אָבער און היטן זיך אַזוי אָפּ ווי יצחק אהרן, וואָלט יצחק אהרן נישט געשטאָרבן...

— און ווען אַלע וואָלטן אַזוי פרום געווען ווי אברהם משה ע"ה, וואָלט אברהם משה נישט געשטאָרבן. ער איז געשטאָרבן פאַר די זינד פון אַנדערע. דער צדיק ווערט אַלעמאָל באַשטראָפט פאַר די זינד פון די זינדיקע, וואָס לעבן אין זיין דור.

דאָ איז שוין אויפגעקאָכט געוואָרן דער צד שכּנגד:

— וואָס ווילט איר דאָ אויסברייען? אַז מ'איז דאָ ווינציק פרום? — און אוועקגעלאָזט אַ טענה מיט באַווייזן, ווי ערלעך און פרום מ'איז, אַז מ'קאָן שוין ערלעכער און פרומער נישט זיין.

און דער צד שכּנגד האָט איינגעזען די גערעכטע טענות פון די קעגנער, אַז ס'האָט טאַקע נישט געהאָלפן דאָס, וואָס מ'האָט געטון ביז אַהער, אָבער זיך אַלץ געטענהט דאָס זייעריקע, אַז וואַרטן עד יעבור זעם, טאָר מען נישט, אַז מ'דאַרף עפּעס ווייטער טון. און צו טון איז נאָר געבליבן

איין סגולה, וואָס איז נאָך נישט געטון געוואָרן, און דאָס איז — שטעלן אַ חופּה אויפֿן בית עולם.

אַזאַ פּאָרל איז צום גליק געווען. יוען מען וואָלט זיי חתונה געמאַכט, אָט דאָס פּאָרל, צוריק מיט פֿופֿצן יאָר, וואָלט שוין אויך געווען די מצוות זייער גרויס... ס׳איז אָבער קיין מגפֿות נישט געווען און ס׳האָט קיינעם נישט געאַרט פֿאַר דעם בחור און פֿאַר דער מויד, וואָס ער, דער בחור, האָט שוין אויסגעזען ווי אַ מיטל־יעריקער ייד, מיט אַ געדיכטער קאָלטענעוואַטער באָרד, אַז מ׳האָט געקאָנט שלאָגן טשוועקעס אין איר, און די מויד, ווידער, האָט שוין אויסגעזען ווי אַ מאַמע פֿון אַ האַלב טוץ קינדער.

זיי זענען אַלע יאָרן זייערע געווען בײַ שטאָט אויף קעסט; זיי האָבן אומעטום געגעסן און אין ערגעץ נישט געגעסן. דאָ געכאַפּט אַ ביס, דאָרט אַ נאַש, און מ׳איז תּמיד געווען הונגעריק. ער איז געווען אַ משרת בײַ דער שטאָט, זי אַ דינסט. ער האָט געטון דרויסנדיקע אַרום־שטוביקע אַרבעט און זי — שטוביקע. איינס און אין דאָס צווייטע האָט געפֿילט אַ קאָנקורענט און האָבן זיך שרעקלעך געהאַסט איינס דאָס אַנדערע. אַז ער איז אַמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין קיך אַרײַן און זי געטראָפֿן, האָט ער זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ קאָטער, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין שטוב און טרעפֿט דאָרט אָן דיזעלבע קאַץ, וואָס דראַפּעט אים די אויגן אינדרויסן. עס האָט פֿיל מאָל געטראָפֿן, וואָס ביידע זענען אייניצייטיק געהען אונטערן רשות פֿון איין באַלעבאָס און איין באַלעבאָסטע און האָבן נישט געוווסט איינס פֿון דאָס אַנדערע. ער האָט דאָרט געהאַקט האָלץ אינדרויסן אָדער די שטאָל גערוימט, און זי האָט אין שטוב געוואַשן די פּאָדלאָגעס, און אַזוי לאַנג ווי ביידע האָבן נישט געוווסט איינס פֿון דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג איז בײַ ביידע בעגאַנגען די אַרבעט ווי זי האָט באַדאַרפֿט גיין, און פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס זיי האָבן זיך עס דערוווסט, אַזוי האָט עס מיט ביידע אָנגעהויבן צו מאָרדעווען. ער האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שפּאַלטן דאָס האָלץ צו דיק אָדער צו דין, און זי האָט אָנגעהויבן צו וואַסערן אַרום זיך, גע-

בעצט די שמאַטע אין שעפּל, ווען מ׳האָט עס באַדאַרפט און נישט באַדאַרפט, און געפּליוכעט און געליאַפּעט אַרום זיך מיט דעם ברודיקן וואַסער און ברודיקער שמאַטע און פאַרשפּריצט די פיס אירע העכער פון די קני...

ס׳האָט יעדער געוווסט, ווי דאָס פּאָרל האָט זיך „ליב״, און אַז מ׳האָט אים געוואָלט אַרייַנברענגען אין גרימצאָרן, האָט מען אים געזאָגט: „יענטע האָט דיך געלאָזט גריסן״, אַז מ׳האָט זי געוואָלט אַרייַנברענגען אין כּעס, האָט מען איר געזאָגט: „סענדערל האָט דיך געלאָזט גריסן״. עס האָט יעדער געוווסט דערפון, ווי דאָס פּאָרל האָט זיך „ליב״, און פונדעסטוועגן איז דאָך יעדערער געווען זיכער אין דער גרויסער מצווה, וואָס מ׳וועט דערמיט אויפטון, וואָס מען וועט אָט דאָס פּאָרל חתונה מאַכן, און אין דעם זכות, וואָס מ׳וועט דאָס פּאָרל חתונה מאַכן, איז מען געווען זיכער, וועט געשטילט ווערן די מגפה אין שטעטל.

ס׳איז שוין געווען איינמאָל אַ פּאָרל. זי, די מויד, האָט תּמיד געשמייכלט, געהאַלטן אין איין שמייכלען. זי האָט זיך געקאָנט אַוועקשטעלן און שטיין אַ שעה און צוויי אינדרויסן מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און געשמייכלט צו דער וועלט, און איטלעכעס מאָל, וואָס זי האָט געזען פאַרבייַלויפן אַ חזיר אָדער אַ הונט, האָט זי דאָס אָדער יענץ באַשעפעניש מיט אַזאַ טשעקאַוועקייט באַטראַכט, נאָכגעקוקט און נאָכגעשמייכלט, ווי זי וואָלט באַ אַלעמאָל קוקן אויף דעם דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געזען אָט דאָס באַשעפעניש. באַזונדערס איז געווען גרויס איר פרייד, ווען זי האָט געזען, ווי אַ האָן יאָגט זיך נאָך אַ הון...

גערעדט האָט זי אַלץ צו דער זאַך. דאָס אָבער, וועגן וואָס זי האָט גערעדט, האָט נאָר אַ זעקס-זיבן יעריק קינד געקאָנט רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. זי האָט גאַנץ גלאַטיק גערעדט וועגן שערבלעך און קנעפּלעך און מ׳האָט זי גליקלעך געמאַכט, ווען מען האָט איר געשענקט אַ ליידיק קעסטעלע פון שוועבעלעך.

די צווייטע העלפט פון דעם זיווג איז געווען אַ גאַנץ ערנסטע העלפט. מ׳האָט אים געהייסן טאַנצן, האָט ער געטאַנצט; מ׳האָט אים געבעטן זינגען, האָט ער געזונגען, און אַלץ מיט אַן ערנסטער פּאָזע. ער, סענדערל, האָט בעהאַט אַ שוואַכקייט פון מזווג זיווגים זיין.

— סענדערל, וועמען רעדסטו מיר אַ חתן?

— סענדערל, וועמען רעדסטו מיר אַ כּלה?

און סענדערל האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ קנייטש געטון דעם שטערן און אַזוי אַריינגעדבקהט זיך מיט אַ האַנט און מיטן אָנווייז־פינגער געטרייסלט און האָט זיך אַזוי געמורמלט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן און מיט אַ שאָקלענדיקער האַנט:

— פלוני בן פלוני לבת פלוני! — און צו־עמאַכט די אויגן. האָט ער דעם מיידל און דעם בחור צוגעפּאַסט אַ חתן, אַ כלה, און ס׳האָט זיך אַלעמאָל זייער גוט צוגעפּאַסט און ס׳האָט פיל מאָל געטראָפן, וואָס אַזעלכע זענען שוין גאָר געשטאַנען איינס מיט דאָס אַנדערע אין שידוכים טאַקע מיט דעם און מיט יענער, וואָס סענדערל האָט אויסגערופן. און האָט ער געזען אַ חתן־כלה, וואָס האָבן זיך, נאָך זיין מיינונג, נישט געפּאַסט איינס צום צווייטן, האָט ער געזאָגט:

— פע, וואַרף זי (אים) צוועק. איך וועל דיר געבן אַ שענערע כלה (אַ שענערן חתן).

יענטע איז תמיד געגאַנגען מיט אַ פּאַטשיילע אויפן קאָפּ און פון דער פּאַטשיילע פלעגן אַרויסקוקן די האָר אירע, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ ווייבל, וואָס איז נישט אַזוי מקפּיד אויף צניעות. צו דעם איז זי כמעט ווי אַכט חדשים אין יאָר געגאַנגען באָרוועס און די נעגל פון די פיס זענען געווען גרויס און שוואַרץ ווי גראָב־אייזנס...

געווען צייטן, ווען יענטע פלעגט יאָ אַמאָל אַ טראַכט טון וועגן סענדערלען. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער פלעגט זיך מיט עפּעס אויסערגעוויינלעך אויסצייכענען. די אויסערגעוויינלעכקייט, מיט וואָס סענדערל האָט זיך געקאָנט אויסצייכענען, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט זייער קונציק כאַפּן אַן עוף, וואָס נאָך איינער צו אים אַזאַ קונציקער עופות־כאַפּער, איז נישט געווען, און ווען ס׳איז באַ וועמען אַן עוף פאַרלוירן געגאַנגען, האָט מען עס שוין איבערגעגעבן אויף סענדערס הענט, און ער האָט עס שוין אָפּגעזוכט הינטער די הרי חושך. דאָ אין די זאַכן, האָט יענטע געזען זיין „הויך״ און זיין „גרויסקייט״, און דעמאָלט, אין אַזעלכע מאָמענטן, האָט זי געחלשט ער זאָל אַ קוק טון אויף איר. חוץ אָט די בריהשקייטן פלעגט ער אַמאָל גאָר באַ איר אויסזען ווי אַ מכשף, ווען ער האָט זיך פלוצלינג אין „מאַרק״ באַוויזן מיט אַ צענדליק אָדער אַנדערהאַלבן צענדליק אייער. געוווּסט האָט מען, אַז די אייער זענען נישט קיין בשרע, ס איז אָבער אַלע מאָל געבליבן אַ רעטעניש: ווו האָט ער זיי

באַקומען... קיין אמתע גנבה איז עס נישט געווען, ווייל פון קיין שטוב האָט ער זיי נישט געגנבעט. ער האָט זיי אַלעמאָל באַקומען ערגעץ פון דרויסן, ס'זענען אַלעמאָל געווען אַזעלכע קאַפּריזנע הינער, וואָס האָבן ליב געהאַט אָפּצולייגן די אייער זייערע ערגעץ אויסער דער שטוב אין באַהעלטעניש, צווישן געדיכטע קוסטעס און ווילד־באַוואַקסענע ערטער. די באַלעבאַטעס פון אַזעלכע הינער האָבן געהאַט גריזאָטע, און עס האָט זיך זעלטן וועמען פון זיי איינגעגעבן אָט די נסתרימדיקע ערטער, ווו די פּאַרשייטע הינער האָבן די אייער געלייגט, אויסצוגעפינען. סענדערל אָבער איז געווען אַ בריה אַזעלכע ערטער אָפּצוזוכן, און האָט זיי אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק פאַרקויפן. און ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס שרעקן אים מיט זיבן יאָר דלות פאַר די גנבהשע אייער, ער האָט זיך זיינס געטון. אַמאָל האָט זיך אים אויך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון טייך אַ געגנזן איי אָדער אַ קאַטשן איי, וואָס די גאַנז און די קאַטשקע האָבן אַרויסגעלאָזט פון זיך, שווימענדיק אויפן וואַסער.

דורך זומער פלעגן אים אַריינפאַלן שיינע עטלעכע קאָפּיקעס, און יענטע פלעגט אים מקנא זיין. זי האָט זיך אויך נישט איינמאָל גוועק־געלאָזט צו זוכן אַן אייערדיקן אוצר. אָבער די מי אירע איז געווען אַן אומזיסטיקע... זי האָט דערפאַר כאָטש אָפּגענומען נקמה אָן אים, וואָס ער וועט האָבן פיל־פיל זיבן־יעריקע דלותן, און דער דלות פאַר די געגנבעטע אייער, וואָס ער וועט באַקומען, האָט זיך אין איר טעמפּן מוח עפּעס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט פון דעם דלות, וואָס ס נדערל האָט געהאַט... עפּעס גאָר אַן אַנדערער האָט זיך איר אָט דער אייעריקער דלות פאָר־געשטעלט. . .

דאָס איז בקיצור געווען דאָס פאָרל, וואָס דאָס שטעטל האָט זיך אונטערגענומען פאַר אַ פאָר־פאָלק צו מאַכן.

די אסיפות האָבן זיך געצויגן די גאַנצע וואָך פון ראש־השנה ביז יום־כפור. באַלעבאַטים האָבן זיך צווישן זיך געדונגען, ווער ס'זאָל געבן מער, ווער ווייניקער, און דאָס שטעטל איז באַגליקט געוואָרן מיט אַ גע־

װאָלטיקער סענסאַציע. מ׳האָט נאָך נישט געװוּסט מיט װאָס די אסיפות װעלן זיך ענדיקן, און ס׳האָבן קינד און קייט, גרויס און קליין, אָפּגעגעבן מזל טוב דעם צופֿרידענעם פּאָרל:

— מזל טוב דיר, יענטע!

— מזל טוב דיר, סענדערל!

דערװײַל האָבן בײדע געשפּיגן, סײ זי, סײ ער — זי אויף אים, װען מען האָט איר אָפּגעגעבן מזל טוב, און ער אויף איר, װען מ׳האָט אים מזל טוב אָפּגעגעבן. דער „ברויטיגאַם״ האָט זיך נאָך מער געבלאָזן װי תּמיד, און אפֿילו די „ברויט״, יענטע, האָט אויבעט אויפֿגעהערט צו שמײכלען צו אַלע באַגעגענישן, װאָס איז איר געקומען אין די אויגן אַרײַן...

װען מ׳האָט „אָפֿיציעל״ סענדערלען געזאָגט, אַז מ׳װיל אים חתונה מאַכן פֿאַר יענטען, האָט ז״ך סענדערל אָפּגעװאָרפֿן, װי אַ גיפֿטיקע שלאַנג, װען מען מ׳טרעט איר אויפֿן עק. ער האָט גאָר לכתּחילה נישט געװאָלט הערן דערפֿון. נאָר שפּעטער האָט ער צװויסן געגעבן, אַז אויב מען װעט אים געבן אַ הונדערטער נדן, װעט ער אײַנגײן אויפֿן שידוך.

מ׳האָט עס קוים געמאַכט מיט אים פֿאַר פֿינף און זיבעציק, און ער האָט שכל געהאַט צו פֿאָדערן, אַז מ׳זאָל אײַנלײגן דאָס געלט בײַם דײַן, און אַז מ׳זאָל אים דאָס געלט געבן באַלד אַזוי װי ער װעט אַרויסגײן פֿון אונטער דער חופּה.

דער יום החופּה איז אָפּגעלײגט געװאָרן אויפֿן ערשטן טאָג חול־המועד סוכּות; פֿריער האָט מען עס נישט געקאָנט, װײַל מען האָט גע־דאַרפֿט זײַ צוגרײטן צו דער חתונה, צונויפֿנעמען פֿאַר זײערטװעגן אויף דער שטאָט אַלץ, װאָס אַ פּאָר פֿאָלק באַדאַרף נאָך דער חתונה צו האָבן. ס׳האָבן זיך אַװעקגעלאָזט איבער דער שטאָט גבאים און גבאיטעס. מ׳איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, און יעדער אײנער האָט געגעבן, װאָס ער איז געװען ביכולת צו געבן. װער ס׳האָט געשענקט אַ העמד און װער אַ פּאָר גאַטקעס; װער ס׳האָט געגעבן אַ האַנדטוך, װער אַ ציך, אַ לײַלעך, אַ ביסל פֿעדערן, װאָס איז אַרויסגעשלעפּט געװאָרן פֿון אײגענעם בעט־געװאַנט. פֿאַרמעגלעכע האָבן געגעבן מער װערטפֿולע זאַכן. דאָרטן האָט מען גע־געבן שיך און הויזן. אײן קאַפּאָטע און אַ צװײטע און אַ „הױבערשט״, אַ זומערדיק און װינטערדיק „הױבערשט״, אַ פּאָר היטלען זענען אַרײַנגע־

פאַלן, עטלעכע קאַמזוילן, באַ אַ טוץ אַרבע כנפות, באַ אַ אַנדערהאַלבן טוץ זאָקן און שקאַרפּעטקעס. צווישן דעם האַלבן טוץ קליידער, וואָס איז אַריינגעפאַלן פאַר דער כלה, איז אויך געווען איינס אַ ווייס זיידנס. ס'האָט איינע אַ גבירישע מיידל אַוועקגעשענקט עס אויסשליסלעך צוליב דעם, כּדי זי, די גבירישע טאָכטער, זאָל האָבן דאָס פאַרגעניגן אָנצוקוקן יענע אין אַ ווייס, זיידן קלייד. מ'האָט פאַרן פאַר פאָלק אַזוי פיל אָנגעשלעפּט, אַז ס'האָבן זיי מקנא געווען פיל באַלעבאַטעס. מ'האָט זיי ממש געמאַכט פאַר גבירים. ס'האָט קיינער נישט פאַרמאָגט אַזוי פיל וועש, אַזוי פיל אָנטון, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, וואָס זיי איז נאָך פאַרגעשטאַנען צו באַקומען דרשה־געשאַנק.

מ'האָט געוואַרט אויף דעם טאָג, ווי אויף אַן אויסערגעוויינלעכן יום־טוב. ס'האָבן אַלע, גרויס און קליין, אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט צו זען סענדערלען מיט יענטען, ווי מ'וועט זיי ביידן פירן אונטער דער חופּה. און אַלע האָבן זיך געגרייט, ווייל ס'איז געווען אַלעמענס חתונה.

די עטלעכע גבירישע בחורימלעך, וואָס האָבן זיך פון ווילטאָג און צוליב ווילטאָג אויסגעלערנט שפּילן אויפן פידל און אויף קלאַרנעט, האָבן זיך אונטערגענומען אָפּצושפּילן די חתונה. ס'האָט זיך אפילו אָפּגעזוכט איינער אַ גראַם־שיסער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו באַזינגען חתן־כלה מיט בדחנישן קנאַק. די זעלבע חברה און נאָך אייניקע צו זיי האָבן נאָך אויף יום־טוב אויסגעפּוצט דעם חתן מעשה חתן, מ'האָט אים אפילו איינגעשפּאַנט אין אַ האַרטן קאָלנער מיט אַ „פּליאַרע“ און מען האָט אים מיט טראַסק געפירט אין שול אַריין, ווי חסידים פירן דעם רבין זייערן, און פון דער ווייבערישער שול, פון די פענצטערלעך, האָט זיך אַלע מאָל באַוויזן אַ ווייבעריש פּנים, וואָס האָט מיט אַ טשעקאַווען שמייכל דעם חתן געזוכט.

דעם צווייטן טאָג סוכּות האָט מען דעם חתן אויפגערופן מיט אַ געדרייטן „יעמוד“, און די גאַנצע ווייבערישע שול האָט זיך אַריינגעשאָטן אין דער מאַנסבילשער, אַזוי ווי דער בעל־קורא האָט אָנגעהויבן באַזינגען דעם חתן, אַזוי האָבן די ווייבער אַ האָגל געטון מיט געקאָכטע פאַסאָליעס מיט יאַדערן און מיט ניסלעך (די ניסלעך האָבן געוואָרפן די נגידישע ווייבער), און זוברה קליינוואַרג האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף דער שמוציקער

פאַדלאַגע מיט הענט און מיט פיס און געקליבן דעם ערב־רב און גע־וואָרפן אין די מיילער און אין די קעשענעס אריין...

כאור הבקר, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, האָט זיך שוין איינער אַ קומען פון איינער אַ שטוב געדיכט געוויכערט און די קיך־פענצטער פון דער־זעלבער שטוב האָבן מיט פאַרטאָגיקער פייערדיקער ליכטיקייט געבלאַנקט און אַריינגעלויכטן אין גרויסן טאָג אַריין. דאָס האָבן שוין דאָרטן געאַר־בעט באַ אַ האַלב טוץ ווייבער, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געאַרבעט לשם מצווה און שפּעטער זענען שוין געלאָפן אַ פּאָר גבאיטעס אויפן בית עולם, צו טאַטע־מאַמע פון חתן־כלה געלאָפן, צו פאַרבעטן זיי, זיי זאָלן קומען זייערע קינדער צו דער חופּה פירן.

צו חתן כלהס „דאַליע" איז געווען אַ שיינער טאָג: מיט זוניקן פּאַ־ראַד איז דער פרימאָרגן געקומען. מיט רעשיקער ליכטיקייט און מילדער וואַרעמקייט האָט זיך דער טאָג אוועקגעשטעלט. אינם ריינעם הימל און אין דער שטילער לופט איז געווען צו דערקענען, אַז עס וועט אַ גאַנצן טאָג אַזוי זיין, ליכטיק און וואַרעם. אין דער לופט האָבן זיך דאָ און דאָרטן נידעריק און העכער פון נידעריק געטראָגן וויס־זילבערן שפּינוועבס, זיך געטראָגן, ווי לעבעדיקע דין־זיידענע ברואים, געשווומען אין אויר, אין ליכטיקן און אין זוניקן אויר, ווי קינדער צאַרטע, נאָר־וואָס געבוירע־נע מיט פרימאָרגן צוגלייך.

צוגעטוליעט צו הייזער, ווי מיוחסדיקע הייזער־קינדער זענען די „געמאַכטע" סוכות געשטאַנען, פאַרשטעלט ווו אַ פענצטער, ווו אַ טיר, אַזוי צאַרט און לייכט מיט צייטווייליק שטיין געשטאַנען, ברעטער און שפּאַרינעס האָבן צונויפגעפּאַרט שטוביקייט מיט דרויסנקייט... אָפּגעריסן אַ שטיקל אָרט פונדרויסן, פאַרשטעלט פונדרויסן אַ שטיקל שטוב און צו־זאַמען דעם יום־טוב סוכות געמאַכט. די געבויטע סוכות זענען געשטאַנען מיט צעעפנטע „פליגלען", וואָס האָבן זיך ערגעץ־ווו אויף אַ שטריק גע־האַלטן און ווי אויף האַלאַבליעס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און האָבן אויס־געזען ווי שטיקער דאַך־היטלען אויפגעריסענע און פון אינעווייניק, פון דאַך־חלל, האָבן אַרויסגעקוקט גרינע טשאַפּרינעס פון טשערעט און פאַר־דאַרטע, לאַנגע גופים מיט לאַנגע בלעטער פון קוקורוזע־געוויקס.

אין דעם יידישן יום־טובדיקן אינדרויסן האָט זיך כאור הבקר גבריאל מיטן אתרוג באַוויזן, אַ האַלב יום־טובדיקער, אַ האַלב וואָכעדיקער איז

דירעוודיק און לעבעדיק געגאנגען, אריינגעלאָפן אין אַ שטוב און אַרויס פון אַ שטוב און דאָס אַרויסגיין זיינס איז געווען פונקט אַזוי איילִיק, ווי דאָס אַריינגיין זיינס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לויפט אַרום אין יידישע הייזער און אין יידישן דרויסן דער יום־טוב סוכות, פאַרקערפּערט אין ייד, אין באָרד און אין די גרינע, לאַנגע און שפּיציקע בלעטער פון לולב.

דער יונ'ער פאַרשייטער עולם האָט נאָך מיט פאַרשלאָפענע אויגן אָנגעהויבן צו מאַכן וויזיטן בא חתן־כלה און יעדער פון זיי האָט געטון מיט חתן־כלה, וואָס וועמען ס'איז איינגעפאַלן צו טון. אַן אַנדערהאַלבן צענדליק מיידלעך האָבן זיך געדרייט אַרום דער כלה און מ'האָט אויף איר אַלץ געמאָסטן, אַלץ, וואָס מ'האָט צונויפגענומען פאַר אירעטוועגן אויף דער שכנאָט. מ'האָט אויף איר פּנים פּודרע געשאָטן און איר געפאַרבט די באַקן מיט רויטע פּאַפּירלעך, אין וואָס ס'איז געגאַנגען געהילט ציגאַר־פּאַפּיר, ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין האַרץ האָט געשפּיגן אויף דעם רויטפאַרביקן פּאַפּיר און איר די באַקן געריבן. באַם חתן ווידער זענען געווען בחורים און פונקט ווי יענע דאָרטן, די מיידלעך, האָבן אויף דער כלה דער כלהס קליידער געמאָסטן, אַזוי האָבן די בחורים געמאָסטן דעם חתן די אַלע קאַפּאָטעס, מיט אַלע קאַמזוילן און אַלע היטלען, וואָס ס'זענען אַריינגעפאַלן פון זייגעטוועגן, און מ'האָט זיך געשמאָלצן פון נחת, זיך געשטיקט פון געלעכטער, פון יעדן מלבוש, פון יעדן בגד, וואָס מ'האָט אויף דעם פאַרשוין אַרויפגעצויגן.

מ'איז נאָך ווייט נישט גרייט געווען צו דער חתונה און די קאַפּעליע מיטן בדחן אָן דער שפּיץ האָבן זיך באַוויזן אינדרויסן מיט זייערע כּלים, די חברה לצים האָבן אויף שטום־לשון אַ שטומען מאַרש געשפּילט. די פידל־שפּילער זענען געפאָרן מיט די רוקנס פון זייערע סמיקעס אויף די סטרונעס, און די קלאַרנעטשיקעס האָבן געהאַלטן די קלאַרנעטן אין די מיילער און געאַרבעט מיט די פינגער, די פינגער זענען געשפּרונגען און געטאַנצט אויף די זילבערנע פּאַנצערלעך אויפן קלאַרנעט. וואָס האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דאָס איז געווען אַ פיינער איינפאַל אָט דאָס, וואָס אַלע צוזאַמען זענען געגאַנגען און האָבן „פּאַנטאָמימעדיק" געשפּילט, ווער ס'האָט עס געזען, האָט עס אַרויסגערופן אַ שטורם פון פרייד אין האַרץ. אבלים, וואָס זענען נאָר אַ דאַנק דעם יום־טוב קיין שבעה נישט

געזעסן, האָבן זיך צעשמייכלט, צוקוקנדיק ווי די חברה גייען און שפּילן און *שפּילן* נישט. און צוקומענדיק צו דער טיר פון דער שטוב, ווו דער חתן איז איינגעשטאַנען, האָבן זיי מיטאַמאָל אַ טראַסק געטון אַרויס מיט אַ מאַרש און צענדליקער הערצער האָבן אַ צאַפּל געטון פון גרויס שמחה.

די קאַפּעליע האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שטוב מיטן מאַרש, וואָס איז אָבער גלייך איבערגעריסן געוואָרן. דאָרטן איז געווען אַזוי ענג און רעשיק פון קליינוואַרג, אַז ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר די מוזיקאַנטן און פאַרן שפּילן פאַר זייערן. און אינמיטן, צווישן דעם קליינוואַרג איז אַ מבולבלדיקער, אַ צעמישטער געשטאַנען דער חתן, און קענטיק נישט געוווּסט וווּהין זיך אַהינצוטון, וואָס מיט זיך צו טון און וואָס צו טון מיט דער חברה קליינוואַרג, וואָס האָבן אים באַלאַגערט. ער איז געשטאַנען, דער חתן, שוין חתנדיק און חתונהדיק אָנגעטון, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער „תם" געוואָרן, ווי ער איז געווען... ער האָט גאָר פּלוצלינג זיין „איך", דעם סענדערישן, פאַרלוירן און איז געוואָרן עפּעס אַנדערש, און דער עפּעס אַנדערש ווייסט ער נישט, צי ס'איז עפּעס אַ העכערע מדרגה פון סענדערלען, צי נאָך אַן ערגערע... ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער איז... עפּעס גאָר ווי אַ ניי־געבוירענער.

ער איז געשטאַנען אַ פּריטשמעלעטער פון רעש און טומל, געפילט ווי מ'רייסט אים און מ'צופּט אים פון אַלע זייטן און נישט געוווּסט צי באַדאַרף עס אַזוי זיין בײַ דעם נייעם פאַרשוין, וואָס ער איז געוואָרן, צי באַדאַרף עס נישט זיין?...

ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַ צעכראַסטעטער, אַ צערעפּעטער און דאָס פּנים זיינס האָט געוויינט פון צעמישטקייט און צערודערטקייט. אַז ס'איז דאָרטן קיינער נישט געווען בעסער איינס פון דאָס אַנדערע, אַלע זענען געשפּרונגען אין פּנים אַריין און אפילו די, וואָס זענען כּלומרשט שוין געווען פאַר אים, די, וואָס האָבן צו אים געשריגן, ער זאָל טון עפּעס מיט די אַלע, וואָס דערגיין אים די יאָרן, האָבן אים דערעסן מיט זייער זיך אָננעמען פאַר אים, נישט ווינציקער פון יענע, וואָס זענען אים געשפּרונגען אין פּנים אַריין... און דערפאַר האָט ער שוין נישט געקאָנט אָננעמען די עצות זייערע, כאָטש אים האָט זיך אַליין געוואָלט נעמען אָט דאָס גאַנצע קליינוואַרג און זיי אַרויסוואַרפן ווי די

„האלושקעס"... דערזען די קאַפּעליע, וואָס איז אויף איר אופן געקומען פון אים חוזק צו מאַכן, האָט זיך דער חתן צעוויינט און די כלי זמרים האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן דאָס קליינוואַרג פון שטוב. מיט רעש און געפּילדער איז דאָס קליינוואַרג געפלויגן דורך טיר און פענצטער, און געבליבן שטיין הינטער טיר און הינטער פענצטער, דאָרטן זיך פאַרנומען צו ליאַרמען און שרייען.

שפּעטער אָבער, אַזוי גלייך ווי עס האָט זיך איין ייד און אַ צווייטער געוויזן, איז געוואָרן שטילער און רויקער. קליינוואַרג אפילו האָבן אָנגעהויבן צו פילן די ערנסטקייט פון מאָמענט, אַז נישט צוליב ליצנות גייט מען עס התונה מאַכן אָט דאָס פּאָרל, אַז ס'איז צוליב זייער אַ וויכטיקער זאַך.

אַ ייד נאָך אַ ייד איז אָנגעקומען מחותנדיק און יעדן ייד האָט די קאַפּעליע באַגעגנט מיט „אַ גאַנץ פיינעם מזל־טוב", און נאָך יעדן אָפּגעשפּילטן מזל־טוב האָט דער בדחן אויסגערופן, ווי אַלע בדחנים רופן אויס אויף אַלע חתונות, אַזוי האָט דער בדחן נאָך יעדן אָפּגעשפּילטן מאַרש אויסגערופן:

— אָט דאָס איז געווען אַ גאַנץ פיינער מזל־טוב אָפּגעשפּילט לכבוד. . .

מען האָט באַזעצט דעם חתן אויבן־אָן און אַרום אים האָבן זיך אַרומגעזעצט די חשובסטע, די פרומסטע באַלעבאַטים און מ'האָט געטרונקען בראָנפן, געטרונקען לחיים און פאַרביסן מיט לעקעך. און פונקט ווי דאָ, באַם חתן, זענען געזעסן יידן און מקבל־פנים געווען דעם חתן, אַזוי זענען דאָרט, באַ דער כלה, געזעסן ווייבער און מקבל־פנים געווען די כלה. ס'האָט זיך יעדער איינער און יעדע איינע געשטופּט צו כאַפּן אַ שטיקל מצווה און אום דעם זכות ניצול צו ווערן פון דער אָנגעשיקטער מגפה, רחמנא לצלן, און אַרום און אַרום, צוזאַמען און באַנאַנד, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אויפגעלעבט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די גאַנצע מרה־שחורה און פול מיט בטחון, אַז דאָס וועט קורע גזר־דין זיין, האָט זיך אַ נייע הויט אויף אַלעמענס פנימער אַרויפגעצויגן, און ס'האָט יעדער איינער מיט אומגעדולד געוואַרט און אַרויסגעקוקט, אַז מ'זאָל דאָס פּאָרל צו דער חופה פירן.

* *

ס׳איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה צו נאַכט, ווען די קאַפּעליע האָט געגעבן אַ קלאַפּ דעם חופּה־מאַרש. מיט הבדלות, וואָס האָבן געפלאַקערט פייערדיק און רויכיק, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן עטלעכע יידן מיטן חתן אין־דערמיט. דער חתן, אין אַ שוואַרץ־געוואַנטענער קאַפּאָטע מיט אַ ווייס קיטל, וואָס האָט אויבן און אונטן ווייס אַרויסגעקוקט, האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלמן, וואָס גייט אַ צווייט מאָל חתונה האָבן. ווייטלעך פון הינטן האָבן ווייבער געפירט די כלה, דאָס פּנים פאַרדעקט אַריבער דער נאָז מיט אַ טאָפּלטער צונויפגעלייגטער ווייסער פאַטשיילע. מיט חתן־כלה און מיט יידן און ווייבער, וואָס האָבן חתן־כלה געפירט, איז מיטגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעטל, גרויס און קליין, און פון געדיכטן עולם אַרויס האָבן אַרויסגעשטאַרצט העכער פון עולם און העכער פון די קעפּ, די חופּה־שטאַנגען. אַ שטויב, ווי אַ געדיכטער נעפּל, האָט זיך אויפגעהויבן איבער קעפּ און מענטשן, און אין שטויב האָבן זיך ווי לאַנגע פּאות געקרייזלט און געשפּיצט די רויכן פון די הבדלות. די קאַפּעליע האָט געשפּילט, זיך געריסן אויף אַלע כלים. און ס׳איז געווען אַ געמיש פון אומעט און פריילעכקייט... אַ לעבעדיק פּאָר פּאָלק האָט מען געפירט אויפן בית־עולם, געפירט אַהין, ווו מען באַגראָבט, אַ חופּה־שטעלן, און ס׳האָט געצויגן צו קוקן אויף די חופּה־שטאַנגען, וואָס האָבן פונם עולם אַרויסגעקוקט. ס׳האָט זיך יעדן געדאַכט, אַז זיי זעען אויס עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל...

דער בית־עולם איז באַשיט געוואָרן מיט לעבעדיקע מענטשן. די גרעסטע צאָל האָט אַריבערגעקלעטערט איבערן פּאַרקן, ווייל דורכן שמאָלן טירעלע וואָלט אויסגעקומען זייער לאַנג צו וואַרטן, ביז ווּאַנען אַלע וואָלטן זיך דורכגעשטופּט. ס׳זענען געקראָכן איבער די פּאַרקאַנעס יינגלעך און יידן מיט בערד. ס׳האָט יעדערער געוואָלט זיין נאָענט צו דער חופּה און צו דער חתן־כלה, געוואָלט זעען די פּנימער זייערע, וואָס פאַר אַ פּנים זיי וועלן האָבן אונטער דער חופּה. מ׳איז געשפּרונגען און געקראָכן איבער צוימען און קברים, זיך דורכגעקראַפּקעט צווישן געדיכט פאַרפלאָנטערטע קוסטעס, ווו שוין צענדליקער יאָרן, אַז דאָרט איז קיין מענטשלעכער פוס

נישט געטרעטן; דאָרטן, ווו ס׳איז שוין נישט געווען קיין זכר פון קיין צוים און פון קיין מצבה, קברים אַזעלכע, וואָס מ׳האָט שוין נישט געוווסט צו ווענען זיי באַלאַנגען, קברים, וואָס האָבן צווישן די לעבעדיקע קיינעם נישט געהאַט. יינגלעך האָבן זיך אַרויפגעקראַפּקעט אויף ביימער; מער און צווייגן זענען באַשאָטן געוואָרן מיט לעבעדיקע חברה און פון ערגעץ, דאָ און דאָרט, פון אַ פּאָר ערטער און ווינקלען, האָבן זיך געלאָזט הערן געגרייזלטע „אל מלא׳ס". דאָס האָט מען התן־כּלהס עלטערן די אל מלא׳ס געמאַכט.

פונאַנדערגענומען די פיר חופּה־שטאַנגען און פירעקיק די חופּה אַוועקגעשטעלט, האָט מען חתן־כּלה אַרונטערגעפירט אונטער דער חופּה און מ׳האָט געזאָגט זיבן מאָל „ויהי נועם" און זיבן מאָל איבערגעזאָגט דאָס קאַפּיטל תּהילים „למנצח לבני קרח מזמור, שמעו זאת כל העמים" און נאָך דער חופּה האָט די קאַפּעליע ווידער אַ קלאַפּ געטון אַ מאַרש, חתן־כּלה זענען צוריקגעגאַנגען געאַרעמט. און פּונקט ווי פריער האָט יעדער געוואָלט זיין אויפן בית־עולם פון די ערשטע, האָט זיך יעדער איינער נאָך דער חופּה געאיילט נישט צו בלייבן פון די לעצטע, און מ׳איז איילנדיק געשפּרונגען איבער די פּאַרקאַנעס.

ס׳איז נאָך געווען גרויסער טאָג, אָבער ס׳האָט זיך שוין געפילט דער פאַרנאַכט. די זון איז אין מערב־זייט געשטאַנען אַלץ נאָך אַזאַ קלאָרע און אַזאַ לויטערע, ווי זי האָט זיך אינדערפרי אין מזרח באַוויזן, און ס׳האָט זיך געשפּירט, אַז נאָכן „געשענקטן", שיינעם, וואַרעמען טאָג גייט זיין אַ וואַרעמע נאַכט, און ס׳איז יעדער געגאַנגען מיטן פולן בטחון, אַז צו דער מגפה איז אַ סוף געקומען, און ווייט נישט קיין טאַנצנדיקע און נישט קיין „הוליאַקעס", האָבן געכאַפּט אַ טענצל נאָך אינמיטן גאַס, איינער אויפן צווייטן האָבן האַנט אויף אַקסל פאַרלייגט און אַזוי אַריינגעטאַנצט אין שול אַריין, דאָרט, ווו מ׳האָט ערשט אָנגעהויבן צונויפשטעלן טישן מיט בענק און ווו דער עולם האָט זיך ערשט פאַרנומען אויף אַ גאַנצער נאַכט זיך משמח צו זיין...